משה טייטש

# פאַר צוואַנציק יאָר

(1923 — 1903)

געקליבענע ווערק

4A
43153

1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Bibliotheca
Universitatis
Tartuensis
1941:9869

M. Tajcz. — „Dwadzieścia lat".
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

# אַנשטאָט אַ פֿאָררעדע

בײַ יעדן בױם אינם האַרבסטיקן װאַלד שטײט אַצינד אַ גאָלדענער בעכער, װאָס איז פֿול מיט שטאַרקזױניקן שױמענדיקן װײַן. לאַנגזאַם פֿאַלן פֿון אױבן די בלעטער פֿון די בײמער, און פֿילע פֿאַלן אַרײַן אין די שױמיקע בעכערס און זײ שװימען דאָרט —

װאַנדערער מידער, בלאָז אָפּ די בלעטער פֿאַרװעלקטע, לײג צו דײַנע ליפּן צו די בעכערס און טרינק.

און אין אײנעם מיט די בלעטער פֿון די בײמער פֿאַלן אַצינד מײַנע שורות פֿון דער צײַטיקער פֿעדער, און זײ װעלקן בײַ מיר אױפֿן פּאַפּיר. און אַזױ װי פֿון די בלעטער, װאָס קען בעסער זײַן זײער באַרוף, אױב ניט צו באַמיסטיקן אַ װאָסערן מאַגערן מוד־פֿעלד, װאָס װעט דערנאָך געבן אַ זאַפֿטיקן אײַנגאַנג, אַלײן ניט װיסנדיק, װעמען ער האָט די זאַפֿטיקײט צו פֿאַרדאַנקען.

פֿאַלט, שורות, פֿאַלט, און אין אײער פֿאַלן פֿון די גאָלדענע האַרבסט־בעכערס איך טרינק, װער עס איז אױף אים אַ מבֿין, פֿון װעלכן דעם שטאַרקזױניקן װײַן.

און אַז עס װעט נאָך אַמאָל קומען דער פֿרילינג, און די ליפּן פֿון די בײמער — די װאָרצלען װעלן װידער אָנהײבן ציען די זאַפֿטן פֿון דער ערד, װער קען אױסצײלן, װיפֿל דורות בלעטער עס האָבן אױסגעפּרעסט פֿון זיך דעם זאַפֿט, כּדי איך, יונגע און גרינענדיקע, מיט יונגקײט און גרינקײט צו פֿאַרזאָרגן — — איך אין דער דורותדיקער זאַפֿט־לאַבאָראַטאָריע אַן אַראָפּגעפֿאַלענער האַרבסט־בלאַט.

„דלאָניעס אין זון"

האַרבסט 1923

מ. טײטש.

# דורך די טויערן פון יאָר

# טויער I

.1

כ'קום צו אייך פון ברייטע פעלדער
מיט די פריינדלעכסטע גערוסן:
די פארליבטע זון פון פרילינג
האט געשיקט אייך הייסע קוסן,

אין דער וואלד א מאסנע-ריח,
אין די לאנקע פרישע בלומען,
און דער פרילינג האט פארבעטן:
איר זאלט קומען, איר זאלט קומען...

.2

דא-דארט איפן הימל שוין פארבן זיך הוידען,
קלאר-ווינטלעך אין שטרויכן זיך שושקען און סודען,
אין וואלד האט דער שניי-בלום געעפנט זיין אייגל. —
צוריק, מיינע פייגל!

אין ס'פלאטערט א גאלד-פאן אין זון פון באגינען,
פון שטראלן באגלאנצטע פרייד-וואסערלעך רינען
אין אינזלען פון פרילינג, שווארצערדישע פלעקן
די בעתגער באדעקן.

אין ס'רייסן אין פעלד זיך שוין קי פון די שטאלן
אין אנזאגער קומען, און רופן, און שאלן.
עס פליען ביטשאנעס — דרייעקן, דרייעקן —
וואו ביסטו, מיין שטעקן!

.3

אַ גאַסט פאָרט, אַ גאַסט פאָרט,
עפנט אַלע בראָמען.
ניט איך שליטן, ניט איך רעדער —
טרעפט, ווי איז זיין נאָמען!

אַ גאַסט פאָרט, אַ גאַסט פאָרט,
גייט אַרויס מיט פאָנעס —
פולע קעשענעס און הויפנס
ברענגט ער אונז מתנות.

ניט קיין ניס און ניט קיין עפל
ניט אפילו באָרן —
און ער ברענגט אונז, און ער ברענגט אונז
פייגלען גאַנצע שאָרן.

ניט קיין ביכלעך, ניט קיין צאַצקעס
ניט אפילו שטריקלעך —
און ער ברענגט אונז, און ער ברענגט אונז,
גראָז איך אַלע בריקלעך.

גראָז איך בריקלעך, זאַמד איך בעטלעך,
וועלן מיר זיך שפּילן.
אַז מיר ווילן, איז אין פעדלעך
און אייב ניט — אין מילן.

און אין חדר האַלבע טעג נאָר,
דער רבי — אַ פאַרטראַכטער,
ניט ער שרייט און ניט ער מוסרט,
אַז מיר שטיפן, לאַכט ער.

און אייב אַזוי, איז ניט געשלאָפן,
קינדער, נעמט זיך, נעמט זיך!

אײַ, דער רבי וואָלט איך שפּילן,
נאָר דער רבי שעמט זיך...

אַ גאַסט פּאָרט, אַ גאַסט פּאָרט,
עפֿנט אַלע בראָמען.
ניט אויף שליטן, ניט אויף רעדער —
פֿרילינג איז זײַן נאָמען. —

.4

זײַנען שלוחים צוויי געקומען —
גאָרן זאַמען, גאָרן זאַמען —
פֿאַרן פֿרילינג אַלע וועגן,
אַלע שטעגן אָפּצוראַמען.

און דער ווינט, דער ערשטער שליח —
גאָרן זאַמען, גאָרן זאַמען —
יאָגט דער ווינט פֿון פֿעלד די שנייען
און ער לויפֿט מיט זיי צוזאַמען.

און די זון, דער צווייטער שליח —
זאָגט זי אָן מיט שטראַלן פֿלאַמען:
פֿאַרן פֿרילינג אַלע וועגן,
אַלע שטעגן אָפּצוראַמען.

און נאָך זיי אַליין דער פֿרילינג
טוט שוין אויכעט ניט פֿאַרזאַמען
און אָט גייט ער מיט געזאַנגען:
גאָרן זאַמען, גאָרן זאַמען!

.5

פֿריילעך קלאַפּט אין שויב דער רעגן
און ווי אַרבעס שיט אויף דעכער,

וואַרפט אַראָפּ די שיך און זאָקן
און פאַרשאַרט די הײזלעך העכער.

עס וועט זײַן ניט ווײניק אַרבעט,
זעט וואָס בלאָטקעס אויף טשעקאַוועס.
מען וועט קענען מילן טרײַבן,
שיפן לאָזן אין קאַנאַוועס.

גרײט זיך צו און ניט געשלאָפן,
ווער ס'גרײט אָן, דער האָט אויף שפּעטער.
שטאָט קאַנאַטן זײַנען שטריקלעך
און טאַקטזורלעך זײַנען ברעטער.

וועט עס זײַן אַ ביסל רחבות
אויף די בלאָטעס-אָקעאַנען,
אַלע העפטן וועלן שיפן, —
אַלע ייִנגלעך קאַפּיטאַנען. —

.6

שטיל, באַגײַסטערט אויף די בײַטן
מיט אַ ציטער פאַלט דער רעגן:
מישופט אָפּ ער טויזנט וועגן
אויף די גרינענדיקע בײַטן.

פאַלט דער רעגן, מאַט-העל בליצט ער,
כ'גײ אַ שטומער אינם האָפן:
האָט עס קײנמאָל ניט געטראָפן,
וועט עס טרעפן אפשר איצטער:

אַז אין מישופראָד פון וועגן
קעגן האַרץ, וואָס צאַפּלט בײזנד
וועט כאָטש אײנער פון די טויזנט,
קומען שמײכלענדיק אַנטקעגן.

.7

זונען־שטויב און פרילינג־שימער,
טרינקט די ערד די שטאַרקסטע ווײנען,
און אין שימער דאָ און דאָרטן
מיט אַ שמייכל בליקן שײנען.

שײנען בליקן, אייגן ווינקען,
גינגאָלד־רענדלעך זיי צעשיטן:
יוגנט, פרילינג, פייגל־שאַרן
און מאַיאָווע אומשולד־בליטן.

.8

שפּילט די זון אין הימל
מיט די שטראַלן־צייכן,
און אַ זון אין וואַסער
מיט דער האַנט דערגרייכן.

שפּילט די זון אין הימל,
שפּילן מיר ביים טייך,
ווינטער זיינען מיר אָרעם,
זומער זיינען מיר רייך!

.9

עס צייכנט דער פרילינג זיין קלאָר־וועג מיט בלומען,
געצייכנט מיין וועג איז צו דיר איבער וועגן:
דער פרילינג צעשיט פאַר דער וועלט זיין פאַרמעגן,
און איך בין צו דיר מיט מיין בענקען געקומען.

צעבליט זיך דער פרילינג אין בלומיקע רייען.
דער הימל צעשמייכלט, ווי בליענדע פלאַקסן,
עס האָט זיך דאָס בענקען אין האַרצן צעוואַקסן
און קווייטן, און בלומען, קינד—דיך צו דערפרייען.

.10

איך וואַרט אױף די ערשטע פֿאַרחלומטע בלומען,
וואָס וועלן אין פֿעלד זיך באַלד ווידער באַווייזן
און וועלן די בינען גאָר פֿריינדלעך פֿאַרבעטן
אויף שיסעלעך שפּייזן.

עס וועלן די בינען אַוודאי באַלד קומען
און וועלן זיך דאַן מיט די בלומען באַראַטן
און פֿעלד גאַנץ געמיטלעך, ווי בעסער צו פֿראַווען
די האָניק־מאָנאַטן.

# טויער II

.1

דער הימל — אַ ים, די וואָלקן — באַזילבערטע אינזלען,
די זון פֿאַרביי זיי שווימט אין גאָלדענער שיף שטיל, באַזאַכט,
און שטיפֿעריש שפּריצט זי אַראָפּ אויף די בליענדע פֿעלדער
אַ רעגן פֿון לויטערע שטראַלן, און פֿרייט זיך און לאַכט.

די ערד — אַ גן־עדן, די פֿעלדער — פֿיל צויבער, פֿול וואונדער,
די בינען — זיי זשומען, זיי קומען פֿון בלימל צו בלום,
און שעפּטשען זיי ליבע, און רופֿן זיי מיט זיך,
און גיסן אַ הפֿקרן ריח פֿון האָניק אַרום.

און איך גיי אין פֿעלד אום און זאַמל די פּרעכטיקסטע בלומען,
און שפּיל מיט דער זון זיך, וואָס שווימט אין איר גאָלדענער שיף:
איך וואַרף איר אַ בלימל אַ בלוים, זי מיר — שטראַלן אַ הויפֿן,
איך גיב איר אַ לופֿט־קוש און כאַפּ מיט די פֿויגל אַ שטיף...

זי גיט זיך אַ בייזער, די ליבע, נו־נו מיט אַ פֿינגער —
איך שפּריט אים אין הייך מיינע הענט מיט אַ שמייכל צו איר;
זי בעט זיך גלייך איבער, ווי גאָרנישט געוועזן, און ווידער
באַשיט מיינע גלידער מיט קושן זי הייסע אָן שיעור.

דער הימל — אַ ים, און די וואָלקן — באַזילבערטע אינזלען,
די ערד — אַ גן־עדן, די פֿעלדער — פֿיל צויבער, אַ פּראַכט;
היינט בין איך דער חבר פֿון פֿייגל, פֿון זון און פֿון בלומען,
און באָד זיך אין רעגן פֿון לויטערע שטראַלן ביז נאַכט.

.2

אין כּל־זמן עס איז נאָך אַ זומער פֿאַראַנען,
האָב איך נאָך אַן אָרט אױף גאָטס ליכטיקער װעלט.
אין כּל־זמן עס זײַנען די פֿעלדער באַגראָזיקט,
האָב איך אַ געצעלט.

אין װאו װעל איך טאָגן? אין בלומיקן טאָל;
אין װאו װעל איך נאַכטן? בײַ װעמען אַמאָל.
װער װעט מיך פֿאַרװיגן? דער װאַרעמער װינט,
אין אױפֿװעקן װעט מיך די נאַכטיגאַל צינד.
אין װאָס װעל איך עסן? מיט בינען צוגלײַך,
אין שטילן מײַן דורשט װעט אַ כװאַליע פֿון טײַך...

.3

עס האָט זיך צעשמײכלט די זון אַזױ העל, —
איך שטײ בײַם שװעל.

עס האָט מיך נאָך קײנמאָל די זון ניט גענאַרט,
שטײ איך און װאַרט.

הער איך, עס טאָפּעט אַ פֿערד פֿון דער װײט:
עמעצער רײַט.

קומט ער און נאָענט — אַ פֿאַל און אַ הײב:
עס טראָגט זיך אַ שטױב.

גײט פֿאַרבײַ מיר באַלד דער רײַטער אַ שװים,
דער שטױב גלײַך נאָך אים.

באַדעקט מיך דער שטױב אַזױ לײַכט, אַזױ דין,
װי אַ גאָלד־געשפּין.

װעקט זיך אין האַרצן אַ דאַנק און אַ לױב —
פֿאַרן גאָלדענעם שטױב.

### .4

אַ וואַלד. אַ וועג. עס קלינגט אַ גלעקל
מלכות־גלאַנץ און זון־געוועב.
איך האָב אָפּגעשיילט אַ שטעקל, —
לאַכט ער ווייס אין זומער־לעב.

אַ וואַלד. אַ וועג. פֿאַרשטומט דאָס גלעקל,
שמעקט די ערד מיט יאַגדעס־זאַפֿט
און די זון שטיל אויפֿן שטעקל
איבערשריפֿטן פֿון שטראַלן האַפֿט.

האַרף איך הויך דעם ווייסן שטעקל —
קומט אַ מיידל אומבאַוואוסט,
טאַנצן שטראַלן אויפֿן בעקל
און זיך פֿלאָנטען אויף דער ברוסט.

קלינגט אַ שטים זיס ווי אַ גלעקל
און אַ לאַכן ווי קריסטאָל, —
גיט אַ פֿלי פֿון האַנט דאָס שטעקל
און די קאָרט מיט אַמאָל.

פֿלי און פֿאַל מיין ווייסער שטעקל
צו דער ערד די קאָרן בויג! —
קלינגט אין האַרצן ווי אַ גלעקל
און פֿאַר שמחה טאַנצט דאָס אויג.

### .5

אויף אַ שערבל פֿון אַ ביר־פֿלאַש,
וואָס געלעגן
איז אין שטויב,
האָט אַ שטראַל זיין רו געפֿונען, —
האָט זיך באַלד אַרויף צום הימל,

רײַן און קלאָר, ווי ערשט פֿון ברונען,
שײַן געטראָגן, ווי גערונען
שטיל אַ לײַב —
פֿונם שטײַב.

.6

קאָלירן זיך שטענגעס,
בײגן־רעגנבויגן,
רעגן אויף די בײטן,
בליצן אין די אויגן.

בליצן, שאַרפֿע שפּיצן,
פּערל, זילבער־טראָפּנס,
קלאַפּן־אויף די ערד ווייך
קערנדל ציקאָפּנס.

ברענען העל אין הימל
פֿײלן, שאַרפֿע זײלן —
קערנדל־פֿאַרזאָרגער
גרינט אַהים אויף מײלן:

ס׳איז די ערד באַמיטערט,
קינדער, ווי די רינדער —
קינדער, ניט געחלומט,
ציטיקט זיך געשווינדער!

.7

פֿאַרוויקלט אין שלײער פֿון וואַרעמען רעגן
שטיל קומען פֿון וועג די בײמער אַנטקעגן
צעלעבט און צעשמײכלט, באַהאַרציקטע, פֿײַכטע
און דאָרט אויף דעם ווײטיקן בוים אויף דעם הויכן
אַ וואַרעמער אָטעם זיך הייבט, ווי אַ הויך — און
צעשפּרייט זיך, צעשווימט זיך אין וואָלקנדלעך לײַכטע.

אין פעלד שטייט מיט וואַלד, כאָטש אָן זון, נאָר באַשימערט
אין בלום שטייט מיט בלימל, און ערד שטייט מיט הימל
פאַרוועבטע מיט מאַטקייט, און שווייגן פאַרמידעט
אין דאַכט זיך, דער זאַמד אויפן וועג זעט דער נאַסער,
ווי שטיל אויפן גראָז און די טראָפּעלעך וואַסער
דער חלום פון טויזנטער פרילינגס זיך הוידעט.

און דאַן אַ געדאַנק דיך דורכבליצט, אַז אָט איצט
אין מאַטעוון שלייער דאָרט ווייט בײַ אַ שטיין
אויף עהגעץ אַ מויזשע בײַם גרינענדן קאָרן
צו עתגעץ אין וועלדל בײַם שפּראָצנדן ברויט
דערפילט ווערט אין שטילן און הײמלעך פאַרטרויט
דער מיד פונם וואַקסן, פאַרגיין און געבאָרן.

8.

זאַמל זון אין אַלע גלידער
און זאַפּ איין וואָס מערער שטראַלן;
פון די שטראַלן ווערן לידער
און די לידער זיינען קוואַלן.

גייען וואַנדערער אין פאַלן
און די איבגעברענטע סטעפּן:
קומען מידע צו די קוואַלן
און זיי שעפּן, און זיי שעפּן — —

9.

טעג געלעגן אויף דער זון,
בין איך דורכגעזאַפּט מיט שטראַלן,
ווי מיט קלאַנגען איז דער האָרן
און דיין שאַלן דורכגעזאַפּט.

שאַלט מיין וועזן מיט די שטראַלן
אין דער וועלט, אין אַלע עקן —
כ׳בין מיט זון אַ פולער בעקן,
כ׳בין אַ פולער בעקן זון.

.10

איך מיין פעדער הענגט אַ שטראַל
און איך שרייב מיט זונען־שטראַלן,
גיט אַ ריים אַמאָל אַ פאַל —
ס׳איז אַ שטראַל אַראָפּגעפאַלן.

און אומענדלעך איז דער קוואַל
פון די בונטע זונען־שטראַלן·
ווי רובין און ווי קאָראַל
טוען פאַלן זיי און פאַלן.

.11

גוט איז אין ערגעץ אַ ווינקל אין צווייען צו זיצן
און פירן אַ שמועס פון טויזנטער זאַכן,
און לאַכן,
און בליצן
מיט קלוגע געדאַנקען.
נאָר בעסער איז ערגעץ צו זיצן אַליין
אין שאָטן פון גרינענדע צווייגן,
צי אפשר גאָר ליגן, צוקאָפּנס אַ שטיין,
און קוקן אין הימל, און שווייגן,
און טראַכטן ניט טראַכטן, און קלערן ניט קלערן:
פון אויבן באַגיסט דיך מיט שטראַלן די זון,
ס׳באַהויכט דיך דאָס ווינטל,
און דו ביסט פאַראַן און ניטאָ,
און אַרום איז דער זומער,

אַ ריידעוודיק־שטומער,
און דו ביסט אין זומער,
און ער איז אין דיר, —
און אַזוי גייט אַ שעה און אַ שעה
און עס קומט דער פאַרנאַכט
מיט די שאָטנס די קילע און טויען,
און דאַן ווערט ערשט ליב און ווערט גוט,
און דו פילסט אין דער שטיל, ווי אין יעדער מינוט
די אייביקייט שפּילט זיך מיט רוע און פרידן,
און דו פילסט,
ווי עפּעס פון דיר ווערט דערווייטערט,
און עפּעס אין דיר ווערט געלייטערט,
און איבער דיין קאָפּ
הייבט אָן פאָכן אַ פליגל אַ ווייסער,
און פאַר דיינע אויגן גאָר פלוצלונג
אַ פאַרשלאָסענער טויער זיך עפנט,
און פון דאָרט גיט אַ ליכטיקע כוואַליע אַ גאָס,
און דו עפנסט די ברייטע פאַרוואונדערטע אויגן.
און דו קוקסט הינטער טויער אַריין,
און דו זעסט — — —

— — — — — — — — — — — — —

12

ווי די קאַלך־איוונס אין הימל
בלאַנקענד ברענען פייער־זיילן
און די זון־שטראַלן, ווי פיילן,
וועלכע טרעפן שפּיציק־שאַרף.

ווערט דער קאָרן צו פרי צייטיק
און דער האָבער קען ניט וואַקסן,
קילונג בעטן איך די פלאַקסן,
איסגעטריקנט פאַר דער צייט.

און די פויגל און דער לופטן
קענען אויך זיך ניט דערפרישן,
אויפן טייכל בלאנקען פישן,
בעטן אויך אויף רעגן שטום.

.13

איז די זון א בעקן פייער
און דער זאמד א פייער־בעקן:
גאנצע טעג דעם טייכל לעקן
פייערדיקע צינגער.

קוקט דער הימל, ווי פארמשפט
און זיין קלייד מיט שטויב פארצויגן,
האט ער אונטס הויטע אויגן,
ליפן גאר פארטריקנט.

און די ערד איז אויך א קראנקע
און איר דורשט און־לשער
הערט און אונט אויך ניט פייער —
שלאפלאז איז די נאכט.

.14

ווי א מדבר איז דער הימל,
און די ערד איז ווי א גלאז,
שפריצט די זון מיט פונקען פייער
און עס שרפעט בלום און גראז.

איז דער וואלד, ווי איינגעשלעפערט,
און ער רירט ניט מיט קיין שפיץ,
פון דער פרי ביז שפעט און אהנט
בלאנקט די זון — א בעקן היץ.

שפּרינגען פּישלעך איפּן וואַסער
מיט די שופּן זילבער-בליך:
איך די פיש אין וואַסער בעטן
איף אַ רעגן אין דער היץ.

.15

קומט דער אָונט און נעמט צו
איף זיין גרויע קראַנקן-מיטה,
די צעחלשטע, צעגליטע
קיניגין פון טאָג.

נאָר עס ווערט די היץ קיין קלענער,
און אין שאָטן ווערט ניט קילער
נאָר אַ זיפץ אַ טרויעריק-שטילער
טראָגט זיך אין דער לופט.

און אין שטאַלן בעטן קי,
און אין פעלדער בעטן תבואה
עטוואָס קילונג אַ רפואה —
שטילן ווי דעם דאָרשט.

.16

קומט צו גיין דער זומער-אָונט,
אָפּגעברענט פון זונען-וואַנעס
און צעהענגט איף בוים, פּאַרקאַנעס
זיינע גאָלד-געשטיקטע טילן.

און ער שמייכלט אַ פאַרטראַכטער
מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען:
דאַרף ער היינט נאָך טרעפן וועמען
און ער קען זיך לאַנג ניט זאַמען.

גײט ער באַלד אין װאַלד אַריבער,
דאָרט קומט פֿאַר עס, און מיט בליקן,
װעלכע ברענען מיט אַנטציקן,
װאַרט ער הײמלעך אויף דער נאַכט.

.17

הײס דער װײַן פֿון דײַנע ליפּן
און די אָרעמס — זון־געװיטער
און דער בליק פֿון דײַנע אויגן
װי מיט פֿײַער־פֿלאַם באַשיט ער.

טרינק איך דאָרשטיק הײסטע װײַנען,
באָד מײַן קאָפּ אין זון־געװיטער,
און אין האַרצן הײס מײַן זומער
מיט די העלסטע פֿלאַמען בליט ער.

.18

צום סוף פֿון אַ זומער־טאָג טרעפֿט אין געדיכט־װאַלד
די זון פֿאַר פֿאַרגײן טױט אַ בלישטש אומגעריכט,
צעװאַרפֿט זיך מיט ליכטיקע בליקן אויף בלעטער,
צעשטעלט אויף די צװײַגן העל־ברענענדע ליכט.

און ס'גיט דיר בײַם האַרצן אַ צופּ: אָט איז יאָרצײַט,
ס'איז קײנער געשטאָרבן, דאָך טוט אַזױ באַנג —
אין הימל דער װײַטאָג צעשװימט זיך אין פֿאַרבן,
ער בלײַבט נאָר פֿאַרגליװערט אין האַרצן אויף לאַנג.

.19

## לַמְנַצֵּחַ

למנצח, אַ ליד אויף מײַן קלאַנגרײַכער לירע.
אָ, זונרײַכע מוטער, אָ, מאַמע פֿון װעלטאַל און גאַנצער יצירה,

צוגלייך מיטן טאָג האָסטו שטראַלן צעשיקט אויף די בערג, אין די טאָלן און פליינען,
אין מדבר און סטעפּן, אין שטעט און אין דערפער, וואו מענטשן נאָר וואוינען —
דיין קאָפּ צו באַקרוינען!
די זון איז געקומען מיט נחת און פריידן, די פינסטערע נאַכט איז געעקט,
און וואו נאָר אַ פענסטער, און וואו נאָר אַ שפּאַלט פון אַ לאָדן, איז דאָרטן געקלאַפּט און געוועקט:
אָ, מענטשן, אָ, מענטשן, געקלונגען די שעה פון דער ליכטיקער שירה!
און פייל אויסן בויגן די שאָטנס פאַרפלויגן,
עס קלאַפּן זיך שטראַלכעלעך שטיל אין די אויגן
און גלעטן און בעטן: קום, לאָמיר באַטרעטן
די שטאַפּלען די העכסטע פון הימלישע הויכן.
דער חושך געשטאָרבן, דיין הארץ איז אַ קרבן,
צוגלייך מיטן טאָג האָסטו גדולה דערוואָרבן.
די זאַפטן זיך גיסן, ווי וויין־קוואַלן פליסן —
די איברים, די גידים די שמחה באַגריסן,
און וועמעס די שטראַלן, די זונרייכע קוואַלן,
וואָס שפּריצן און גיסן, ווי שפּרינגברונעמס פאַלן
צו גאָרניט די מיינע פון האַרצפולער טענה —
עס זינגען די גלידער: הושענא! הושענא!
עס גיסט זיך מיט וועלטאַל און וועלטאַל מיין ליד...
זינגט שירה דער בינשטאָק מיט אַל־זיינע בינען,
און טייכל מיט שירה, די וואַסערלעך רינען,
די ווערבעס ביים טייך, אויפן ברעג זינגט דער זאַמד אָט דער נאַסער,
איך זינג מיט דיביימער און וואַלד, מיט די פיש אינם וואַסער,
איך זינג מיט די פייגל און הויך, מיטן קראָט און זיין וואַ־עמער דירה,
איך גיב מיינע קלאַנגען אריין אינם כאָר פון דער גאַנצער יצירה —
צו דיר איז מיין ליבע און צו דיר איז מיין שירה —
אָ, געטלעכע מוטער, אָ מוטער־נאַטור —
למנצח, אַ ליד אויף מיין קלאַנגרייכער לירע.

,20

## דאָס ליד פון די גאָלדענע טרעפּ.

צוגלייך מיטן טאָג איז אַרויס פון איר פּאַלאַץ די מלכּה די זון. זי האָט זיך געשטעלט
אויפן גאָלדענעם שוועל און געוואָרפן אַ ליבלעכן בליק אויף דער וועלט.
אָ, מענטשן און חיות און פויגל און שטיינער און האַרן אין שקלאַפן
און אַלץ, וואָס עס האָט די נאַטור פון דער זון אַ באַפרוכפּערטע געט־לעך באַשאַפן
סיי שטומע און טויטע (ניטאָ גאָר קיין טויטע!) סיי חיות און עופות און שפּראָצן —
שמייט אויף! ס׳האָט געקלונגען די שעה פון באַוויליקונג, זונרייכן רצון!
די ערד און דער הימל, דאָס ווינטל, די וואָלקן — שוין פלאַטערן, צאַפּלען,
געקלונגען די ליכטיקע שעה פון די גאָלדענע שטאַפּלען!
אָט שטעלט שוין די מלכּה, די זון אירע טריט אויפן שטאַפּל דעם ערשטן,
עס שאַלט די ידיעה, צעטראָגט זיך אויף בליצשנעלע שטראַלן אויף הונדערטער ווערשטן...
דערהערט עס דער טוי אויף דער לאָנקע און גיט זיך אַ הויב
מיט דאַנק און מיט ליב אַנטקעגן דער זון, ווי אַ וואַסערנער שטויב
און בּיסלעכווייז גייט ער, צעגייט ער, און ווייטן פאַרבלייט ער,
צעשווימט זיך אין אַ גלאַנץ ער, אַ קרבן־עולה אַ גאַנצער,
פאַרגייט ער אַ זיסער אין גליק אין אַנטציקן...
דערהערט עס דער פאַסטעך, דאַן נעמט ער זיין הורע,
צעלאָזט זיך אין שאַלן — פון אַלינקע שטאַלן זיך קלייבט זיין אַגודה,
און ער ווי אַ מלך מיט לאַנגזאַמען הלך זיי פירט אין דער זאַפטיקער גרינגראָז־מדינה...
דערהערן עס שאָטנס, זיי גיבן אַ פלאַטער, זיי גיבן אַ צאַפּל,

און ווערן באַלד בולטער, קענטיקער, טיפער...
דערהערט עס דער ווינטל דער שטיפער,
דערהערן עס בערגער און טאָלן און וועלדער און פעלדער און טייכן,
און אַלע זיך וועקן אין אַלינקע עקן, און אַלע זיך פרייען און טאַנצן
אין רייען,
און ווינטל, און שעפסל, און טוי־שטויב, און שאָטן:
די זון האָט דעם גאָלדענעם לייטער באַטראָטן!

21.

*
*   *

איך זע דיך אין פעלד מיט אַ בינטל פון צייטיקע קאָרן אין האַנט,
די אויגן — זיי בליצן און לייכטן, זיי לייכטן און בליצן,
די פיס זײַנען נאַקעט־אַנטבלויזט אויף דער גראָזיקער מעזשע,
דאָס פנים, די אַקסלען פון זון אָפגעברענט.
און לאַנגזאַם דײַן גאַנג און עס שוועבט אויף די ליפן אַ בלענדנדער
שמייכל.
דײַן לײַב שפּראָצט אַרויס פון די לייכטעסטע שטראַלן־געשפּונענע
קליידער,
געזעטיקטע פול מיט די שיכורסטע זאַפטן און ריחות,
און זומער אַרײַן שפּראָצט אַרויס און מיט זאַפטיקער צייטיקייט רופט:
מײַן בליק האָט דעם הייסן, דעם צייטיקן, זוניקן זומער פאַרגופט.
און זע די פּאָר אויגן — עס האַלוט זיך אין זיי און עס קושט
זיך דער טאָג מיט דער נאַכט,
די לאָקן — אַ צייטיקער הויטיקער גאַרב,
די ליפן — פול האָניק פון גאָלדענע בינען אין פעלד,
די לענדן — זיי רייצן ווי צייטיקע פרוכט,
די ברוסט — דורכן גליענדן אָטעם פון זומער געקושט,
ווי ווײַנטרויבן־בינטלעך אַנטקעגן די אָפענע אָרעמס
זיי וועקן און רופן, זיי רופן און וועקן:
כ'בין צייטיק, פול זאַפט און פול שימער און שײַן,
דער קעלטער געטראָטן און שטאַרק איז דער ווײַן —

קים, רייס מיינע פרוכטן און טרינק פון מיין אָטעם —
און ווייטער און ווייטער: פון מעזשע צו מעזשע
די איגן זיי לייכטן און בליצן,
עס כוואַליען זיך, בליצן מיט גאָלדענע סודות די לאָקן.
די הענט מיטן ציטיקן קאָרן און שין איבגעשטרעקט
גייט לאַנגזאַם און זיכער די מלכה פון זומער פון דערפל צו דאָרף
און אומעטום וועקט זי און אומעטים רופט:
עס האָט זיך דער הייסער, דער ציטיקער זומער אין גליסטיקע פריידן
פאַרגיפט.

.22

*
*   *

אַ בלומיק־צעשטראַלטער און מיידלש־צעשמייכלטער האַרציקער נאָג—
ס'פאַרמאָגט נאָר דער ציטיקער זאַפטיקער האַרבסט אַזאַ גלעטנדע
ווייכקייט —
און וואַרעמער צערטלעכער הייך, און דער בלוילעך־דורכזיכטיקער
בלייכקייט
אַזוי ווי וואוּאַלן שניי־ווייסע דאָרט וואָלקן־לייכט שווימען אַטורך.

און גוט איז אין ערגעץ אַ פעלד אויף אַ מעזשע אַן עדות צו
זיין
פון האַרבסטיקער פראַכט, און די לויטערקייט־האַרציקייט דורשטיק
צו זויגן,
די פאַרבן אין שווינדן און אָוונט באַגלייטן מיט ליכטיקע אויגן
און הערן, ווי ס'פאַלן שטיל קערנער פון ערגעץ אַ ציטיק־פאַרגעסענעם
זאַנג.

.23

איך פעלדער, וואָס זיינען צעבערשטלט, צעשטעכלט פון זעטיק־פאַר־
שניטענע קאָרנס,
איך בערגער, אין טאָלן און פליינען, וואו שטיל נאָך דער פאַסטעך
די שעפעלעך פיטערט,

הורכזיכטיקער ליכטיקער האַרבסט אין פּרימאָרגנס שוין בלאָזט אין די גאָלדענע האָרנס
און אַלע פאַרנאַכט אין דער שטייף־קלאָרער לופט פונם וועלדל אַ האַרפע־קלאַנג ציטערט.

און הייס הורכן ליבלעכן טריבלעכן טאָג גיסט די זון אירע שטראַלן אויף דעכער,
אויף בערגער, און טאָלן און פליינען, צעטיילט ביז אַ טראָפּן איר זימער־יניקה, —
און ווען ס׳ט׳ווערן ליידיק און גאַנצן פון גלאַנצן איר שוימנדער בעכער,
דאַן וועט זי פאַרבליצן און פאַרבן און שטאַרבן צעשמייכלט אַ מיתה־בנשיקה.

.24

* * *

עס שפילט אויף די מיידלשע באַקן און היזן צעבליטע די היץ,
דער ווינטל דער שטיבער און גאַכן באַפּאָכט מיט זיין אָטעם די ביזסטן,
געהילטע אין ווייסן הורכזיכטיקן שטאָף און באַהאַלט זיך און טוליעט
און פאַלבן און קנייטשן, און שעפּטשעט און לייכטע קאַפּריזן פאַר־היליעט
פון איינזאַמע סטעזשקעס און וואַלד און פון ערדישע פריידפולע גלוסטן.

עס שפילט אויפן הימל דער אָוונט מיט פאַרבן און שטעלט זיי אין קאָן,
און יעדן מאָל שיקט ער אַליין נייע. די שעדן פול רייין אומבאַוואוסטן:
געווינען, פאַרשפילן... פאַרפלייצט ווערט און פאַרבן דער גאָלדענער בעקן,
די שאָטנס געדיכטער און לענגער, און שוואַרצע וואַלן פאַרדעקן
די איינזאַמע סטעזשקעס און וואַלד מיט די ערדישע פריידפולע גלוסטן.

.25

*
*   *

אין פּול הערט גאָר קריגמאַל ניט ווערן די מאָס פון מיין גרויסן אַנטציקן...
צו דיר, מאַמע־ערד, און די גוטע מינוטן דערהייב איך מיין שטימע,
איך בעט ניט, איך דאַנק ניט — דער הימל מיין היכל, די ערד איז
מיין בימה,
איך שטיי אין באַוואונדער, און זאַפּ נאָר די וואונדער אַריין אין די
בליקן.

נעמט שוימען דאָס האַרץ מיט געזאַנגען, אַזוי ווי דער תהלים מיט
שבחים
און ס'הייבן די ליפּן זיך אָן צו באַוועגן און ווערטער זיך גיסן
און כ'הער ווי די ווערטער אין קלאַנג־האַרמאָניען און ריימען זיך
שליסן:
און מיטן איז גאָט. און געזאַנגען־באַגלייטונג אי פאַר אים אי נאָך
אים.

.26

שטיל דער בוים שטייט הינטער פענסטער
אין אַ סוד, פאַרטרויעט היט ער,
און דער לעצטער אָוונט־ציטער
ווערט פאַרתּהומט אין צווייג און בלאַט.

און דאָרט ווייטער, וואו דער הימל
מיט דער ערד זיך שטיל באַגעגנט,
דאַכט זיך, ווער זיך דאָרטן זעגנט,
גייט איצט אייביק ווער אַוועק.

אָדער וואַרט... ס'איז קיים צו מערקן
עפּעס שאָטענס... אַ להיה...
אַלע טאָג גייט דורך אַ נייע —
שטיל און טרויעריק דער צוג.

שאַ, אַ שטערן און נאָך אַ שטערן —
איצטער ווייס איך די באַשיידונג:
אין דער שוואַרצער טרויער־קליידונג
צינדט נשמה־ליכט די נאַכט.

27.

איז פֿאַראַנען ענדע זומער
אַזאַ סימנדיקער טאָג,
ווען דער זומער שטייט ביים שייד־וועג
מיט אַ וואָגשאָל אין דער האַנט.

אין די שאָלן אויסגעגלייכטע
אויף דעם מיטל־פּונקט פֿון רו:
ווי פֿאַרטיפֿט אין טיפֿן טרויער,
האָט זיך אָפּגעשטעלט די צייט.

און אַזוי אַ טאָג געדויערט,
און אַמאָל געדויערט טעג:
אַ פֿאַראומערטער, פֿאַרבענקטער,
אויפֿן וועג דער זומער שטייט.

נאָר גאָר פּלוצלונג — און די וואָגשאָל
גיט אַ ציטער, גיט אַ פֿאַל, —
כאַפּט זיך אויף דער מידער זומער
און ער לאָזט זיך באַלד אין וועג.

גיט ביינאַכט אַ צי אַ ווינט־קאַלט,
און דער פֿרי אַ רעגן גיסט:
ערגעץ האָט דער מידער זומער
שוין באַגריסט דעם האַרבסט פֿאַרפֿרי.

---

## טויער III

.1

לאַנג אָפּגעבלאַנקט האָבן אין פעלדער דער סערפּ אין די קאָסע.
די תבואות — זיי זיינען אויף העלפט שוין אין שייער;
אויף ליידיקע בייטן וועט פאַלן די זילבערנע ראָסע
אין שניטערקעס וועלן ניט זינגען מער היי־יאָר.

אין נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג... הערבסטיקע לאַנגע באַהויבן
די מאַמע די ערד פון דער פרי, פון באַגינען, —
און אַז די לבנה ביינאַכט וועט אַ קוק טאָן פון אויבן,
וועט זי אַ פאַריתומטע פעלד שוין געפינען.

.2

שאַ, דער ווינט איז איינגעשלאָפן
אין די ביימער שטייען שטום —
אין דער ליפטן פלאַטערט נאָר
אַ געהיימניש שטיל אַרום.

אין עס אָטעמט שטיל אַן אָטעם,
שוין אַ גאַסט פון צפון־קאַלט:
עס דערפילט דעם הויך דאָס בלעטל,
גיט אַ ציטער עס אין פאַלט.

עס דערפילט דעם הויך דער פויגל,
האַקט ער אָפּ זיין זינגען באַלד
אין פאַרטראַכט זיך: אָט פאַרפליט ער
אין פאַרלאָזט זיין היימאַטס־וואַלד.

שאַ, דער הימל איז נאָך ליטער
און דאָס טייכל איז נאָך קלאָר,
נאָר די לופט איז פול ערוואַרטונג:
ערגעץ קומט אַ מוד איצט פּאָר...

.3

ווייט פון וועגן, וואו מען זעט קיין דורכגייער, קיין פאָרער.
ערגעץ אין אַ וועלדל ביי אַ קרעניצע אַ קלאָרער,
ליגט פון אייביק אָן אַ גרויער שטיין אַ שטומער —
אויפן שטיין דאָרט זיצט יעצט אין אַ האַרבסט־מאַנטל דער זומער.

אָנמעכטיק די הענט אַראָפּגעלאָזט, און די אויגן דעקט אַ כמאַרע,
אויפן קאָפּ אַ קראַנץ פון האַלב־פאַרוועלקטע בלעטער דאַרע,
אויף די בלאַסע ליפּן גאַנצע שניר פון ליבע־סודות שטילע —
אין ערוואַרטונג זיצט ער און ער שעפּטשעט אויפן וועג אַ תּפילה.

ס'פאַרגייט די זון, עס נעמט אַרום די נאַכט פון אַלע עקן.
דאַמאָלסט נעמט אין האַנט דער וואַנדערער זיין שטעקן,
לאָזט זיך גיין פון וואַלד אַרויס אויף ברייטע וועגן,
און ביים שייד־וועג, האַלבע נאַכט פונקט, קומט אים עמעצער אַנט־
קעגן.

פאַרשפּעטיקטע דורכגייער האָבן ניט איינמאָל סוף זומער געטראָפן:
עס קומען צונויף זיך ביים שייד־וועג צוויי שאָטנס פון דרום און
צפון:
זיי גיבן די הענט זיך ביים גלאַנץ פון לבנה און שיידן זיך ווידער —
די לייבלעכע ברידער.

.4

לאַנגזאַם שוועבן שפּין־געוועבן
איבער פעלדער, איבער סעדער
און קאָלירטע שטראַלן בליקן
קייקלען זיך, ווי צייבער־רעדער.

אין די ווײַטע האָריזאָנטן
ווערן קעלטער, ווערן בלאַסער,
אין די העלע פֿאַרבן שווינדן,
ווי אַ חלום, ווי אַ וואַסער.

שטיל גייט אויף די זון אין רויטן,
אין פֿאַרגייט אין פּורפּור־רויטן,
שטיל פֿאַרגייט זי, ווי פֿאַרבענקט זיך
נאָך אַ ליבן, נאָך אַ טויטן...

.5

אַ ווינטל אַ קילער פֿון צפֿון־זייט וויט:
אַ שטים אויף די בערגער, ווי עמעצער גייט...

פֿון בערגער אין טאָלן צעטראָגט זיך דער קלאַנג:
עס האָט אים באַגעגנט אַ פֿאַסטעך ניט לאַנג,

אין געלבן, אין ווײַסן — געקליידט צווייערליי:
דאָס פּנים פֿאַרוויאַלעט, דער היקן אין שניי.

ד'האָט נעכטן אין וועלדל אַ הײַלע געזען —
שוין שטייען די ביימער באַשפּריצט, ווי מיט בלוט.

ד'האָט די נאַכט געגעכטיקט בײַ אונז אויף אַ בײַט —
אין אונזערע רויזן, זיי זײַנען הײַנט טויט.

.6

דער האַרבסט האָט די אייגן די מידע פֿאַרמאַכט:
ס'האָט עמעץ באַוויילבערט די ערד בײַ דערנאַכט,

אין האָט אונז די שויבן מיט בלומען באַדעקט,
עס האָט אינם צימער מיט שנייען פֿאַרשמעקט.

און ליכטיק איז ליכטיק, די אויג ווערט פארבלענדט,
דער שפיץ פונם טורעם אין זונען־שיין ברענט.

און ס׳דרייט זיך דער ווינט אינם געסל און לאכט:
דער הארבסט האט די מידיקע אויגן פארמאכט.

.7

שטייט דער אוונט אין אלע
און די ביימער געלב־געשפריצטע, —
ענגסטלעך קאלט, און זיינע קליידער
זיינען לייכט און אפגענעצטע.

און די אויגן גאלד־געפונקטע,
אפן ברייט און טרויער שפריצן:
און ארום פארשייט און שפאטיש
לאכן קארליקעס אין מיצן.

.8

קאלטע נעכט און הודיש אב
זיינען ווינטיק, פינסטער, וואגיק,
האבן חשבון, האבן לאגיק
און קיין טראפן מרה־שחורה.

און זיי זאגן: אלין איז גארנישט,
ווי בפירוש אין קהלת:
ביז דער ווינד דרייט זיין שלשלת
באלעבאטיש, ברייט און זיכער.

הבל־הבלים, אלין איז גארנישט,
שעדלעך איז דער זומער־רעיון:
אלע פארבן, מאלערייען
בלויז פאנטאזיעס גבירישע־פוסטע.

אָטעמט ניכטער־קאַלט די נאַכט —
הבל־הבלים, אַלץ מוז שטאַרבן!
און זי זויגט די שענסטע פאַרבן
פון די בלומען און די בלעטער.

און זי זויגט אויס ביז אַ טראָפּן,
גיט אַ הוסט און גיט אַ פּורכע:
ניט געלײנט די מינדסטע טורחה
לאָז צוריק זיין חי געהעקן.

.9

איבער ברייטע ווימטע פעלדער
שטופּט דער מידער האַרבסט זיין רעגעלע
און ער קרעכצעט: שווער די מאַסע!
נודנע טאָטשעט שטיל אַ רעגעלע.

אויף די פאַרקאַנס שרייען קראָען,
מערער תישך, רעגן פאַרען —
און די הימל־הויט, ווי פאַרמעט,
איבגעזייט מיט שוואַרצע אָרען.

און די וועלט — אַ בית־הקברות,
אַ פאַרכישופטע, פאַרשוואָרענע:
נעכט פאַרזונקענע און מבול
און די טעג, ווי טויט־געבאָרענע.

.10

פיל דאָס האַרץ מיט צמער און מיט קלאַנג,
ווי אַ שייער נאָכן שניט מיט גאַרבן,
ווי די זעל מיט שרעקן פאַרן שטאַרבן
אינם ראָד פון יאָר און לעבנגאַנג.

ווי אין פעלד פֿאַרלאָזט אַ פּילער זאַנג
ד'האַרץ געבליבן עלנט און אָן ווערטער:
הענגען איפּן וואַנט פֿאַרראָסטע שווערטער
און עס טוט פֿאַר שאַרף און בלאַסק זיי באַנג.

.12

עס קוקן די לוזשעס מיט בליקן פֿאַרשפּיצטע, שטום־אָנגעשטרענגט, שטעכיק פֿאַרבלייט.
דער הימל גלאָצט אומזיניק־שטום מיט צעאָדערטע ווייסלען אַזוי ווי אַ גוסס:
געטרונקען, צעגאָסן דעם זוניקן ווייַן און פֿאַרשיכורט די גאָלדענע פּוסעס,
די שיכּורע זומער־געסט וואַלגערן זיך אויף אַל־אַלע וועגן אין קייט.

שניידט בייז נאָך און קאָסיעט דער רעגן, אַזוי ווי מיט מעסערס דעם נאַקעטן קרייט
און ווייטער אין פעלד איז אַ חושך, אַ יאָמער; דאָרט קומט פֿאַר דער צייט ווער צו קבורה.
דער בוים אויף דער מעזשע גיט שנעל זיך אין ווינט און אין רעגן מיט ציטער אַ נורע
און יאַשטשיק קלאַפּט מיט די נאַקעטע צווייגן אין נאַסן צעדויקערטן פּלויט.

און האַרטער בייַם דערפֿל אַ וויסטער מאָהילניק מיט צלמים צעשאָטענע גרייט
און דאַכט זיך, עס הענגט אויף די צלמים דער שפּעט־האַרבסט געקרייציקט מיט לעכער אין האַרצן.
די קבֿרות־ווייב קראָ איז די מלכּה פֿון זומער מלווה ביז פֿאַרקאַן אין שוואַרצן
און פּראַוועט דאָרט סעודה — קראַ־קראַ — געטראַנק איז איר נעפּל און פּילעניש ברויט.

.12

פֿון צפֿון קומט דער ווינטער,
דער זומער קומט פֿון דרום —
וועלקן בלומען אין די הייזער
און זיי בליִען אויף די קבֿרים.

# טויער IV

.1

בלוי=געוועלב און זילבער=שוועל...
ווינטער, שניי און ליכטיק=העל.

טאַנצט די ראָד פֿון ווינטער=פּראַכט,
און די זון איז קאַלט און לאַכט.

איז דער שניי אַ ווייכע בעט,
און אויף בעט אַ ווינטל גלעט

זילבער=האָר אויף זילבער=קאָפּ:
ב'איז די זון אויף דר'ערד אַראָפּ!

.2

ווייטקייט איז מיט בלוי פֿאַרצויגן,
נאָענט בלאַנקט מיט זילבער=שנייען:
אָנגעטאָן אין זיידנס ווייסע,
ווי פֿאַרכּישופֿט ביימער שטייען.

פֿליט פֿון ווייטקייט אין דער בלויקייט
שפּעל פֿאַרביי אַ לייכטער שליטן,
לויפֿן פֿאַסן ביי די זייטן
און עס בלאַנקט די זון אין מיטן.

פֿליט אַ שטויב גלייך אין די אויגן
און באַדעקט מיט פֿראָסט די באַקן:
ריידן שנייען אויף די וועגן
און אין וואַלד די צווייגן קנאַקן.

.3

ווייסע לידער אויף די ביימער,
ווייסע לידער אויף די גאַסן,
יובעלירן יונג און מונטער
בריליאַנט און זילבער־פּאַסן.

און עס קומען געסט אַלץ נייע:
אָט אַ שליטן! נאָך אַ שליטן!
ביי די זייטן פראָסט און שטורעם
זאַווערוכע זיצט אין מיטן.

און די קלעזמער פליען פאָראויס
מיט אַ ניגון אַ פאַרשייטן,
זיי אַנטקעגן ווייס און בליציק
קומט די מלכּה־שניי צו רייטן.

.4

דין־דין גלעקל דאָ און דאָרטן
און דער גליטש ווי שפּיגל־גלאָז,
גיט דער פראָסט אַ קניפּ אין בעקל
און דער ווינט אַ שאַרפן בלאָז.

שטייען ביימער, ווי די כּלות
מיט גירליאַנדעס ווייס באַדעקט,
צירונג — זילבער, ווייסער סאַמעט
אומבאַרירט און אומבאַפלעקט.

און אויב דאַרפן, איז דער הימל
אין מתּנות גאָר ניט קאַרג,
און אָן אויפהער טוט ער וואַרפן
זילבער, פּערל, בערגל־באַרג!

5.

גייט אַרום די זון אויף שניי
און איר טריט איז קלאָר און בלאַנקט,
שטייט דער וואַלד פֿאַרחלומט ווייס
און דאָס פֿעלד פֿאַר שניי־קלאָר דאַנקט.

קומט די זון פֿון פֿעלד אין דאָרף,
שליטלען דאָרט זיך קינדער פֿיל —
הייס און לוסטיק איז דער שפּיל,
מערקט גאָר קיינער ניט דעם גאַסט.

גיט אַ שאָט די זון מיט שיין
און פֿאַרשיט די אויגן זיי:
אָנגעזאַפּט מיט זון און שניי
נאָכדעם גלאַנצט לאַנג אויג און באַק.

6.

זונען־שיין און קלאָרער שניי...
עס בליט דער פֿראָסט אין זילבער־גלאַנץ
און גייט אַ בלאָז אַ ווינטעלע,
שיין לאַכט דער שניי און טאַנצט.

און שנייעלעך צו שנייעלעך, —
און זע, אין שיין פֿון זונען־שפּיל,
וואַקסן ווינטער־בלומען פֿריש,
בלומען־לידער פֿיל־פֿיל־פֿיל.

עס לויפֿן אין דער פֿרי אין שול
מיט ביכער קינדערלעך אַ סך,
גלאַנצן נאָכדעם טריטעלעך
אַ צייט לאַנג אויפֿן זילבער־פֿלאַך.

.7

געווען אַמאָל אַ גאָלדן מאַי
מיט בלומען און מיט פֿויגל־כאָר,
איז לאַנג דער פֿויגל־כאָר אַנטשטומט,
פֿאַרוועלקט אויך לאַנג די בלומען קלאָר.

דער ווינטער האָט זיין זילבער־מאַי,
זיין שטיפֿער־מאַי, זיין זינגער־מאַי
און שליטן־בלוי מיט לוסט געבראַכט
און האָט געלאָזט אים הוליען פֿריי.

הוליעט פֿריי דער זילבער־מאַי
און וואו ער וואַרפֿט אַ שטיפֿער־בליק,
שפּראָצט אויס אַ שניי־בלום, קאַלט און טריי,
און ווינקט און זון־שיין: גליק־גליק־גליק...

און וואו ער גיט אַ רייד, אַ פֿייף,
הילכט מונטער איבער באַרג און טאָל:
שאַ־שטיל, עס קלינגען גלעקלעך העל,
גלעקעלעך — קריסטאָל־טאָל־טאָל...

.8

עס האָט מיר גאָט באַשערט די זכיה נאָך אַמאָל
צו באָדן זיך אין ווינטער־זון און שניי־קריסטאָל...
און מיטן ערשטן שניי אַ שניי־הויז טריי
האָט טרייליך מיין געצעלט באַוואַכט אין זילבער־מאַי
און האָט געבראַכט מיר פֿילע הויפֿנס — טי־לי־לי:
פֿרעסטל־בלומען, פֿרעסטל־בלי...

.9

און ווייסט נאָר דעם ערשטן שניי דעם צאַרטן,
מיין ליבע, נאָך אַמאָל דערוואַרטן,

און ווייסט נאָך וואו, געדענקסט נאָך ווען,
זאָלסטו גרוסן דאַן פון מיר פאַרנעמען.

און כּל־זמן דער שניי וועט נאָך פליען און לופט,
דאַן זאָלסטו פאַרנעמען: מיין האַרצן דיך רופט.
און ווען ס׳וועט דער שניי אויף די גאַסן זיך שפּרייטן,
דאַן פלעכט איך פאַר דיר נאָך מיין קרענצעלע קווייטן,

און כּל־זמן דער שניי אויף די גאַסן וועט בלייבן,
וועל איך דיר דעם לעצטן מיין בריוועלע שרייבן.
און ווען ס׳וועלן פיס אים צעטרעטן אויף שוואַרץ,
דאַן זאָלסטו וויסן: פאַרשטומט איז מיין האַרץ!

.10

און ווען איך וועל שטאַרבן, זאָלסטו זיך ניט קלעמען,
און וועסטו ווען קומען, ניט ברענג מיר קיין בלומען:
עס וועלקן די בלומען נאָך איידער זיי שטאַרבן...
הי וואַרט ביז די ערשטע די פראָסטיקע שנייען —
און אויב וועסט ביז דאַן מיך ניט האָבן פאַרגעסן,
פאַר־איינס מיט די שנייען דאַן קום מיך דערפרייען
אין פראָסטיקן ווינטער־פאַרנאַכט.
אָן ווערטער, אָן בלומען...
די זאָלסט אויף מיין בערגל דעם טריט דיינעם לאָזן,
עס מעג אים אַ ווינט דערנאָך ווידער פאַרבלאָזן,
עס מעג אים אַ שטורעם אין גאַנצן פאַרווייען:
עס וועט פון דיין טריט אויף די זילבערנע שנייען
אַ ווייס־בלום, אַ שניי־בלום צום אָנדענק מיר שפּראָצן.

.11

איבגעעפנט האָט דער הימל
זיינע ליכטיקע צוויבער־שויבן:
ווי די ווייסע שמעטערלינגען
פאַלן שנייעלעך פון אויבן.

זיי צעהענגען זיך אויף בײמער,
ווי אויף שנירלעך טײערע שטיינער,
און זיי בלישטשען און זיי לאַכן,
ווי מיט ווייסע קלאָרע ציינער.

און אין טאָלן און אויף בערגער
גייט אַרום דער בראָכט שפּאַציִרן,
לאַנגזאַם גייט ער און זיין פֿיטער,
ווי הירך ווייסע זילבער־טירן.

און די ערד, די שוואַכע מוטער,
שלאָפֿט איר שלאָף, דעם זיסן, לאַנגן
און זי חלומט פֿון אַ גרין־גראָז,
פֿון אַ מערף און פֿולע זאַנגען....

.12

ס'קומט דער ווינט פֿון קאַלטן צפֿון,
גיט דעם הייכן וואַלד אַ ריס,
ער צעברומט זיך אין די שפּיצן,
און וואַרפֿט ביימער פֿון די פֿיס.

און ער קומט אין דאָרף צופֿליִען
כאַפּט ער דאָרט אַראָפּ אַ דאַך,
און פֿאַרטראָגט אים אין די פֿעלדער
מיט אַ טאַנץ, אַ שׂדיש לאַך.

ער באַגעגנט אויף אַ שליטל
פֿאָרט אַ האָלצהעקער ביינאַכט,
כאַפּט ער אָן אים פֿאַר די פּאָלעס,
וואַרפֿט אַרויס אים און ער לאַכט.

און פֿאַרשיט אים, שיט אים, שיט אים
מיט אַ שטורמיש קבֿרים־ליד,

און עס קומט אַליין דאָס פערדל
אין זיין שטיבל, שוואַך און מיד.

ס׳גיט דער ווינט זיך מיטן הימל
אויף זיין שטייגער אויך אַ שפּיל,
און פאַרשיט אים, און פאַרשנייט אים
אָן אַ גאַנג און אָן אַ ציל...

.13

אין שפּעט ביידערנאַכט, ווען עס שפּרייט זיך פון אויבן
אַ פראָסטיקער הימל מיט טויזנטער שטערן,
און ס׳דאַכט, אַז די ערד ליגט פון אונטן פאַרקאָוועט
אָנמעכטיק, אַ טויטע, אָן פרייד און אָן טרערן, —

דאַן שפּאַלט זיך דער הימל אין נאַכטיקער שטילקייט,
דאָרט, וואו דער מילך־וועג פירט אָן זיינע שיפן,
און עס באַווייזט זיך אַ גרייז־גראָער קאָפּ מיט אַ לאַנגער
אַ שניי־ווייסער באָרד, מיט אַ בליק זייער טיפן.

דער גרייז־גראָער קאָפּ שפּרייט דאַן אויס זיינע ווייסע,
ווי מאַרמאָר, צוויי הענט אויף די ערד די פאַרשמאַכטע,
און עס שעפּטשען די ליפּן אַ הימלשע ברכה,
אַ שטילע, פון אונטער גאָטס טראָן אַ געבראַכטע...

אַ ברכה פון טויען און רעגנס צעגיסט זיך
אין פראָסטיקער לופט, דרינגט אַריין אין די שפּאַלטן,
קלאַפּט אָן אין די שויבן און אומעטום ברענגט זי
די ליכטיקע בשורה אין ווינטער און קאַלטן...

14.

עס האָט ווער געעפנט די אוצרות פון שנייען ביינאַכט.
גאָטס שליח, דער ווינט, האָט גרוסן פון צפון געבראַכט,

און האָט די צעהאַנגען, די קאַלטע, אויף בוים און אויף דאַך,
די ערד איז פאַרדעקט מיט אַ ווייסן אַ זילבערנעם סכך.

די זון גייט אַהיים אויפן הימל און צינדט אָן די „ליכט‟,
וואָס זיינען אויף שטיבער און פאַרקאַנט צעהאַנגען געדיכט;

און ס'שפּילן און ליפּט זיך קאַלירן פאַרשיידנערליי:
ס'פּראַוועט ערד און הימל דעם ליכטיקן יום־טוב פון שניי.

.15

הויך אין הימל אויף אַ וואָלקן־פּאַס אַ בלויען
שטייט פון אייז אַן אויסגעהאַקטער טראָן;
אויפן טראָן דאָרט זיצט דער האַר פון שניי
מיט לאַנגע ברעמען, ווייסע האָר.

און אַרום זיין קאָפּ זיך דרייען קראָען,
שוואַרצע קראָען, אייזן־שנאָבלען, —
שוואַרצע קראָען דרייען זיך אין רינג: קראַ־קראַ —
די משרתים פונם האַר!

ס'גיט אַ ווינק דער האַר אין באַלד —
עס פליט אַ קראָ און טראָגט אַ ווינט: קראַ־קראַ,
און נאָך אַ קראָ — און טראָגט אַ פראָסט: קראַ־קראַ;
פאַרגליווערט ווערט דער טייך, פאַרשטאַרט דער וואַלד.

און די קראָען איבערן פעלד זינגען: קראַ־קראַ,
געלויבט זאָל זיין דער האַר פון שניי,
אַ טויט־געזאַנג דער ערד: קראַ, קראַ!

הויך אין הימל, אויפ'ן וואָלקן־פּאַס דעם בלויען,
אויפן טראָן פון אייז,
זיצט דער האַר פון שניי מיט לאַנגע ברעמען, ווייסע האָר,
און בענטשט דעם ווייסן יום־טובדיקן טויט...

.16

הויך אין הימל, אויפֿן אייז־טראָן,
זיצט דער האַר פֿון שניי פּאַרטראַכט.
און די קראָנען, אייזן־שנאָבּלען,
קעמען אים די האָר בּאַזאַכט.

און עס פֿליען זילבּער־פֿונקען
פֿון דעם ווייס־געלאָקטן קאָפּ,
און דאָס שטיפֿערישע ווינטל
טראָגט זיי שטיל איף דער ערד אַראָפּ.

און עס רוט די ערד אַ ווייסע,
ווי אַ שטילע ווייכע טויב, —
און עס נידערט בּאַלד דער שניי־האַר
אין אַ זייל פֿון זילבּער־שטויב.

.17

אין אַ זייל פֿון זילבּער־שטויבּלעך
פֿון דעם בּלאָען וואָלקן־ראַנד,
גייט אַראָפּ דער ווייסער שניי־האַר
מיט אַ פּענזל אין דער האַנט.

און ער גייט פֿון שטוב צו שטיבּל...
וואו אַ פֿענסטער, וואו אַ טיר,
מאָלט ער קאַלטע צייבער־בּילדער
און בּאַפּוצט מיט פּערל־שניר.

נעכטן איז ער דאָ געווען,
האָט געמאָלט איף אונזער גאַס:
מיט די קינדערלעך פֿון געסל
האָט ער לאַנג געטריבן שפּאַס —

האָט געפֿירט זיי אויף אַ שליטל,
אויף די גליטשן זיי געיאָגט,
דאָט בײַ אונז אין קליינעם שטעטל
אי גענעכטיקט, אי געטאָגט.

18.

שטיל אין פֿעלד. עס שלאָפֿט דאָס ווינטל,
נאָר דער פֿראָסט אין העלן גלאַנץ,
מיט די שטילע שניי־האַרם טעכטער
פֿירט אַ קאַרעהאָד אַ טאַנץ.

און די שנייען שימערירן,
ווי קאָלירטע צויבער־ליכט;
און זיי קײַקלען זיך און שפּריצן
העלע פֿאַרבן אין געזיכט.

ס'גייט די זון איר וועג אין מערב,
און אין מזרח איפֿן שניי
שווימען נאָך איר גאַנצע פֿאַסן,
פֿינקט ווי טייכלעך, ראָז און בלוי.

ווייטער, שפּעטער, ראָזער, בלויער,
ביז די זון איר אויג פֿאַרמאַכט —
און אַ טונקל־בלויען שליטן
פֿאָרט אַרויס פֿון וואַלד די נאַכט.

19.

לאַנגזאַם פֿאָרט די נאַכט פֿון ווינטער
איבער טיף־פֿאַרשנייטע וועגן...
איפֿן פֿרייען פֿעלד און ווייסן,
קומט דער שניי־האַר איר אַנטקעגן.

אונטן פינקלען הימל־שנייען,
אײבן — שטערן, ווי שטורקאצן, —
און ער נעמט זי און ער פירט זי
נ׳זיינע אייזיקע פאלאצן.

לאנגזאם, ציען זיך די שעהן,
דייך און פריש — פרימארגן־טענער
קלינגען שוין און וייטן געסל,
עס בילן הינט, עס קרייען הענער,

און עס האט באריט די שנייען
שוין די פוס פון וואסער־טרעגער, —
נאר די ווינטער־נאכט — זי שלאפט נאך
איפן ווייכן שניי־געלעגער.

.20

עס האט זיך די זון פון דער פרי ניט געוויזן:
עס האבן געפאנגען זי בלא־שווארצע ריזן,
וואס האבן די ערד מיט א שאטן פארצויגן.

עס האט זיך דער שניי־האר אין הימל פארבארגן,
עס זיינען באפאלן אים געטלעכע זארגן
און האבן פארנעפלט די ליכטיקע אויגן.

און ס׳וואקסט פון דער רגע זיין טרויער, זיין צער:
עס וואקסט א בענקשאפט אין הארצן פון האר...

.21

א ווילדער געדאנק איז צייטיק געווארן —
עס האט זיך צעפלאקערט דער געטלעכער צארן:
ער האט אויף דער ערד און זיין הערשאפט תרטה.

ער כאַפּט פאַרן קאָפּ זיך אַזוי ווי צעשראָקן,
און רייסט אויף פּיין־פּיצלעך די גריין־גראָע לאָקן,
און וואַרפט זיי מיט צאָרן: אַ מדבר זאָל ווערן!

ער האָט נאָך אַ בלאָז מיט זיין אָטעם געגעבן,
פאַרלאָשן זאָל ווערן דאָס ליכט פונם לעבן —
ער האָט אויף דער ערד און זיין הערשאַפט תּרטה!

עס שטורעמט, עס רעשט דער ווינט אויף די דעכער־
די שנייקע בערגער — זיי ווערן אַלץ העכער,
און וואַקסן און וואַקסן....

עס טראָגן און ליפּט זיך מיט ווילדן געלעכטער
און וועבן תּכריכים — ליליתס טעכטער:
פאַר גוסיענדע לעבענס...

תּכריכים — זיי פּאָכן, ווי שדישע פאָנעס,
די ליכט פונם לעבן זי שטייט אין סכּנות —
ס'בענטשט גומל די ערד אין דער שטיל — —
— — — — — — — — —

.22

אַ ליכטיקער פּאַס פונם מזרח זיך ציט:
עס האָט פאַרן שניי־האַר זיך עמיץ געמיט

און האָט אויף דער ערד זיין רחמנות דערוועקט:
עס האָט זיך דער שווערער נסיון געענקט.

און ווידער שוין ברענען די ליכט אויבן דאַך,
און ס'דרייט זיך דער ווינט מיט אַ פריילעכן לאַך.

און ווידער אין פעלד, אינם זוניקן גלאַנץ,
שוין פירן די שנייעלעך אַ לוסטיקן טאַנץ.

.23

ווייס דער וועג, פֿאַרשנייט די דעכער,
רויט דאָס דאָרף אין קאַלטן בלאַנקען
און דער פֿייער אויף די נאַרעס
קערט פּאַוואָלי די געדאַנקען.
נאָר פֿאַרטאָג אין קאַלט־פֿרימאָרגנס
אין די שייערס לייכט זיך עפּעס,
און אויף פֿולע תּבֿואה־גאַרבן
שפּרינגען הילכיק פֿלינקע צעפּעס.

דאַן איז ווידער שטיל, עס שנייט נאָר,
גייען טעג און וואָכן גייען —
ס׳איז אַ ווייסער ווינטער־מבול
און די ערד זיך טרינקט אין שנייען.
און איצט זע נאָר אויף טשעקאַוועס —
וואו איז וועג און וואו איז הייזער —
בינטלעך שטרוי אויף הויכע דרענגלעך
שטייען שטום פֿאַר וועגן־ווייזער.

.24

זונטאָג יום־טובֿ... אין דער קרעטשמע
איז אַ רעש, אַ געפּילדער:
און די טענער פֿון האַרמאָשקע
וואָס אַמאָל דער טאַנץ ווערט ווילדער.

ווייזט די יוגנט, וואָס איז יוגנט
און די אַלטע ווינקען, לאַכן:
און דער יוגנט מיר באַוויזן
ניט אַזעלכע האָבן זאַכן!

און ס׳דערמאָנט זיך וואו אַן אַלטער
פֿון די יוגנטלעכע צייטן,

כאַפּט ער אונטער באַלד אַ שיקסע
און מיט אימראָפּן פאַרשייטע

לאָזט ער זיך שוין אייך אין קאָן:
עך, די אַלטע — יונגע הונדערט
אַזאַ נ'אַלטער הינטער גאַרטל
קען פאַרשטעקן נאָך אַצינדערט!

.25

שוין פאַרגייט די זון אַ בייזע
אין דער הימל אַ פאַרבלייטער,
לאָזט דער פראָסט ניט אָפּ אַ רגע,
און צו נאַכט ער שטאַרקט זיך ווייטער.

וואָס וועט זיין? קלערט דאָרף אין קימער,
קוקן אַלע שטרענג פאַרכמורעט:
אין עק דאָרף אַ בינטל דאָרפלייט
אין סערמיאַגעס איינגענורעט.

רעדט ניט קיינער, ווי פאַרשטומטע,
נאָר אין ווייט געווענדט די בליקן.
דאָרטן, דאָרטן אין די פעלדער
טוט דער פראָסט די תבואות שטיקן.

מאַכט אַ האַנט שוין קריין-באַוועגונג...
גיט אַ כאַפּ זיך באַלד דער עולם
און מיט האַסט ווי וואָס דערמאָנט זיך
מאַכן אַלע: צלם, צלם...

.26

כ'לאָז מיך אַראָפּ פון שפּיץ-באַרג אין דער נידער —
אין טאָל, וואו עס ליגן פון זון נאָך באַהאַלטן
די שנייען די לעצטע, וואָס זיינען פון ווינטער
געבליבן אין שאָטנס פון גריבער און שפּאַלטן.

כ׳פֿיל אָן מײַנע הײפֿנס מיט שנײ, װי מיט קערנער
און װענד צו דער בלױקײט אין הױך מײַנע אױגן,
איך מאַך איבן שנײ שטיל אַ ברכה, אָן װערטער,
אַ האַרציקע, קלאָרע, מיט גלאַנץ אָנגעזױגן.

דערנאָך הײב איך אָן הײפֿנס שנײען צו װאַרפֿן:
צום לױטערן הימל אַרױף װאַרף איך אײנעם
און האָב די כּװנה צו דאַנקען דעם הימל
פֿאַרן חלום דעם װײסן און צױבערלעך־שײנעם.

דעם הײפֿן דעם צװײטן איך װאַרף קעגן צפֿון —
אַ קרבן די געטער די װילדע, װאָס זיצן
דאָרט ערגעץ און טרײַבן געהײם זײער כּישוף
פֿון הײלן פֿון טיפֿע און בערג־הױכע שפּיצן.

צוריק איבן באַרג איך נעם מיט זיך דעם דריטן.
איך שטרעק אים דעם הײפֿן די שטראַלן אַנטקעגן.
איך װאַרט ביז דער שנײ װערט פֿאַרשװאונדן אינגאַנצן
און ס׳בלײַבן אין האַנט קאַלטע טראָפּנס, װי רעגן.

דאַן גיב איך אַ פּאַך מיט דער האַנט, און די טראָפּנס
באַטױען די גאָלדענע האָר פֿונם פֿרילינג,
און עמעץ בײַ מיר טיף אין האַרצן דאַן בוקט זיך
אַנטקעגן ערד־הימל — — —

# ל י ט ע

### .1

באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ — אויף ווערסטן, אויף מײַל־
עס שלעפּט זיך אַ פורל, עס סקריפּעט אַן אַקס;
פאַראומערטע קוקן די מאָגערע תבואות.
עס שמייכלט צו ביטער דער שיטערער פלאַכס.

עס ציען זיך גריקעס — ווי נידעריק, אָרעם:
שוין צייט באַלד צו שנײַדן, נאָר ס'קעפּל איז פּוסט —
און איבער די מעזשעס פאַרדאַרטן זיך ציען
אַ רייע געוועקסן — האַלב גראָז און האַלב־קוסט.

און ווײַטער און ווײַטער... דאָרט פּליסט שטיל די ווילִיע,
די ליטווישע מאַמע צום ניעמאַן זיך ציט,
זי ברענגט אַ מתּנה די פישער איר אייגנס
און טראָגט אין די אָרעמס אַ פליט נאָך אַ פליט.

און פאַזע די ברעגן צעוואָרפענע שטייען
פיל אָרעמע הײַזלעך, געדעקטע מיט שטרוי,
און שטיל קוקט מיט טרויער און נאָגט אינם האַבער
פון אויבן דער הימל, פאַרוואָלקנט און גרוי.

און ס'אַרבעט דער פויער פון סאַמע באַגינען
אין פרוכטלאָזן פעלד, אויף די טרוקענע זאַמד:
בילדער פון ליטע, פון אָרעמען היימאַט,
ווי לעבעדיק שטייט איר פאַר מיר אין דער פרעמד!

.2

עס שטייט הינטער דערפֿל בײַם צלם דער זומער
און מאַכט אויף די ליכטיקע פֿעלדער אַ ברכה:
פֿון סאַמע באַגינען גייט לאַנגזאַם און ערנסט
פֿון צלם צום טײַכל שפּאַצירן די סאָכע.

און ווײַטער אין לאָנקע דאָרט פֿלייסט זיך אַ קאָסע –'
זי שפּריצט מיט אַ רעגן פֿון זילבערנעם פֿײַער
און פֿירט מיט די גראָזן אַ רוישיקן שמועס
מכּוח אַן אָפּרו אויף היי און אַ שײַער.

און האַרט לעבן טײַכל זיך פּאַשעט אַ סטאַדע,
אַ פּאַסטעכל האַלט זײַנע הינט אויף אַ שטריקל;
עס פֿאָרט דורכן טײַכל אַ וואָגן מיט משׂא
און ציילט מיט די רעדער די קלעצער פֿון בריקל.

און דאָרט, וווּ עס עפֿנט זיך ברייטער דאָס טײַכל
אַ ייִדישער מילנער — זײַן וואַסער־מיל הודערט:
און האָט ער קיין ערד ניט און קאָן ער ניט זייען,
ער האָט מיט גאָטס וועלט דורך דער מיל זיך פֿאַרברודערט.

.3

אין אַ קליינעם אַלטן שטיבל
האָט געוווינט אַ האַרציק מיידל;
ענג און קאַלטלעך איז דאָס שטיבל,
אָפּגעניצט דאָס שוואַרצע קליידל.

און פֿון ברויט איז ניט אַ צייכן:
הונגער האָט דאָס קינד געליטן,
נאָר די ביכער וואָלט זי קיינמאָל
אויף קיין ברויט ניט אויסגעביטן.

פון דער פרי ביז שפעט אין אָוונט
איבער ביכער פלעגט זי זיצן
אין די גרעסטע קעלטן ווינטער,
זומער אין די גרעסטע היצן.

און געוואוסט פון דעם האָט קיינער...
שפעט אין אָוונט, ווען פאַרשלאָסן
פלעגן ווערן טיר און טויער,
און די לאָמפּן אויסגעלאָשן, —

איילן פלעג איך צו דעם שטיבל
מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן,
מיט אַ שמייכל פלעגט באַגעגנען
מיך דאָס מיידעלע אין שוואַרצן —

און ביים שיין פון אירע הייסע
אויגן־שטערן, הימל־פונקען
פלעג איך לאַנגע שטילע שעהן,
ווי אין חלום זיין פאַרזונקען. —

און געוואוסט פון דעם האָט קיינער,
אויסער ווינטל, נאַכט און שטערן,
וועלכע פלעגן ביז באַגינען
עטוואָס האָרכן, עטוואָס הערן...

.4

ס'וויל מיין האַרץ דיר עפּעס זאָגן,
וואָס אים הייליק איז און טייער,
נאָר עס קען אַ האַרץ ניט ריידן —
ס'קען נאָר פלאַקערן ווי פייער,

פלאַמט עס העל, ווי אַ מזבח,
און פאַרגייט אין פלאַמען פייער,
און אין פייער איז עס מקריב
וואָס אים הייליק איז און טייער.

.5

איז פֿאַראַן אַ שטאָט אין ליטע
אויף דער ווילייעס שטילע ברעגן —
וואו איך זאָל מיין אויג נישט ווענדן,
קומט זי שטענדיק מיר אַנטקעגן.

איז פֿאַראַן אַ געסל דאָרטן,
און אַ הייזל שטייט דאַנעבן —
האַלבע יאָרן וואָלט איך, דאַכט זיך,
פֿאַר דעם הייזל אָפּגעגעבן.

און עס וואוינט אַ קינד אין הייזל,
האָב איך ליב גום, ווי מיין לעבן —
מיינע גאַנצע יאָרן וואָלט איך
פֿאַר דעם קינד אַוועקגעגעבן!

6

אַ גרוס פֿון די שיינע פֿאַרשוואומענע צייטן...
אַ פּעקל פֿאַרוועלקטע צעוואָרפֿענע בריוו,
וואָס ס'האָט מיר דאָס האַרץ לאַנג דיקטירט דיר פֿון ווייטן,
ווען דו האָסט דערפֿילט אים פֿון פֿלאַך ביז דער טיף.

עס זיינען פֿאַרגעסן שוין לאַנג יענע בלומען.
דאָס פֿייער פֿאַרלאָשן, און האַרצן איז וויסט,
און רויק באַגעגן איך איצטער דיין קומען,
און בלינד איז מיין אויג, ווען דו גרויסט זיך און בליסט.

און שטומע, פֿאַרוועלקטע, ווי האַרבסט-בלעטער ליגן
ביי מיר אויפֿן טיש די אַמאָליקע בריוו:
אַזוי אויפֿן ריזיקן ים שטיל זיך וויגן
די ברעטער פֿון לאַנג אַ צעשמעטערטער שיף.

.7

פּילע האָט געהאַט דאָס שטעטל
אין די שטיבעלעך די שטילע:
צווישן בלעטלעך איך אַ בלעטל,
בין איך איינער פון די פילע.

נאָר געבליבן איז ניט איינער,
אין דעם שטויב פון אונזער שטעטל
האָבן אַלע איבגעבליטן
איפן ברוק פון האַרטע שטיינער.

אין געבליבן בין איך איינער
איינמאָל שבת נאָך הבדלה —
וואָס טוט איינער אין אַ שטעטל?
ער באַשטעלט אַ בעל־עגלה.

אַך, אין חורבן איינציק שולדיק
איז דער פורמאַן מיט די רעדער:
ווער עס דינגט אים, יענעם פירט ער,
און עס דינגט אים איצט שיין יעדער!

.8

איך וויס פון אים, ער וויס פון מיר,
ווי איין וועלט פון אַ צווייטער —
זיין וועג איז איבגעטראָטן לאַנג,
מיין וועג אַ שווער־פאַרהייטער

ער האָט אַ היים, ער האָט אַ טראָן,
מיר גייען זיך פונאַנדער:
ער זיצט אין הימל איף זיין טראָן,
איך — וואַנדער אין איך וואַנדער.

ער קומט אַנטקעגן און ער רופט
אויף טויזנט לעבנס־וועגן,
און איך — דער מדבר איז אָן סוף,
איך גיי דעם טויט אַנטקעגן.

.9

און די ווענט פון טהויהוי ז'אויסגעהאַקט אַ פענסטער
פונם אָפגרונט אין דער הויך אַרויס:
הינטער פענכטער וויגט איין אייביקייט
די אַנדערע אין שוים.
איז די מאַמע אַ געניטע, כאָטש אַ בלינדע,
וויגט און וויגט זיך: שלאָפן, שלאָפן!
און זי פלעכט אַ שלייער
פון אָנהייבן און סופן.
ווערן ביידע באַלד אַנטשלאָפן —
די מאַמע מיט דער טאָכטער,
בלייבט ביים אייוון נאָר אַ געצל,
מישט אַ פייער, נייע וועלטן קאָכט ער.
כאַפט זיך אויף די מאַמע,
זי פאַרזוכט פון קאָכן —
און שפייט אויס: דער זעלבער
אַלט־באַקאַנטער קנאָכן!

10.

## ליד פון קנעכטשאַפט.

(פראגמענט).

... איך טראָג אים דעם טייערן, ווילדן געדאַנק,
געוועבט פון מיין בלוט, פון מיין אייגענעם ביין:
ער ליגט דאָרט פאַרבאָרגן אין אייזערנעם שראַנק —
אַזוי ווי אַ שלאַנג איז ער גיפטיק און שיין.

און ווערט איר צערייסן מיין האַרצן אויף שטיק,
װעט איר דעם געדאַנק ניט באַקומען צוריק!

... דער ווילדער, דער ליבער, דער ריזן־געדאַנק
וועט דרינגען צו אייך אין דעם שטילן געצעלט:
ער וועט אייך פאַרסמען דעם זיסן געטראַנק
און וועט אייך צעטרייסלען דאָס האַרץ פון דער וועלט.

11

קומען און גייען געדאַנקען און רייען און שטילע פאַרגייען...
און שטילן געפולן זיי וועקן און הילן און טרוימען דעם ווי,
און שטיכען — זיי שווימען אַדורך, ווי אַ הימען, וואָס לאַנג שוין פאַרקלונגען
און לאַנג שוין פאַרגאַנגען דאָס האַרץ און די קלאַנגען
און לאַנג שוין פאַרשטומט פונקט ווי זיי.

.12

איך צינד אָן צוויי ליכט, רעכטס און לינקס פון מיין קאָפּ,
און גיס אָן דעם בעכער פול שאַרפן געטראַנק;
איך פיר היינט צו קבורה מיין ליבלעכסטן טרוים,
איך פיר היינט צו קבורה מיין שענסטן געדאַנק...

איך רייס מיך היינט אָפּ פון דער אייזערנער קייט.
איך רייס מיך פון לעבן און פרייהייט אַדים;
איך טרינק אויס אַפריער דעם בעכער ביז דעק,
צעטרעט גלייך דעם בעכער, די ליכט לעש איך אויס.

און וויקל זיך איין תכריכימדיק ווייס,
און שטאַרב אַ באַפרייטער פון מענטשלעכע זינד...
אַ „קדיש" וועט בלייבן מיין קלינגענדיק ליד,
אַ הספד וועט מאַכן און קומען דער ווינט...

---

# פון די פעטערבורגער לידער.

.1

ריקט זיך טיפער אָן די נאַכט,
ווערט ניט פינסטערער אין מאַי,
העל די ערד און איפן הימל
ווי אַ בלייע וויסטעניי.

ליפט דער שלאָף אַוועק פון אויג,
ליידיק־וויסט פאַרבלייבט די בעט,
גייסט אַרום און גייסט אַרום
אין די הערסט, דאָס האַרץ וואָס רעדט.

מאָדנע רייד... דערקענסט זיי ניט,
ס'אייגן האַרץ דערקענסטו ניט:
ווי צעשראָקן ווערט דיין בליק,
די פאַרגיכערסט דיינע טריט.

.2

בלייע נעכט און אָנמאַכט־שמייכל
איפן הימל קאַלט פאַרבלומטן,
ווי אַן אָנשטרענגונג צו ריידן
פון אַ מענטשן אַ פאַרשטומטן.

עפּעס זאָגט מען... דיכטער זינגען:
פרילינג... דרום... לידער... זונען...
קוים עס גלייבט זיך, נאָר עס טרוימט זיך,
ס'איז אַ וועלט מיט פלאַם באַשפּונען.

קײם עס גלײבט זיך, נאָר עס בּענקט זיך
אין פֿון הימל אױגן קוקן,
אײגן מאָנען בײ די שטײנער
פֿון די פּעטערבּורגער בּרוקן.

נאָגט אין האַרץ דאָס אָנמאַכט־בּענקען,
װי אַ ליבּע פֿון אַ קראַנקן:
בּלײע נעכט און שטומע דאָרשטן
אין אַ װײטאָגלעכער צאַנקען...

.3

ליגן אין גאַסן קאַנאַלן פֿאַרגליװערט
און קוקן צום הימל פֿאַרטעמפּט און משונה,
אָט פֿינקט װי אַ מת, װאָס פֿאַרגעסן, פֿאַרלאָזן
האַלט אײגן געגלאָצט פֿון אַן אָפֿענער טרונע.

אַזױ װי אַ דרײ־שלאַנג זײ רינגלען אַרומעט
די שטאָט מיט די נאַסע און גליטשיקע רונגען...
ניט ס׳גרינען די בּרעגעס, ניט ס׳שפּילן קײן װעלן,
זײ לעקן נאָר שטײן מיט די קלעפּיקע צינגען.

און ס׳קען ניט אַ דאָרשטיקער חען זיך דערקװיקן,
און ס׳װאױנען אין װאַסער פֿאַרשאָלטענע בּריות...
די קינדער היט, מענטשן! װײל װי נאָר בּײנאַכט
זײ שװימען אַרױף און זײ מאַכן קײן שדיות

און טרײבּן דעם כּישוף אין װײסלעכן שײנען
אַנטקעגן דער שטאָט מיט אַ תּהום פֿון בּאַװאױנער
און קרימען זיך, שפּײען מיט פֿײנען און שלאַפֿקײט
און סקריען משונה מיט שװאַרץ־בּלױע צײנער.

.4

פֿאַראַן איז אַ שעה אין דער ווייסער און שלאָפֿלאָזער נאַכט
אויף גרענעץ פֿון אָוונט און מאָרגן, ווען ס'ווערט ווי אין תּהום
גאָר פֿליצלונג פֿאַרשלונגען די נאַכט אינם ווייסלעכן שוים, —
געשלאָגן מיט ליכטיקער שטאָר ס'גרויסע פּעטערבורג וואַכט, —

דאַן טויט-בלאַס אין שטאָט אַלע וואַסערן אָטעמען קוים
פֿון וואַכן און אויפֿהער אין קרענקלעכער שיין פֿון דער נאַכט:
זיי ליגן אַזוי ווי פֿון בראָנפֿן פֿאַרשיכּורט, פֿאַרשמאַכט
און בלינצלען מיט טויטע, פֿאַרגליווערטע ווייסלען אין רוים.

.5

עס האָט זיך דאָס וואַסער געהיידעט מיט קלאַסישע פֿאַרבן,
וואָס זען קען מען נאָר אויף די בילדער פֿון גאונישע מאָלער;
עס האָט זיך צעפֿלאַקערט דער ליטערער טאָג אינם שטאַרבן
און האָט זיך צעשאָטן, צעאוצרט אין גאָלדענע טאָלער.

און ווייטער, גאָר ווייט, וואו דער הימל באַגעגנט די כוואַליעס,
דאָרט זיינען געשוואומען, געהיידעט זיך גינגאָלד-מזבחות
אין פּורפּור געהילטע, — אויף זיי האָבן גאַנצע פּמליאס
געמקריבט שטיל וואַרעמכטע פֿאַרבן אין דין-דינסטע ריחות.

.6

און קוקסטו אויף דרום — זיך כוואַליעט אין זון-שיין אַ קוועקזילבע-
פֿלאַך
און שיט זיך, צעשיט זיך אין בערגער געפּערלטע שניר...
און זע אויפֿן צפֿון — ס'רוקט אָן זיך אַ שוואַרצער, צערודערטער
דאַך,
וואָס קען אונז מיט אָפּגרונט פֿאַרדעקן ביים מינדעסטן ריר.

די זיצבט אַזוי נאָענט און — גיט אונזער שפּל אַ וואָרף נאָר די
פלאַך,
דאַן גיט מיר אַ זאָג וואָס דיין בליק מיט צעהדערטער שפּראַך.
שנעל גיט זיך אַנטקעגן אַ כוואַליע מיין האַרץ מיט געפּערלטע שניר,
נאָר שוואַרץ איז דער אָפּגרונט, וואָס קוקט פון די בליקן אויף מיר.

.7

צום איסגוס, וואו ס'גיסט זיך די נעוואַ אַריין,
אַהין לאָמיר הודערן, שיפל דו מיין.

פון איין זייט אַ וואַלד און דער צווייטער אָן ברעג —
עס וועט אונז דער שטראָם שוין באַווייזן דעם וועג.

מיר וועלן דאָרט קומען צום זונען־פאַרגיין,
מיר וועלן דאָרט בלייבן באַרויִקטע שטיין,

מיר וועלן באַגלייטן די זון אין איר גאַנג,
מיר וועלן איר זאָגן דעם לעצטן פאַרלאַנג,

וואָס מיר האָבן טיף אינם האַרצן פאַרמאָגט, —
און דאַן, ווען מירן האָבן שוין אַלעס געזאָגט

מיר וועלן שטיל וואַרפן אַן אָפּשיידונג־בליק
און — וועלן זיך קערן צוריק.

---

# יאַפּאָניש.

.1

עס וועט באַלד דער שטורעם פאַרפירן
אַ הײשיקן שמועס,
וועט אָפּרײסן בלעטער און פאַרוכטן
מיט שטיפערשע תנועות —
בליטן וועלן פליען איפן ווינט.

און ווילסטו, מײַן פרײַנד, רײַסן בליטן,
דאַן פאָלג־זשע מײַן עצה:
רײַס בליטן נאָך כל־זמן דער שטורעם
איז הינטער דײַן פלײצע —
רײַס די בליטן נאָך אַצינד!

.2

בליט, בליט װײַטער, ליבע בלומען,
און פאַרלירט נאָך ניט די פאַרבן:
אײדער ס'האָט אײַך ניט געזען
נאָך אַמאָל מײַן ליבסטע,
טאָרט איר נאָך ניט שטאַרבן!

.3

עס האָט דער קאַרשנבוים געבליט,
און מײַנע האָר געװען איז שוואַרץ —
און יונג געװען דאָס האַרץ.

עס האָט דער קאַרשנבוים געבליט,
געבאָדן זיך אין פֿרישן טוי:
מײַנע האָר געװען איז גרוי.

אַן איצט איז מײַ — איך גאָטס געבאָט
בליט דער בוים איבעראַנײַס —
מײַנע האָר איז װײַס.

---

# בעסאראביע.

## א בית-עולם.

ביימער, מצבות... מצבות און ביימער,
און כאַמיע ביים פאַרקאַן דאָס הייזל פון שומר.

און אויבן אין קאָפּ פון אַקאַציען גרינע
דאַרט האָבן די פייגל אַ פרייע מדינה.

זיי זעען פון אויבן ניט זעלטן בגנבה —
עס קומט וואָס אַמאָל צו אַ נייע מַצֵבָה.

עס קומען אָפּט מענטשן און זוכן דאַרט װעמען:
די טייערע שאָטנס, די האַרציקע נעמען.

און כאַמיע ביים פאַרקאַן הויבט אויף זיך אַ ברעטל:
עס ליגט דאָרט באַהאַלטן דער חוטא פון שטעטל.

# פּאָעמען

.I

## דער זיג פון די באַזיגטע.

דער ים איז אָפט פיל מיט קאַפּריזפולע גלוסטן:
דאָ לאַסטשעט ער שטיל זיך צום פעלזיקן ברעג,
דאָ שניידט ער אים שנעל, ווי דעם בוים שניידט אַ זעג,
און אָטעמט מיט מאַכט, ווי פון טויזנטער ברוסטן.

און ס'טרעפט זיך אַמאָל: פון דער שטילקייט געפאַנגען,
די פישער זיך לאָזן מיט נעצן אין ים,
עס הוידעט זיי לאַנגזאַם דער וואַסערנער קאַם,
און שמייכלט זיי צו מיט ערפילטע פאַרלאַנגען,

און באַלד — אָ, דער פישער! — פיל כעס און שפּאָטן,
שיין הונצלט איר פּנים די שוואַרץ-בלויע פלאַך:
דער ים זייער דיל און דער הימל אַ דאַך —
גאָט, רעטע די פישער, דער שפּיל איז געראָטן...

נאָר ס'קען זיך דער ים מיטן פעלז ניט פאַרוועטן,
וואָס שניידט זיך מיט לענד אינם וואַסער אַריין:
אויפן מעכטיקן שפּיץ, אינם זוניקן שיין
דאָרט גרויסט זיך אַ שלאָס הויך און מענטשן דאָרט טרעטן.

מעג חישן דער ים. מעגן כוואַליעס זיך שאַרפן,
עס כמורעט דער פעלז נאָר זיין-אַש-גרויע ברעם,
עס קען אים ניט נעמען דער ים אין זיין קלעם,
עס קען זיך קיין כוואַליע צום שלאָס ניט דערוואַרפן.

און זעען די כוואַליעס, ניטאָ קיין נצחון,
דאַן ווערן זיי רויק, צעשווימען און שטויב:
עס וועט ניט אַנטלויפן די שטיינערנע רויב,
זיי נעמען מיט ווינטלעך אים גוטע באַפּאַכן.

דאָך ס'איז ער צום ים וויל דער שלאָס אַלץ ניט נויגן.
נענטער צום הימל־רוים, איידער צו דר'ערד,
דאָרט שטייט ער באַשיצט און פון קיינעם געשטערט,
און שפּילט מיט די פענצטער אַ שפּיל, ווי מיט אויגן.

און הינטער די פענצטער, אין שאָטן און קילן,
דאָרט הערן זיך טריט אָפּט אַרויף און אַראָפּ,
עס ווייזט זיך אין פענצטער אַ מענטשלעכעס קאָפּ,
און ווערט באַלד צוריק דאָרט פאַרשוואונדן אין שטילן.

עס וואוינט אינם שלאָס שוין פון צענדליקער יאָרן
אַ סקולפּטאָר. זיין נאָמען באַרימט איז און גרויס:
עס צערטלט דער רום אים און וויגט אין זיין שויס —
זיין נאָמען אַ בענטשונג פאַר לענדער געוואָרן.

נאָר איינזאַם דער קינסטלער דאָרט לעבט, ווי פאַרשלאָסן,
און ווייניקע האָבן באַטראָטן זיין שוועל,
ס'האָט קיינער געקענט זיין פיל־ברייזנדע זעל,
כאָטש אַלץ האָט די פרייד מיט זיין שאַפן גענאָסן.

און מער ניט דער שומר, מיט בליקן, וואָס פרעגן,
באַגלייט אים גאַנץ אָפּט אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ:
ווער ווייסט, וואָס עס הויבט זיך אין גאוני'שע קעפּ,
און זיינע געדאַנקען — אויף וואָסערע וועגן...

און גרויסן, געהיימיקן זאַל, מיט די שויבן,
וואָס קוקן אַריבער די כוואַליעס פאַרטראַכט,
אַ זעלע דאָרט פלאַטערט הויך טאָג און הויך נאַכט:
עס וויל זיך צו געטער דער קינסטלער דערהייבן.

ער שטייט אין ער אַרבעט, די בליקן זיי שוועבן
אַריבער אַ קערפּער, וואָס ווייניקע האָט
אַזעלכע געשאָנקען דער ערד אונזער גאָט,
און זוכן אין לעבן — דאָס לעבן, דאָס לעבן....

זיי פאָרשן און זוכן, און ווילן געפינען
די איידעלסטע ליניען, דעם מינדעסטן בייג,
עס ווערט ניט פאַרפליגן קיין איינס פון זיין אויג —
אַזוי פון אַ בלום קלייבן האָניק די בינען.

נאָר טיף בלייבט דער קינסטלער צו אַנדערע לידער:
ער זעט ניט דעם פלאַטער פון פרייִשן בליק,
ער זעט ניט אַ האַרץ ווי עס רייסט זיך אויף שטיק
דאָרט אונטער די פּראַכטיק־געפורעמטע גלידער.

די פרוי האָט געטרוימט אַזוי לאַנג און איר שטרעבן,
אַזוי לאַנג געשעפּטשעט זיין נאָמען אין שלאָף:
ווען איך בין פאַר אים כאָטש פון שאַפן אַ שטאָף,
אַ שפּייז פאַר זיין מאַרמאָר ווען ס׳קען זיין מיין לעבן!

און גרויס איז איר גליק און אָן ברעג דאָס אַנטציקן,
זי האָט זיך פאַר אים אַזוי צנועיק אַנטבלויזט,
און, דאַכט זיך, עס האָט אים איר שיינקייט באַרוישט:
עס ברענען, ווי זונען, ביי ביידן די בליקן!

און טאַקע ער פלאַטערט, די פינגער אין פיבער,
ער איילט איר געשטאַלט אויפצוועקן אין ליים —
אַך ער איז פאַרטאָן אין זיין אייגענעם טרוים,
וואָס איז אים פון שענסטע און ליבלעכסטע ליבער.

פאַרוואָרפן דעם בליק, ווי אין וואַסער אַ ווענדע,
ער מיט זיך פאַרפינען אַ וואָסערן גליד...
אָט שפּרייזט ער פאַרטראַכט און פון אָנשטרענגונג מיד,
און אָט איז די אַרבעט אינגאַנצן צו ענדע.

„נו, איצט איז די אַרבעט אינגאַנצן צו ענדע,
איך האָב אינם בילד מיינע כּוחות געפּרוּווט,
איך האָב אינם בילד מיין פאַנטאַזיע פאַרגופט,
קענסט גיין... און דיין נאָמען — ער בלייבט אַ לעגענדע".

די פרוי האָט פאַר ווי קוים אַן אָנלען געפונען:
זי הערט זיינע ווערטער, עס גלייבט זיך איר קוים,
צי איז עס שוין ווירקלעך אַ סוף פונם טרוים,
וואָס איידער פאַרווירקלעכט, איז ער שוין צערונען?

און באַלד זיך געוואָרפן פאַר אים אויף די קניען,
צום קינסטלער די הענט מיט געבעט אויסגעשטרעקט:
— „שטיי, דיכטער! עס איז נאָך דאָס ליד ניט געענדיקט,
די ערשטע אַקאָרדן קוים, הער איך, פאַרפליען.

אַט נאָר־וואָס געפונען און שוין צו פאַרלירן:
איך שטיי פאַר דיר צייטיק, פול לעבן און לוסט,
עס רייסט זיך מיין האַרץ דיר אַנטקעגן פון ברוסט,
צי דען קען מיין בליק דיין באַגערן ניט רירן?"

נאָר רויק און קאַלט איז דער קינסטלער געבליבן
און ער האָט געענטפערט מיט ערנסט אין בליק:
— „נאָר שאַפן איז לעבן און שאַפן איז גליק,
דער טויט לויגט צום קינסטלער פון פרויען, פון ליבן!"

די ווערטער פון קינסטלער ווי גאָר ניט געהערטע:
— „עס האָט שוין ניט איינער פאַר מיר זיך געקניט,
איך האָב נאָר פאַר דיר אַלע יאָרן געבליט,
דיין נאָמען געצערטלט, פאַר דיר אַ באַשערטע.

ס'האָט היימלעך געפּלאַטערט אַנטקעגן דיין קומען
מיין קוואַל, וועלכער שוימט פול מיט לעבן, געניוס,
דער וועג צו דעם קוואַל פריי איז נאָר פאַר דיין פוס,
דער וועג איז פאַרזייט מיט די פּראַכטיקסטע בלומען —

קום, רייס־זשע די בלומען און טרינק פון דער קוועלע,
מיין ליבע איז צייטיק, מיין בענקען איז גרויס,
דיין קאפ וועט געפינען א רו אין מיין שויס:
גענומען מיין שיינקייט, קום, נעם אויך מיין זעלע!"

— „וועט קיינער ביים קינסטלער זיין פרייהייט ניט רויבן" —
עס האט אויף זיין ליפ נאר א שמייכל גערוהט:
„א, ליבע, דאס רעדט נאר דיין יוגנט, דיין בלוט,
די ערד אין דיין גוף האט איר שטימע דערהויבן" — — —

---

גראד איבערן ים, ביי די טורעמשע שפיצן,
זיך קלעפט א באלקאן צו דער וואנט פונם שלאס:
ווי הויך זאל א כוואליע ניט געבן א גאס,
צו אים וועט די כוואליע קיינמאל ניט דערשפריצן.

שפעט, נאכט, אויפן הימל העל ברענען די שטערן,
עס גייט די לבנה איר איינזאמען וועג,
עס לאסטשעט פון אונטן דער ים זיך צום ברעג,
א ווינטעלע שוועבט אין דער לופט, פול באגערן,

און עפעס וואס שעפטשעט, די וואסערלעך הוידעט,
איין כוואליע די אנדערע שפילנדיק ביט,
העל־לייכטן די שלאס־שויבן ווייט אין דער ווייט
און שטיל איז אין איינזאמען שלאס און פארסודעט.

נאר שא, עס דערטראגן זיך טריט לייכט פון צווייען,
זיי גייען פון פאלאץ ארויס זאלבעננאנד;
די פרוי קומט און נענטער צום אייזערנעם ראנד,
די אויגן זיי בלאנדזשען און טרויעריקייט זייען.

און באלד — „א, ווער זינגט אזוי שמערצלעך פון וואסער,
אזוי זיס, אזוי טרויעריק — דאס הארץ אזוי קלעמט,
דאס וואסער־ליד קלינגט אזוי מאדנע פארפרעמדט"...
און ס'ענטפערט דער קינסטלער גאנץ פעסט, כאטש א בלאסער:

— „דאָס קלינגט פֿון די כוואַליעס מײַן לעבנס־לעגענדע,
דאָס ווײנען די אַלע, וואָס איך האָב פֿאַרגיפֿט,
וואָס איך האָב מײַן כּוח אויף זײ דאָ געפּרוּווט,
זײ האָבן ערפֿילט זײער שליחות ביז ענדע״.

— „דאַן גײ איך צו זײ. איך בין גרײט. איך ברעך איבער
פֿון לעבן מײַן שוואַכן, מײַן אײנזאַמען צווײַג.
איך שעלט דיך ניט, דיכטער, איך לעב נאָך, איך שווײַג,
און אפֿשר — געבענטשט, יאָ, געבענטשט זײ, מײַן ליבער!״

עס האָט פֿאַרן אויג וואָס געגעבן אַ פֿאַל, און
אַ שאָרך, און אַ פֿלי, ווי פֿאַרפֿליגן אַ טויב,
דער אָפּגרונט האָט האַסטיק פֿאַרשלונגען זײַן רויב:
אַוועק איז דער קינסטלער צוריק אין די וואַלן.

עס איז נאָך וואָס העכערס פֿאַר קינסטלער פֿאַראַנען...
ניט אײנמאָל שוין האָט ער באַפֿעלנדיק „לעבט!״
און מאַרמאָר און שטײן זײַן געדאַנק אײַנגעוועבט —
פֿאַר אים איז אויף מאָרגן אַ צווײטע געשטאַנען.

.II

הײַנט איבערן ים און די הימלישע ווײַטן
אַ צווײטער ים, פּונקט ווי אַ שפּיגל זיך שפּרײט,
עס ציען זיך וואָלקן אַרום, ווי אַ קײט,
וואָס כוואַליעט זיך, שלענגלט זיך האַרט בײַ די זײַטן.

און דאָרט אויף די ברעגן, מיט זון־שײַן באַגוגנט,
אַ כּישוף־שלאָס בלײַ אויף אַ פֿעלזן־שפּיץ רײַט,
און שלאָס וואוינט פֿון אײביק די אוראַלטע צײַט —
באַוואַכט זי די שליסלען פֿון אײביקער יוגנט,

און צײכנט די אײביקײט שורה נאָך שורה,
געדענקט זי די אוראַלטע געטערס געבורט,

זי האָט שוין פון פילע דעם אָנדענק פאַרשפּורט,
איף געטער־בית־עלמינס געבראַכט זיי צו קבורה.

נאָר זי איז נאָך יונג און פול מיט קאַפּריזן,
און לייכט איז און גרינג איז איר מיידלישער טראָט,
זי טרייבט מיט די מענטשן אָן איפּהער איר שפּאָט
און קיינמאָל איר אמתן פּנים באַוויזן.

אַ ווינטער, אַ זומער — זיי קומען, פאַרגייען,
ס'האָט קיינמאָל דער קינסטלער קיין בלומען געציילט,
פון איינזאַמקייט האָט ער דעם וועג איבערוויילט,
און זיינע באַגלייטער — נאָר שאָפּנדע ווייען.

די צאָל פון די בילדער אין זאַל ווערט אַלץ גרעסער,
ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט גאָט אין זיין שפּיל,
און זיינס איז נאָך שענער, האַרמאָנישער פיל,
באַוויזן האָט וואונדער זיין פאָלגזאַמער מעסער.

ניט מער — די נשמות פאַרשווינדן, פאַרפליען,
האָט ער די נשמות פאַרלייקנט שוין לאַנג:
דאָס איז נאָר אַ פּוסטער פאַרדראָסלעכער קלאַנג,
ער האָט זיי פאַרביטן אויף שטיין־האַרמאָניען.

און וואָס עס ווערט גרעסער די געטלעכע רייע,
אַלץ מער און מער לעבנס דער אָפּגרונד פאַרשלינגט:
און כאָר, וואָס ביינאַכט אין דער טיפענישן קלינגט,
קומט צו וואָס אַמאָל אַלץ אַ שטימע אַ נייע.

נאָר זיכער זיין רו און ער ווייס פון קיין טרויער —
נאָך שווערפולע אַרבעט פון פרי ביז גאָר שפּעט
עס טוליעט אים צערטלעך די איינזאַמע בעט,
דערגייט ניט קיין אומרויק קלאַנג צו זיין אויער.

אַ ווינטער, אַ זומער, אַ וועלט און נאָך וועלטן,
עס האָט זיי דער קינסטלער גאָר קיינמאָל געציילט:

די צייט האָט אים לעצטנס צום שפּיל אויסדערוויילט —
איר שפּיל מיט גאַנגס זיך טרעפט אַזוי זעלטן!...

דער שומר פֿון שלאָס האָט געזאָגט צו זיין האַר:
— „מיין האַר, וואָס איך זע גאָר, דער קאָפּ ווערט שוין גרוי“.
— „ניין, אַלטער, דאָס איז אַ קאַפּריז פֿון אַ פֿרוי,
די צייט טרייבט דאָס שפּאַסן, זי האָט ניט קיין צער“.

— „מיין האַר, און די ליכטיקע אויגן געווען אַזוי קלאָר,
עס ציטערט דער מעסער ביי דיר אין דער האַנט“.
— „דאָס האָב איך געאַרבעט צו לאַנג דורכאַנאַנד
און, ווייזט אויס, געשלאָפֿן צו ווייניק ביינאַכט“.

— מיין האַר, און די ליכטיקע אויגן געווען אַזוי קלאָר,
זיי זיינען פֿאַרנעפּלט, צי זעסטו נאָך ווייט?“
— „אָ, אַלטער, דאָס איז נאָר אַ אומשולדיק שפּיל פֿון דער צייט,
איך מוז מיר נאָר צופּאַסן גלעזער אַ פּאָר“.

— „מיין האַר, און די פֿיס... אַזוי שווער ווי דו טרעטסט,
צו הויך איז דיין וואוינונג פֿאַר מענטשן, וואָס שוואַך!
עס פֿירן די טרעפּ דאָך כמעט ביז צום דאַך,
דו וואָלסט זיך שוין גלייכער גאָר אונטן באַזעצט“.

און ווידער אַ נאַכט. אויף זיין האַרטן געלעגער
קען עפּעס דער קינסטלער ניט איינשלאָפֿן לאַנג,
עס מוט אים די זאַך אַזוי ווייטאָגלעך באַנג:
די אַרבעטן לוסטיק און שלאָפֿן זיס פֿלעגט ער!

און היינט איז די אַרבעט אים גאָרניט געלונגען:
דאָ האָט אים האַרטנאַקיק די ליים ניט געפֿאָלגט,
דאָ האָט אים ווי עפּעס אַ שאָטן פֿאַרפֿאָלגט,
געשטאַלטן געוויגט זיך און שטימען געקלונגען:

„די נאַרישע פֿראַגן... דאָס איז נאָר דער שומר“...
פּרוווט זיכן דער קינסטלער און ענטפֿער, אַ טרייסט.

באַלד ווידער באַפאַלט אים אַ ספק: ווער ווייסט?
האָט אפשר שוין ס'לעבן קיין זאַפט און קיין טוי מער?

שוין אויסגעשעפּט אפשר פון שאַפן די קוועלע?
און פענסטער פון לעבן די אָנמאַכט שוין קלאַפּט...
די לופט איז מוט קלאַנג און מיט שאַרף אָנגעזאַפּט,
אַליץ שמערצלעכער, טיפער דער ספק און זעלע.

עס איז אים פּאַרדראָסיק, ער קען זיך ניט שענקען,
ער פילט זיך אָנמעכטיק, ער פילט זיך גאַר קראַנק,
עס עגבערט אין מוח און נאָגט אַ געדאַנק:
וואָס זאָל עס באַדייטן — אַ ווײ און אַ בענקען...

און ווײ און און בענקען — וואָס פילט ער, וואָס ווייסט ער...
און קלאַנגען צו שאַרכן, אַפּריער צעזייט,
די שליסן דערנאָך, ווי אַ זילבערנע קייט,
און קלינגען פון ערגעץ אַליץ העכער און דרייסטער:

שטימע:

זינג-זאַנג, זינג-זאַנג, עס טוט אַזוי באַנג,
עס איז אַזוי איינזאַם פון לעבן דער קלאַנג.
אַ ווינטעלע ציט, אַ ווינטל פּאַרפליט,
מיר האָבן און זון-שיין, ווי בלומען, געבליט,
מיר זיינען פּאַרגאַנגען אין תהום פון דער נאַכט,
מיר זיינען פון תהומות צום לעבן ערוואַכט.

כאָר:

ערוואַכט, ערוואַכט און קלייבט זיך אַלע...
קומען געסט, עס קומט די כלה,
וואָס זאַמט זיך לאַנג דער חתן?
עס קומט אַ וואַל, ס'פּאַרטייען ווען,
ערגעץ טרעט ווער איבער שוועלן, —
נאָך אַ יאָר פּאַרפּלאָסן!

בלומען בלאָסע, וואַסער־בלומען,
ער וועט קומען, ער וועט קומען —
גיכער פלעכט די קראַנצן.
זינגט אים, רופט אים! פייער־שפּעטער
קומען וועט ער, קומען וועט ער —
שוועסטער, לאָמיר טאַנצן!

ש ט י מ ע:

זינג־זאַנג, זינג־זאַנג, עס טוט אַזוי באַנג,
געווען אַזוי זידנד דער גרויסער פּאַרלאַנג,
כוואַליע־איין, כוואַליע אויס, און עס שווימט און עס פליסט,
עס איז נאָך די לוסט ניט פאַרגאַנגען אומזיסט.
דאָס האַרץ איז נאָך מוטיק, דאָס האַרץ איז נאָך וואַך,
עס לעשט ניט דעם פייער די וואַסערנע פלאַך.

כ אָ ר:

פון טיף, פון פלאַך — ווער ווייסט, וואָס טיפער:
איך אַ שיפל שווימט אַ שיפער,
זיצט ער אַ באַטער־בטער.
כאַפּט אים, שוועסטער, ברענגט אים אַלע,
זיצט אין וואַרט שוין לאַנג די כלה —
זיי אונז אַ געליבטער!
כאַ־כאַ־כאַ, ווער ווייסט, וואָס טיף, וואָס העכער,
פול געווען דער לעבנס־בעכער —
מאַכט די ראָד־זשע ברייטער!
כאַפּט אים, ליבט אים, טויט און לעבן,
ניט גענומען, ניט געגעבן —
אַך, ער איז אַ טויטער!

און ס׳טראַכט זיך דער קינסטלער און האַרצן מיט טרויער:
די שטימען... די שטימען... כ׳דערקען יעדן הויף,
עס וועקט זיך אַ ציטער אין מענטשלעכן גוף —
די קלאַנגען זיי שפּאַלטן מיט ווייטאָג דאָס אויער.

און ס׳טראַכט זיך דער קינסטלער: וואָס זיינען זיי אַלע,
געמהריבט אין לעבן דעם טוי און דעם זאַפּט,
באַקומען אין טויט זיי אַלץ גרעסערע קראַפט
און יעדע — און יעדע אַ זיגרייכע כּלה.

טראַכט שמערצלעך דער קינסטלער: באַפרייט פון די גופן,
זיי שליסן פאַרכּישופט אַן אייביקן רינג
פון אָנהייבן, סופן, פון אַלט און פון יונג:
צי וועל איך נאָך בייַשטיין דעם זיגרייכן רופן?

און וואָס עס איז דרייסטער דאָס זינגען געוואָרן,
וואָס מערער דאָס אויער האָט קלאַנג אָנגעזאַפּט,
אַלץ שטאַרקער האָט ספקות אין האַרצן געקלאַפּט:
דאָס איז ניט דער שומר... דאָס זיינען ניט יאָרן!

און לאַנג האָט דער קינסטלער געהערט די געזאַנגען,
ער האָט זיך געוואָרפן אין איינזאַמען בעט.
געוואָרן איז שפּעטער, געוואָרן גאָר שפּעט,
עס זיינען אין הימל די שטערן פאַרגאַנגען.

געקומען דער טאָג און די קלאַנגען פאַרפלויגן,
עס פילט ביי דער אַרבעט דער קינסטלער זיך מיד,
אין אויער נאָך קלינגט אים דאָס נאַכטיקע ליד,
עס שטייען די שאָטנס נאָך שוואַרץ פאַר די אויגן.

„מיין האַר, ווי דו ציטערסט, די האַנט ווי אַ פייער,
צי האָסטו געשלאָפן? צי ביסטו ניט קראַנק?
דער הערשער פון לאַנד האָט געשיקט אַ געשאַנק,
די זיסטע ווינען אין צירונג גאָר טייער".

דאָס רירט ניט דעם קינסטלער, אים רירט ניט זײַן קרענקען,
ער קען ניט פֿאַרגעסן די זוונג פֿון נאַכט,
אַ פֿײַער־געפֿיל האָט אין האַרצן ערוואַכט:
— מײַן פֿרײַנד, צי דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס בענקען?

און ס'קומען געשטאַלטן און בילדער אין רייען,
ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט,
און עמעצער קומט שוין און עפּעס וואָס מאָנט —
פֿאַר לייד ניט געשטילטע, פֿאַרגעסענע ווייען.

און ס'קען ניט דער קינסטלער די לידער פֿאַרמײַדן,
די אַרבעט פֿאַרוואָרפֿן, עס בלאָנדזשעט דאָס אויג,
אַ דעמב האָט דער שטורעם געגעבן אַ בויג —
— מײַן פֿרײַנד, צי דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס לײַדן?

און איינמאָל בײַטאָג (אַ שוואַכער אין בעט ליגן פֿלעג ער),
אַ שלאָף האָט אַ ווײַלע באַפֿאַלן אים שווער,
דאַן האָט ער דערפֿילט, עס דערנענטערט זיך ווער
און זעצט זיך גאָר לײַכט אויפֿן ראַנד פֿון געלעגער.

און באַלד — אַ שטימע אַ זיסע דערהערט ער,
ער פֿילט אויפֿן שטערן אַ וואַרעמע האַנט,
די האַנט איז אים, דאַכט זיך, לאַנג־לאַנג שוין באַקאַנט,
באַקאַנט אויך די האַרציק פֿאַרשיכּורטע ווערטער.

און ער האָט דערפֿילט נײַע קראַפֿט אין די גלידער,
עס האָבן די בלוטן געגעבן אַ גלי,
די צײַט אויף צוריק האָט געגעבן אַ פֿלי:
ווי שטאַרק און ווי מעכטיק — ווי יונג ער איז ווידער!

און ס'האָבן די אָרעמס זיך פֿעסט־פֿעסט געשלאָסן,
זײַן אָטעם איז זידנד, פֿול פֿײַער און לוסט,
באַהערשנדיק האָט ער געדריקט זי צום ברוסט,
ער האָט זיך מיט איר ווי צוזאַמענגעגאָסן.

אין זי — אים געטוליעט, פֿאַרטודעט געשוויגן,
זי האָט אים מיט ברענענדן אָטעם געגליט
אין, דאַכט זיך, געשעפּטשעט: ס׳פֿאַרפֿליט, ס׳פֿאַרפֿליט;
אין דאַכט זיך געשעפּטשעט: דו וועכט נאָך באַזיגן!

אין באַלד איז די זעונג פֿאַרשוואונדן, פֿאַרפֿלויגן,
די אייגן שוין אָפֿן, ער קוקט אַזוי מיד,
ער פֿילט נאָך דעם צייבער אין יעטווידן גליד,
עס האָט הורכן האַרץ נאָך זיס=ווייטאָג געצויגן.

בייטאָג האָט דער סקולפּטאָר די אַרבעט פֿאַרגעסן
אין איינזאַם געבלאָנדזשעט אַהין און אַהער,
כ׳האָט עפּעס געדריקט איפֿן האַרצן אים שווער,
עס האָט אים אַ טרייער אַ שטומער געגעסן.

.III

דער זאַל פֿון די בילדער איז גרויס און געראַומיק,
אין לאַנג איז די רייע פֿון שאַפֿונגען פֿיל,
די שיינקייט פֿון פֿרייען אין געטלעכן שפּיל
ט׳דער קינסטלער פֿאַראייביקט באַקאַלפּיל אין שוימוק.

אין פֿילע אין פֿרעמדע פֿון וויט=ווייטע לענדער
געדרשט האָבן קומען צו זען די פֿראַכט,
אַהער האָבן גרעסטע אַנטציקונג געבראַכט
אין האָבן געקניט פֿאַרן שאַפֿונגס=פֿאַרשווענדער

נאָר לאַנג שוין, אָ, לאַנג האָט קיין פֿוס ניט באַטראָטן
קיין פֿרעמדע די סודותדיק=ציענדע שוועל,
עס האָבן פֿאַרשפּרייט זיך די קלאַנגען בליצשנעל:
דער סקולפּטאָר איז קראַנק אין זעט אויס ווי אַ שאָטן.

די בילדער אַליין אין פֿאַרלאָזענע שטייען,
זיי דרעמלען בייטאָג, אין ווי ס׳קומט נאָר די נאַכט,

דאַן דאַכט זיך — אין זיי וואָס פֿון לעבן ערוואַכט,
אין, דאַכט זיך, עס נעמען זיך רירן די רייען.

אין פֿענסטער באַווייזט די לבנה איר בעקן
אין וואַרפֿט איף די בילדער אַ בלאַסלעכן שיין,
אַזוי ווי באַטרונקען פֿון ליידנשאַפֿט־ווײַן,
הייס אָרעמס צו אָרעמס זיך פֿלעכטנדיק שטרעקן.

אין ס׳טאַנצן די רייען, אין רופֿן, אין רופֿן,
די הייבן די אָרעמס אין הייבן די פֿיס,
אין שטימען פֿאַרשייטע: פֿאַרשווענד אין גענים,
אין העכער די פֿיס אינם טאַנץ פֿון די גופֿן!

אין פֿליצלונג — שאַ־שטיל, ווי פֿון אייגן אַ פֿינקל —
ווער גייטס, ווי געגנבעט זיך פֿליצלונג אין זאַל?
אין גיט אים די לבנה אין פּנים אַ שטראַל,
דאַן זעט מען דעם קינסטלער אַ בלאַסן אין ווינקל.

ער גייט אַזוי לאַנגזאַם, געבויגן דער רוקן,
ער קומט צו דער ערשטער — אָט פֿאַלט ער, ער קניט,
אין אָט מיט די ברענענדע ליפּן איר בריט,
פֿאַר איר איז ער גרייט ווי פֿאַר גאָט זיך צו בוקן:

„געבענטשט זיי, באַשערטע אין טרוילעך געזוכטע!"
נאָר באַלד ווי פֿאַרגיפֿטעט ער פֿאַלט איף צוריק,
עס פֿלאַקערט מיט צאָרן זיין ברענענדער בליק
אין ס׳שעפּטשען די ליפּן: „אַ, קאַלטע, פֿאַרפֿלוכטע!"

אין וואַנזין זיך וואַרפֿן ער טוט צו אַ צווייטער,
אַ דריטע, אַ פֿערטע, נאָר אַלע אַזוי:
זיין הורשט קאָן ניט שטילן די פּראַכטיקסטע פֿרוי
מיט אייזקאַלטע אָרעמס אין ליידנשאַפֿט טויטע.

אין ס׳לאַכט זיך פֿינאַנדער דער קינסטלער מיט שפּאָטן:
ווי קאַלט אין פֿאַרפֿירעריש ס׳אייביקע איז,

אַ קאַלטער, אָן לעבן, אַ שטייביקער ריז,
פון אייביקן טויט אַ פאַרגליווערטער שאָטן.

כאַ־כאַ, ס'גאַנצע לעבן פון לעבן געטריבן
דעם זאַפט פונם לעבן, דעם טייַשן הויך,
פאַרפליגן די זעלעס, ווי ווינט און ווי רויך,
אַ שטייביקער, עלנטער קערפער געבליבן,

אַ שטיין־האַרמאָניע, אָן שרעקן, אָן האָפן...
און פלוצלונג, און פלוצלינג, שאַ־שטיל און שאַ־האָרך:
ס'האָט עפעס געגעבן אַ פלאַטער, אַ שאָרך:
צי האָט אין דער ווײַ־נאַכט קיין נס ניט געטראָפן?

צי האָט די קונסט פאַרן קינסטלער צום לעבן
פון אייביקן טויט אויף אַ רגע ערוואַכט?
ס'האָט עמעץ פאַרשייט זיך פונאַנדערגעלאַכט
און ווידער גענומען דאָס ליד זיך צו וועבן:

שטימע:

זינג־זאַנג, זינג־זאַנג, וואָס איז פאַר אַ קלאַנג —
וואָס טוט אין דער נאַכט אַזוי מוראדיקן באַנג?
די אייביקייט ציט, ווי וואַנזין פאַרפליט,
מיר האָבן אין חן־שיין אַ רגע געבליט,
עס האָט אונזער ליבער פון אייביקייט־נאַכט
צום זונשיין פון טאָג אויף אַ רגע ערוואַכט.

כאָר:

ערוואַכט, ערוואַכט, און קלייבט זיך אַלע,
קומען געסט, עס קומט די כלה,
באַלד קומט אויך דער חתן!
ס'קומט אַ וואַל ס'פאַרגייען וועלן —
ווער־זשע קען זיך קעגנשטעלן?
כ'איז דער קוואַל פאַרשלאָסן!

קום, מיר וואַרטן, קום, מיר רופן,
בייגן שלאַנק, זיך אויס די גופן,
פלאַטערן די ברוסטן,
און מיר לאַכן און מיר שטיפן —
אויפן גרונט פון אָפּגרונט טיפן
זידן הייס די גלוסטן!

דער קינסטלער געהאָרכט און געשמייכלט אַ בלאַסער,
אַזוי ווי פאַרשטיינערט, ווי אייביקט אַ בילד,
דאָס האַרץ אין דער ברוסט האָט געקלאַפּט אַזוי ווילד,
עס האָט אים פאַרכּישופט דאָס ליד פון וואַסער.

און באַלד — כאַ-כאַ-כאַ! מיט אַ לאַכן אַ שאַרפן,
כאַ-כאַ! ווי אַ טייוול טייוולאָניש געשפּאַסט,
ער גיט זיך אַ וואָרף צו די בילדער מיט האַסט
און נעמט זיי אַכזריותדיק שליידערן, וואַרפן.

און ס'פאַלן די בילדער, מיט פּוסטקייט קלאַפּן,
און ווערן צעבראָכן אַ שאַרב אויף אַ שאַרב,
און לעבט אויף די רגע, דו, אייביקייט, שטאַרב:
עס מוז זיך די זעלע מיט ראַכע אָנזאַפּן.

אָט שפּריצט ער שוין זיכער, ווי נאָך אַ נצחון
דורך זאַל און דורך טיר — צום באַלקאָן פירט זיין וועג:
עס שמועסט פאַרסודעט דער ים מיטן ברעג
און שטערנדלעך גלאַנצן, און ווינטעלעך פאָכן.

אַ רגע, נאָך איינע... און באַלד אין דער נידער
איז פון באַלקאָן ווער פאַרשוואונדן — שאַ שטיל:
ס'האָט מער ניט געהערט זיך קיין טריט אויפן דיל,
פון וואַסער האָט מער ניט געהערט זיך קיין לידער.

אַ ווינטער, אַ זומער, — און שווינדנדע רייען
שוין טרייבט ניט די צייט מיטן קינסטלער קיין שפּאָט,

עס וויל זיך אין איינזאמען שלאס שוין מיט גאט
ניט קיינער פארמעסטן אין שאפנדע ווייען.

אין נאר אין די נעכט, ווען איר זילבערנעם בעקן
די בלאסע לבנה גייט זוכן אין ים,
דאן ווייזט זיך א קאפ איפן וואסערנעם קאם
אין ס'טוען צו עמעצן הענט זיך אויסשטרעקן,

אין ס'הילכט דאן געלעכטער, פול לוסט אין פיל גליקן,
די טענער וויין־שיכור, די טענער פארשייט:
פון אייביקייט ט'ווער זיך איף אייביק באפרייט,
עס האט א נשמה געפונען איר תיקון...

.1915

.II

# הַרי את מקודֶשֶת.

געוועלבן באַפליגלט, געצאַצקעטע שריבן,
דער נייער בית־מדרש אַ קונסט־ווערק צו לויבן,
אַ שטאָלץ און אַ טרייסט אינם קלעגלעכן געטאָ:
ר׳איז מלכותדיק־שיין און אין הויכקייט זיך וועט
מיט טעמפּלען, געבויטע פאַר קריסטן־געבעט,
עס האָבן געדראָט אים גלחים מיט וועטאָ, —

האָט אָבער די רישעות קיין זאַך ניט געפּועלט:
די תורה ביז איצט אין איר גלאַנץ דאָרטן אוהלט, —
עס האָבן די גדולים דעם פּייפּסט געקענט רירן, —
און ס׳טראָגט זיך דאָס לערנען פון בחורים וואויל,
עס קייקלט זיך זיס פון די שטימען אַ קנייל
און הילכט ביז אַריבער די געטאָשע טירן.

און האַרט ביי דעם געטאָ דאָרט הייבט זיך אַ קלויס־טער
און ס׳דאַכט, קעגן הימל װעט הייבן אַ פויסט ער,
און ס׳בלאַנקען די צלמים מיט זון ווי מיט בליצן —
און אויפן בית־מדרש גאָר גאַוודיק קוקט:
און האָבן גלחים דיך נאָך ניט פאַרצוקט,
מיט פייער דיין אורטייל דער צלם וועט קריצן.

און אָפט פלעגן קלינגען די גלעקער און רופן:
די נשמה איז הייליק, נאָר זינדיק די גופן,
די קלאַנגען זיי פלעגן מיט קולות זיך וועטן
און — אמר אַביי, גלין־גלאָן און גלין־גלאַן —
עס פלעגן נאָך העכער די בחורים דאַן
די שטאַפּלען פון לערנען מיט פלאַמען באַטרעטן.

עס בלישטשען די אויגן, עס קנייטשט זיך דער שטערן,
זיי פלעגן די גליקער אזוי ווי ניט הערן —
א ייד איז אין גלות, אוי, אמר אביי...
גאט, היט דיינע קנעכט אינם פרומען געצעלט,
עס הערן זיך בשורות: ניט גוט אויף דער וועלט,
עס ברענגט יעדער טאג אליין א גזירה א נייע.

און זיסער נאך לערנען די לערנער די פילע...
עס קומט נאכן לערנען, איז הייסער די תפילה,
און נאכדעם אין קופקעס, מען פירט שיחת־חולין,
ס'ציט יעדער ארויס זיך פון איינזאמקייט־שייד,
און יעדער א חבר, און יעדער האט רייד
מיט האפנונג אויף גרויסעס די רו־צייט פארפולן.

אזוי זיינען אלע, אזוי איז די טבע,
עס איז ניט אזוי נאר דער זון פון בת־שבע,
דער ארעמער יתום, וואס סאמע אין ווינקל:
א מאדנער בכלל... ווען איר זעט אים — פארטראכט,
די באקן גאר בלאס, און די אויגן א נאכט:
זיי זעען־ניט־זעען און — שארף זייער פינקל.

און דאכט זיך, ער קוקט גאר אין זיך און ווייט־ווייטער,
און טראכט נאר זיין טראכטונג און ריידן פארמיידט ער.
די אויגן די מענטשן — זיי מיידן און היפן...
עס לערנען די בחורים הויך אויפן קול,
זיין קול ניט געהערט ווערט, נאר ר'שעפטשעט אמאל:
הער וויכט, וואס עס שעפטשען די בלאסלעכע ליפן?

בפרט אין פארנאכט, ווען די זון זיך געזעגנט,
און שפעטער מיט סודות די דעמערונג רעגנט,
דאן שטייט ער ביים פענסטער, פארזונקען אין הארכן:
פון גליקער־געקלאנג איז נאך שטימיק די לופט,
און ס'דאכט, עמעץ עמעצן ערגעץ וואו רופט,
זיין אויער שלינגט דארשטיק די רופנדע שארכן,

אין שפעטער, ביינאַכט, ווען ס'פאַרזינקען אין שלאָפן
אַל־אַלע, ט'ניט איינמאָל מיט אים שוין געטראָפן
(עס טאָטשעט אים אייביק פאַרבאָרגן אַ וואָרעם),
מען האָט אים געכאַפט ביי אַ טויטלעכן זינד:
אַ רער אין מנורה, און שטילן ער צינדט
און מאָלט מיט אַ פעדער אויף הייליקע ספרים: —

אַליך מענטשלעך, מענטשלעך — לא תעשה לך פס״,
דערפאַר וועט מען קאָכן אין פייעריקן קעסל —
עס העלפט ניט קיין ווערטער, אַזאַ וואָס קען טויגן?
די בחורים קוקן, פול וואונדער און שרעק:
ווער גאָט האָט אין האַרצן, גיט יעדער אַ מעק —
אַ חיטא להכעיס... אוי, וויי צו די אויגן!

אָן רעטונג געבונדן צו ליניען און פאָרמען
אַן אויסגאַנג וואו נעמט מען? ביי ייִדן וואָס טאָר מען?
מיט וואָס קען מען שטילן דעם דורשט פון די אויגן?
אין באָדן פיל וואַסערלעך קלייבן זיך שטיל,
די פליסן גאָר קליינע, נאָר גרויס זייער ציל,
זיי ווערן אָן ווילן צו ימען געצויגן.

צו פאָרמען און ליניען אָן רעטונג געבונדן,
עס טרעפט זיך ניט זעלטן, ער ווערט גאָר פאַרשוואונדן
אויף שעהן אויף לאַנגע — וואָס פילט ער, וואָס חייסט ער?—
מען דאַרף דאָס דערגיין און דערוויסן זיך קלאָר:
עס האָבן חברים געשפירט אים אַ פאָר
און האָבן געפונען אים — שטיין פאַרן קלויסטער!

וואָס טוט ער ביים קלויסטער? ווער וואָלט זיך דאָס ריכטן?
עס בלאָנדזשעט זיין בליק אין דער מענגע געזיכטן,
וואָס צירן דעם קלויסטער מיט הייליקע בילדער,
און בלאָנדזשעט און בלאָנדזשעט, און זוכט דאָרטן וואָס,
און אויג איז אַן אָפגרונט, און אויג איז כאַאָס,
דער בליק ווערט פון לייִדנשאַפט טיפער און ווילדער:

ניט דאָס און ניט דאָס.... און אין זוכן אַלץ ווייטער
פיל בילדער, סטאַטועס מפונקדיק מיידט ער,
און ענדלעך — און ענדלעך — געפונען אַ רוע:
דער בליק זיינער שטעכט זיך אַריין אין איין פונקט,
אין אויג האָבן פונקען זיך ליכטיק געפונקט —
אָט דאָ וועט ער שניידן די צייטיקע תבואה!

די הייליקע מוטער, דאָס הייליקע מיידל,
די ליניען ווי ביגיק, די פאָרמען ווי איידל —
דאָס בילד האָט אַ קינסטלער אַ גרויסער געשאַפן:
ניט פרוי האָט אויף אים, נאָר אַ געטין געקוקט,
דאָס האַרץ האָט געצאַפלט, פאַר איר זיך געבוקט,
הכנעהיק פאַרוואָרפן זיין יידישקייט-וואַפן.

און ווייטער — אָ, אימה, אָ, ווי צו די אויגן:
ער האָט זיינע קני פאַרן מוידל געבויגן
און — ס'פאַר איז מיט שרעק און מיט אימה אַנטלאָפן;
זיי האָבן געציטערט, ווי האַרבסט-צייט אַ בלאַט,
און זיינען געקומען אָן אָטעם כמעט
און קוים חאָס זיי האָבן צוריקוועג געטראָפן.

געווען איז עס צופיל, צופיל צו דערציילן,
זיי האָבן מיט גחיל עס פון אַלע פאַרהוילן,
זיי האָבן פאַרלאָרן גאָר פלוצלונג דאָס לשון...
און ער — געקומען צום לערנען צוריק,
דאָס אויג האָט געשפילט, געשפריצט אַזש מיט גליק:
אַזוי שפילט דער בליק פון אַ גליקלעכן חתן!

און ווידער ביינאַכט פלעגט ער שעהנווייז וואַכן,
עס פלעגן די אויגן מיט שאַפונגס-גליק לאַכן,
און פיל איז זיין פענזל מיט געטלעכע קרעפטן;
און וואָס איז דער עיקר — אָ, געטלעך געשאַנק!
עס האָט אויפן לייוונט זיין העכסטער געדאַנק
פאַרקערפערט מיט יענע — געקענט זיך באַהעפטן:

אַ יִדישע טאָכטער, די בליקן שטום־טריבע,
פאַרפירט און געפאַנגען אין נעצן פון ליבע,
געווען איז באַשטערט איר אַ גאָט צו באַשאַפן:
געבענטשט איז איר ערדטראַכט, פון ליבע פאַרזייט
אַ רינגל געקייקלט אין גאָלדענער קייט,
פאַר געטלעכע צילן אַ ערדישע שקלאַפין.

אַ צווייג פון אַ פרעמדן בוים, ביטער די פרוכטן,
געקריצט אויפן שטערן אַן אות אַ פאַרפלוכטן,
געפייניקט די צניעות מיט געטלעכע ליידן —
פאַר יידן אין גלות אַ קייל־שוואַרצער וייל,
געשאַרפט איז די שווערד און געגרייט איז דער פייל,
נאָר שאַרפער פון זיי זיינען שאַנדע פריידן.

אין פיין און עלנט, אין דאָרשטיקע וויסטן,
אַ קינד ביי פאַרשוועכטע דערפרישט האָט זיך בריסטן
דער קערפער פאַרשוועכט, נאָר די ליבע אַ ברענען:
אין מדבר אַ בוים, לאַנג פאַרטריקנט אָן זאַפט...
עס האָט זיך דער וואָרצל מיט דאָפּלטער קראַפט
ביי קוואַלן ביי פרעמדע יניקה געפינען.

די ליניען און פאָרמען ביי פרעמדע אַנטליען,
עס האָט זיך דאָס לאַנג ניט געקענט אַזוי ציען:
מען האָט אים געמיידט און מען האָט אים געטריבן,
ביז איינמאָל — אין גלאָקן־געקלאַנג אַ פאַרנאַכט,
ער האָט זיך צום וועג־ווייט זיין פעקל געמאַכט,
און ווען מען האָט פייער געמאַכט אין די שטיבן, —

האָט ער זיך פון שטאָט אין דער וועלט געטאָן לאָזן,
אין פעלד האָט אַ ווינטל מחיה געבלאָזן:
צעריסן די קייטן, אַ שקלאַף ווערט אַ פרייער,
ער גייט, און ער ווייסט ניט, און טרוימט זויפן וואָר — — —
פון אים ביי חברים קיים בילדלעך אַ פּאָר,
מען האָט זיי אָן אים שוין געמשפט מיט פייער!

אַ מדינה אַ נייע אין אַנדערע מענטשן,
דעם זון און די מוטער דאָס מיידל זיי בענטשן,
אין יידן ניטאָ אָדער גאָר ווייניק ייִדן —
ביי זיי איז דער זון פון בת־שבע אַ גאַסט:
וואָס ווייסט ער פון טרויער, וואָס פילט ער פון לאַסט,
אין האַרצן די בלוטן מיט ליידנשאַפט זידן.

אין ער איז אין אַרבעט פאַרטאָן, אַ פאַרקלערטער,
עס גיפט זיין געדאַנק זיך אין שטיין־שטומע ווערטער.
פאַרברענגט זיינע שעהן אין אַרבעט אין שטרענגע:
די הייליקע מרים פאַרנעמט זיין געדאַנק,
עס קלאַפט זיך דאָס האַרץ, ווי פאַרשפאַרט אין אַ שראַנק:
וואָס אַרט אים די רייכע אין גלענצנדע מענגע?

ער מאָלט זי ביי טאָג אין אין נאַכטיקע שעהן,
עס וואַקסט אין זיך צייטיקט אין מאָלן זיין גאון,
ער מאָלט זי אַ סימבאָל פון שיינקייט און צניעות,
ער פילט, ווי זיין פענזל איז פאָלגזאַם און רייך,
ער פילט, ווי עס האָט אַ פאַרפראָרענער טייך
אין האַרץ זיך גערירט, ווי באַדעקט זיך מיט קריעס:

עס שוימט, און עס ברויזט, און עס טראָגן זיך וועלן,
קיין פאַרב קען זיין פענזל ניט קעגן זיך שטעלן,
קיין פאַרב און קיין ליניע, קיין בויג און קיין פלאַטער,
און ס'וואַקסט אויפן לייוונט דאָס בילד, ווי ער וויל,
אַ יידישע מוידל גאָר צניעותדיק־שטיל, —
זיין פענזל ווערט ליידיק, נאָר ס'איז ווערט אַלץ זאַטער.

און צווישן די הערלעכסטע ליניען הויערט...
נאָך טעג און נאָך וואָכן, און לאַנג ניט געדויערט,
דאָס בילד שווימט פון לייוונט אַרויס פאַר די אויגן,
איז ס'לעבן פאַרטפּחט אין טויזנטער מאָס,
געדאַנק האָט צום הימל געגעבן אַ שאָס,
האָט גלאַנץ דאָרט און ליטערקייט דורשטיק געזויגן.

דאַן זיצט פאַרן בילד שטיל דער מאָלער אַ בלאַסער,
עס רינט אים אין האַרץ, ווי אַ קוועלכל וואַסער,
אַ ריינס און אַ הייליקס, ער באָדט זיך אין טייען:
דאָס איז זי, דאָס איז זי, פון הימל אַ קינד,
אַ פולע מיט לעבן, דאָך הייליק, און זינד,
די שענסטע און הערלעכסטע צווישן די פרויען.

מען לאָזט אים ניט אָפּ און מען לאָזט אים ניט פרייער,
עס מאַכט אים לכּבוד דער הערצאָג אַ פייער
אין הויפט אויפן יום־טוב די רייכסטע וואַסאַלן.
דאָס בילד איז אַ הייליקס פאַר יעדערן קריסט,
געלאַדן דער הערצאָג האָט גאָרניט אומזיסט
יעפּיסקאָפּן שטאָלצע און געסט קאַרדינאַלן.

דער גרעסטער פון זיי האָט געהאַט זיינע פלענער:
עס וועט פאַרן בילד זיין פיל פאַסנדער, שענער,
מען זאָל אים אַן אָרט אינם קלויסטער באַשטימען,
דאַן הייליקן וועט ווערן אין גרעסטער זיין הים,
עס וועט פאַר אים קניען דאָס קריסטנטום פרום
און צוציען וועט עס פון ווייט פּילגרימען.

---

— וואָס איז גאָר דער מאָלער פאַרזאָרגט און פאַרקלערט?
צי האָט ער דעם גנעדיקן וואָרט ניט געהערט?

— געהערט און פאַרנומען, איך שאַץ אויך זיין ווערט,
נאָר ס'האָט אַ געדאַנק מיר מיין מוח באַשווערט.

— געדאַנקען פאַרמייד און פאַרוואָרף זייער זיין,
דו קוק און דו זע: מיט דעם היציקסטן ווין
פאַרגלייכן די ריטער די אייגן די מיין:
דו איינער און זיי ביסט גאָר זיגרייך אַריין!

— איך קוק און איך זע, און איך ווייס זייער היץ,
מיט זיי זיך פאַרגלייכן קען סידן אַ בליץ —

אָ, ליבע, געטרייע, גאָט היט דיך אין שיץ,
אַ טרייער אַ גרייכן אין האַרץ איך באַזיץ.

אַ קוועטש מיט די אַקסלען, אַוועק איז די פרוי,
נאָר באַלד זיך געקערט און זי זאָגט אים אַזוי:

— אין דרויסן זיך שפּיגלט די נאַכט און דער לופט,
דאָס בלוט אין די אָדערן שטורעמדיק רופט,

מיין וויינגאָרטן נאָענט, אַ שטיבעלע דאָרט,
אין שטיבל איז גרייט צווישן בלומען אַן אָרט,

עס פירט אינם שטיבל אַ גאָלדערנע טיר,
דאָס אָרט איז נאָך ליידיק, דאָס אָרט איז פאַר דיר.

דער קינסטלער געשוויגן, קיין וואָרט ניט געזאָגט,
די פרוי האָט פון ליבע פיל ווערטער פאַרמאָגט:

— דו קוק נאָר אין פענסטער, די נאַכט איז אַנטבלויזט,
עס האָט מיך דער וויין מיט דיין גרויסקייט באַרוישט,

צו דיר ציט זיך מעכטיק מיין יעטווידעס גליד,
איעדעס באַזונגען איז לאַנג אין אַ ליד,

דו פרעג נאָר די ריטער, איעדער איז גרייט
פאַר מינדסטן מיין וואָרט צו באַגעגנען דעם טויט.

נאָר היינט מיין געווײלטער ביסטו, אָ, ביסטו,
איך וועל דיך באַרוישן מיט אומרו און רו...

זי הייבט אירע אויגן מיט בליצן אויף אים,
זי זינגט, ניט זי רעדט, און עס גלעט אים איר שטים:

— איך וואַרט אויף דיין ענטפער, מיט פלאַטער איך וואַרט.
עס ענטפערט דער קינסטלער איר טרויעריק-צאַרט:

— איך גיי ניט, איך גיי ניט, מיין טרויער איז גרויס...
— דו וועסט אים פאַרוויגן ביי מיר אינם שויס.

— איך גיי ניט, איך גיי ניט, מיין האַרץ בלייבט געטריי.
— דיין האַרץ איז פאַרשקלאַפט, איז דיין קערפּער דאָך פריי!

— זי שטייט פאַרן איינג מיר פיל הימלישן חן,
איך גיי ניט, איך גיי ניט, הי לאָז מיך אַליין,

ווי טאָג נעמט מען צו זי פון אונטער מיין דאַך:
איך גיי זיך געזעגנען, די נאַכט בלייב איך וואַך.

---

באַרימט איז דער טעמפּל פון סאַנטאָ מאַריע,
ער האָט מיט זיין רייכקייט פאַרבלענדעט די ראיה,
ער האָט זיינע שעפעלעך ווייניק געשאָרן:
דער קלאַנג וועגן בילד האָט זיך בליצשנעל פאַרשפּרייט,
דאָס בילד פון מאַריע, די וועלטענע קוויט
האָט העכער געהויבן און שטאָלצער זיין האָרן.

... אַהין, אין די גאַסן, צום זיגרייכן טעמפּל,
וואו זי שטייט פאַרטרויערט ביים ברענענדן לעמפּל —
פאַר פרעמדע, פאַר אַלע צום ליבע-געניסן:
אַ ריינע און קלאָר, ווי איך בעטער דער שני,
ער וויל זיך באַקלאָגן פאַר איר איך זיין ווי
און ווייניקסטנס וויל ער איר טרויער באַגריסן...

ער היילט, און ער ליפט, און אָט קומט ער שוין אונטער,
און מענטשן — פון איבערעגונג רויטע, ווי צונטער,
זיי שטייען אַרום און זיך צלמען, בוקן:
ער קען ניט אַרומגיין, דער עולם איז גרויס,
באַלד קריגט ער פון וועמען אַ העפטיקן שטויס:
גיי, פרעמדער, גיי, פרעמדער, הי טאָרסט גאָר ניט קוקן!

ער שטייט אַ פאַרשטאַרטער, און ער איז דער לעצטער,
וואָס גרייכט ביזן בילד, מיט אַ ווי אַ פאַרלעצטער,
עס ווינען זיך אַלע, שוין אַלע צעגאַנגען...
ער שטעלט זיך דאַן איך איף די קניען פאַר איר,

ער גיט מיט קיין אבר זיך לאַנג ניט קיין ריר,
זיין האַרץ איבערפילט איז מיט ווייען און באַנגען:

— מען האָט דיך פאַרנומען, מען פייניקט דיך איצטער,
צי איז שוין באמת מיין טרוים אַ פאַרבליצטער —
צי איז שוין באמת געשטאָרבן די ליבע?
מיין רעיון געשאַרפט אינם געטלעכן שטרייט,
האָב דיך מיט מיין פענזל פון שקלאַפן באַפרייט
און וויטאָגנעכט לאַנגע און טריבע...

ער הייבט זיינע אויגן צו אירע אַלץ העכער:
מיט אייגענער האַנט האָב געפילט איך אַ בעכער,
דער געטלעכער ווין געטאָן שימען און בליצן:
מיין לעבן, מיין איינזאַמען לעבן פאַרזיס!
ט׳געבען דעם בעכער פון האַנט ווער אַ ריס,
און גאַסן געטאָן מען געטראַנק צישפריצן.

ער הייבט זיינע אויגן צו אירע אַלץ העכער:
דאָס פאָלק אַרום דיר ווערט אַלץ זיכערער, פרעכער,
און איך — איבעריק, ווי אַלע באַשעפער,
און דיך צוליב האָבן מיך אייגענע פאַריאָגט,
עס האָבן ווילד־פרעמדע מיך אַנדערש געפלאָגט
און האָבן מיין גורל געוואָרפן ווי ט־עפער.

און אָט שטעכט זיין בליק שוין אַדורך אירע אויגן,
עס האָט אין אַ באַק אירס אַ ציק דורכגעצויגן —
אָ, וואונדער! געשען מוזט אַ האַרץ צו דערנערן,
און זי האָט געעפנט אַ רגע איר בליק,
און באַלד — פאַרמאַכט זי די אויגן צוריק,
עס בלייבט אויף די באַקן צוויי ליכטיקע טרערן.

אַוועק איז דער קינסטלער, פיל טהייער און באַנגען,
פאַרטריבן אים האָבן די פרעמדע געזאַנגען,
וואָס האָבן זיין אויער ווי מעסערס געשניטן:

אַוועק און געקומען ניט איינמאָל צוריק,
עס האָט אים געשיינט נאָך דער אָפענער בליק,
דעם וועג אים געצייכנט מיט בליילעכע בליטן:

— אַז כ׳זע דיך ביי פרעמדע, דאַן גרויס איז דאָס באַנגען,
איך האָב דיך געשאַפן ערפילן פאַרלאַנגען
פון פרעמדע און פרעכע — דער גורל פון שאַפן!
איך וויל ניט, איך קען ניט — איך שטיי פאַר דיר פעסט,
מיין האַרץ איז פאַר ליבע פון געטער אַ נעסט,
איך וואַרפט דיר מיין ליבע שטאָט קנעכטשאַפט פון שקלאַפן!

און ליב מיך און ליב מיך... דו דינסט דאָ פאַר נוצן, —
מיט נוצלאָזע בלומען וועל איך דיך באַפוצן,
איך וועל דיך באַשיצן פון גאַס און פאַרלאַנגער,
איך וויל דיך דערהייבן פון ערדישער קויט,
און נאָך אַמאָל וועסטו באַזיגן דעם טויט,
צערייסן די נעצן פון גייסטיקע פאַנגער.

מיט מיר קום, צו מיר קום, מיר וועלן פאַרשווינדן,
עס וועט אונז געזעץ פון די מענטשן ניט בינדן,
מיר וועלן געניסן פון אייביקע קוואַלן,
אַ קינסטלער זיין שאַפונג וועט הופן אַ רוף,
עס וועט זיך פאַרקליידן און פאַרבן אַ גוף,
אַן אָטעם וועט קלאַפן אין ליבע וועט שאַלן:

איך רוף דיך די הימלישע טרעפן באַטרעטן!
און אָפטערס גערעדט איך איר האַרצן, געבעטן, —
אַ האַרץ האָט אין ליבע געברענט און געפלאַקערט:
אַ האַרץ אַז אין ליבע עס פלאַקערט און ברענט,
דאַן ווערט פאַר אוממעגלעך די גרענעץ פאַרלענדט,
פאַר וואונדער צו זייען אַ פעלד ווערט צעאַקערט.

און וואונדער באַשאַפן פון ליבע די ווערטער...
און ענדלעך דער קינסטלער אַן ענטפער דערהערט ער:

די ווילדער, די זיסער, די גרויסער אין ליבן,
דיין וואָרט איז גאָר זיס, אין דער ליבע דיין קראַפט,
עס האָט מיך צעהידערט דאָס וואָרט און פאַרשקלאַפט,
נאָר איך האָב מיט ווייען דיין ריפן פאַרטריבן!

ער קוקט און ער זעט: ניט קיין בילד, קיין געמאָלעכץ,
עס האָט פונם בילד, פון די פאַרביקע שאָלעכץ,
באַפרייט זיך אַ יונגפרוי, אַ שיינקייט גאָר זעלטן, —
אַ זעונג ט׳געטאָן פאַר די אויגן אַ שווים
און זי האָט פון לייוונט גענידערט פאַר אים
אַ בלום, אַ באַשמעקטע פון הימלשע וועלטן.

— איך ווער זיך נאָך איצטער און ווער זיך ביז ענדע,
עס האָט מיך אויף אייביק פאַרשקלאַפט אַ לעגענדע,
אַ צווייט געהער איך אין לאַנד פון די געטער,
און שווער איז דער יאָך פון אַ געטלעכער פרוי,
צי ווען זי געהערט, איז אויף אייביק אַזוי,
פון הייליקע ליידן ניטאָ מער קיין רעטער.

— אָן חופּה און קדושין... אָן ליבע אַפילו....
— געלייטערט איז לאַנג עס דורך טויזנטערס תפילה,
און ער האָט צו געטער שוין לאַנג זיך דערהויבן:
געזאַלבט פאַר אַ זון האָט אים גאָט אונזער גאָט...
— ווי שווער דורך די וועלטן עס ציט זיך זיין טראָט!
— אַזוי איז די טבע... פאַר מענטשן צו לויבן...

אַוועק און אַוועק און איז ווידער געקומען:
— ער האָט דיך געפייניקט, ער האָט דיך גענומען,
געזעטיקט דורך דיר זיינע קערפּער-געפילן,
די שיינע, די הייליקע כלה און טאָל,
און האָט דיך געגעבן פאַר אַלע אַמאָל —
פאַר גאַסן די זינדיקע גלוסטן צו שטילן.

אַ טרער האָט געבליצט איבן איג פון מאַראַנגע:
— נאָר גרויס איז, גאָר גרויס די געלאָזטע מתנה,
אַ גאָט איז מיין פרייִשן גורל געפאַלן!
און אַלע איך פריין און שיקן אים ליב,
איך טו זיך איצט שטייבן אין הימלישן שטויב
און באָד מיינע לאָקן אין ליכטיקע שטראַלן.

און — אַלץ בין איך מוחל... — אָ, גוטע, לאָז ריידן
דיין שעפער, דיין קנעכט, וואָס איז איינער אין ביידן:
פאַרלאָזן מיין גאָט, פון מיין פאָלק זיך דערווייטערט...
דיין פאָלק איז מיר פרעמד און דיין זון איז צו קליין,
עס קענען ניט מענטשן צו לעבן אַליין,
און טיגל פון פאָלק און פון גאָט ניט געלייטערט!

איך ליב דיך, איך ליב דיך... אין האַרצן די בלוטן
זיי ווילן ניט וויסן, מוט ביזן, מיט גוטן,
זיי רופן צו שאַפן, און ליבע צו שמידן:
דיין ערדטראַכט איז צייטיק, און דו ביסט נאָך יונג,
איז נאָך ניט פאַרשלאָסן די אייביקע תנג,
וואָס קייטלט מוט ליידן און שאַפן דעם יידן!

איך ליב דיך, איך ליב דיך אַ ליבע פון געטער,
און פרוכטבאַר דיין ערדטראַכט באַפרוכפערן וועט ער
צו מענטשלעכעס־גרויסעס דער יידישער קאָרן:
ער האָט שוין אַמאָל זיינע פוחות געפרווט,
ער האָט זיך אַמאָל אין אַ גאָט שוין פאַרגופט,
קום שאַפן אַ גאָט־זון פון צער און צאָרן!

און מיינע איצט ביסטו! דו ביסט ניט געשטאָרבן:
אין ליידן פון שאַפן צוריק דיך ערוואָרבן
און אונזערע ביסטו, איך פאָדער די רעכטן:
דאָס בלוט פון מיין פאָלק האָט געשוימט אין דיין כוס,
אַ קינד זיינס זיין קאָפּ ברענגט דיר ווידער אין שויס,
די קייט פון דער געטלעכקייט ווייטער צו פלעכטן.

די אויגן פֿאַרשלאָסן, עס שווייגט די מאַדאָנע,
עס היט זי און שיצט זי פֿון צניעות די פֿאָנע,
און דאַכט זיך, געוואָרן אַזוי ווי גאָר בלאַסער —
אַ שעה און אַ שעה און זיך צייטיקט אַ קווייט,
עס קייקלט זיך לאַנגזאַם די אייביקייט־קייט,
די שעהן פֿאַרשווינדן, ווי שוים אויפֿן וואַסער.

---

און דאַן האָט פּאַסירט, וואָס עס פּלעגט אָפּט פּאַסירן
אין לויף פֿון דער צייט, דורך יאָרהונדערטער־טירן:
עס האָט זיך די כוואַליע אין געטאָ צעגאָסן,
עס האָט די געשיכטע געטריבן איר שאַנד,
און מענטש האָט אויף מענטש הויך געהויבן אַ האַנט
עס איז פֿון די אָדערן בלוטן געפֿלאָסן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

דערזעט פֿון דער הויך ער די בלוטיקע כּיתּה,
באַלד איז ער שוין אונטן, אין מיטן דער שחיטה,
וואו ס'הוליעט מענטש־חיה און אויגן־רויט זידן:
אָ, אימה, אָ, שרעקן! דער עולם גאָר ווילד
טראָגט פֿאָראויס מיט תּפֿילות זיין הייליקן בילד
און הייליקט דעם בלוט־גוס, דעם קאַמף קעגן יידן...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— ...און דו האָסט געשוויגן... מען האָט דיך געטראָגן...
פֿאַרגוואַלטיקט אין גאַסן... געטובלט אין פּלאָגן...
אַ נאַקעט־אַנטבלויזטע... אַ מענגע... אַ באַנדע...
דיין שיינקייט געטראָגן אין שמוץ און אין קויט:
איך האָב דיך צו אייביקע ליבע געבויט,
מען האָט דיך פֿאַרוואַנדלט צו אייביקער שאַנדע!

קום, טרייסט מיך, קום, טרייסט מיך, ווי פֿיינלעך די שעהן...
און זי איז געקומען און אָוונט און גרויען
און האָט אויף זיין בעט זיך געזעצט אַ פֿאַרוויינטע:
— מען האָט מיך געשענדעט... מען האָט מיך פֿאַרפֿאָלגט,

אַ פֿינגלעכער ווייטאָג מיין האַרצן איצט נאָגט,
געבליבן מיין צניעות און פֿיין ניט געשוינטע..

און ס'ענטפֿערט דער מאָלער: — דעם ווייטאָג דעם בלינדן
וועט קענען מיין ליבע מיט טויט איבערווינדן...
דיין ערע פֿאַרשוועכט און דיין זון ליגט אָן קרעפֿטן.
עס ווערן די געטער הירך בלוטן פֿאַרשוועכט,
און איך האָב געפֿלאָכטן מיין ליבע הירך נעכט,
עס זאָל אונז צעשיידונג אויף אייביק באַהעפֿטן.

אין בלוטיקן טאָל, צווישן בלוטיקע שקלאַפֿן
דיין ערד־טראַכט געפּרוווט האָט אַ גאָט צו באַשאַפֿן;
איך טו צו דיר בעטן, איך טו צו דיר רופֿן:
פֿאַרלאָז איב, פֿאַרלאָז אים, ער האָט דיך פֿאַרפֿירט,
הירך טעותים צום אמת דער וועג דיינער פֿירט,
צו הייכן דורך טאָלן, הורך בלוטיקע פּרוון.

געשוויגן די געטין, דער קאָפּ אין דער נידער,
ער קוקט און ער פֿיבערט און רעדט צו איר ווידער:
— די שווייגסט... די ביסט מסכים... איך פֿיל דיינע ווייען...
די ציטערסט... ווי קאַלט אויף דער וועלט, אָ, ווי קאַלט...
עס מוז ווידערהאָלן זיך... כ'זע דיין געשטאַלט,
איך זע דיינע גליסטן פֿאַרגליווערטע שטייען.

נישט דאָ... נישט אין גלות... עס קענען ניט שקלאַפֿן,
אין קייטן געשמידטע, אַ גאָט צו באַשאַפֿן!
אַהין צו דעם כותל — פֿון פֿרייהייט אַ סימן...
איך וועל דיך דאָרט נעמען... די איינציקע וואַנט...
כדת וכדין צו דעם נייעם פֿאַרבאַנד,
דער מדבר וועט זינגען אונז איבלעבונגס־הימן!

---

אין שטיל איז די נאַכט און די שומרים זיי וואַכן,
מיט ענדלעך די מידקייט איינגן פֿאַרמאַכן.
עס דרעמלען די שומרים, די שוועסטער זיי שלאָפֿן.

דאַן שטייט איף דער קינסטלער אין מיטן דער נאַכט,
ער האָט הינטער זיך פעסט די טירן פאַרמאַכט,
צום קלויסטער דער קינסטלער דעם וועג האָט געטראָפן.

אַ מעסער בלינק־בלאַנק... און גאָר שטיל זיינע טריטן,
דאָס בילד פונס ראַם האָט ער היילנד געשניטן,
ווי הייליקן פאַרמעט געוויקלט צוזאַמען,
און באַלד זיך אין וועגן געלאָזט פון דער שטאָט,
און זיכער זיין בליק איז און פעסט איז זיין טראָט,
עס ברענען די אויגן מיט בליציקע פלאַמען.

און ס'שעפטשען די ליפן: — אָ, ליבע, געטרייע,
און מאָלצייט פון געטער אַ רייע נאָך רייע,
עס בייטן זיך כוסות, עס בייטן זיך טאָסטן
און טרונקענע ביימער זיך קערן צום זאַפט,
עס האָט זיך דער מזרח מיט דאָפלטער קראַפט,
באַוואָפנט מיט ליבע, — איף מערב פאַרמאָסטן!

---

געוואָרן איז טאָג, און געקומען איז נאַכט,
עס האָט ניט דער קינסטלער פון שעהן געטראַכט...
און אָט איז אַ חורבה, און אָט איז אַ וואַנט,
און אָט זיינען בידע זיי דאָ זאַלבענאַנד,
פאַרוויקלט אין שטומע און נאַכטיקע סודות.
דער הימל אַ חופה, די וואַנט איז אַן עדות,
דער ווינט ווי איף סטרונעס מיט שפילן באַגלייט,
און אָט איז אַ בעט אויפן גרינגראָז געגרייט,
און אָט איז צעוויקלט דאָס בילד אויפן וואַנט.
דער קינסטלער שטרעקט אויס צו זיין ליבער אַ האַנט,
און ער הויבט, און ער רעדט, פליסט זיי כישוף־געבעט:
— ליבע־איין, ליבע־אויס, פונס קאָפ ביזן שויס,
פאַר ליבע אַ צייט, עס איז ערגעץ ניט חייט
קעגן מעכטיקן רוף, און פאַרקלייד זיך אין גוף,
און צו זיך אָן ביינער, און פערלדיק ציינער,

פֿון אויגן אַ בליץ, פֿון בלוטן די היץ,
און אָרעמס צעעפֿן, עס מוז זיך היינט טרעפֿן,
וואָס האָט זיך אין האָפֿן נאָך קיינמאָל געטראָפֿן...
מיין בענקען, מיין האַסן — איך שטיי, איך באַפֿעל:
טרעט איבער די שוועל! איך האָב דיך באַשאַפֿן,
איך רוף דיך צו שאַפֿן, און די ביסט מיין שקלאַפֿן,
און איך בין דיין האַר, איך וועל דיך באַפֿרוכפּערן
מיט שאַפֿונגס־לייד־צער!
און גיכער, און גיכער, מיין רוף אַזוי זיכער
און — שטרעק מיר דיין האַנט — — —
און באַלד לעבן וואַנט
זיך געשטאַנען די הייליקע, שיינע, די שענסטע פֿון אַלע:
— געבענטשט זיי, געווינטשטע און זיגרייכע כּלה!
און שטיל איז, און שטיל איז, ניט ס'ציטערט אַ בלאַט,
און איר האַנט אין זיינע, ער זאָגט „הרי את“...
זי בליט, ווי אַ רויז, און אַנטבלויזט איז איר לייב:
— זיי מיינע, זיי מיינע, די געטלעכע ווייב!

און שטיל איז, און שטיל איז — אַ ברוסט צו צוויי ברוסטן.
אַ לייב צו אַ לייב אין גאָט־שאַפֿנדע גלוסטן,
אַ זון איף דער ערד איף דאָס ניי אָנצוצינדן:
אַ פֿלאַטער, אַ צאַפּל, בנשקה, אַ טויט,
דאָס לעבן הורך טויט ווערט צום לעבן געבויט,
דעם האַס מוז די ליבע אין טויט איבערווינדן!

אַריבער די נאַכט און דער מאָרגן שוין גרויט ער,
ביי תּורבה אין פֿעלד ליגט דער מאָלער אַ טויטער.
ער האָט זיינע שליחות ערפֿילט ביזן ענדע,
און מויל איז פֿאַרטריקנט אַ קוועלעכל בלוט,
מיט בלוט איז געהייליקט די העכסטע מינוט,
מיט בלוט איז געחתמעט באַנייונגס־לעגענדע.

דערביי ליגט דער לייוונט. די נאַכטיקע טויען
די פֿאַרבן געטרונקען, און פֿלעקן נאָר גרויען —

פֿאַרשוואונדן פֿון לייוונט די שענסטע מאַדאָנע –
וואָס איז געשען? וואו איז די אַוועק?
עס האָבן די פֿרומע געגורט זיך אין זעק,
די שטאָט איז געבליבן אַ וויסטע אַלמנה.

און ס'ווייסט גאָר ניט קיינער, עס ווייסט גאָר ניט קיינער:
אין בעטלערשע קליידער, אַ בליק הימל־ריינער,
אַ בליק, וועלכער תּופֿס און אין איין צייט דערווייטערט,
אַ פֿרוי גייט אין וועגן פֿון דערפֿל צו דאָרף,
און גיט זי אויף וועמען די אויגן אַ וואָרף,
פֿון זינד ווערט דער מענטש ווי דורך פֿייער געלייטערט.

און ס'ווייסט נאָך ניט קיינער איר געטלעכן נאָמען,
דער טויטער, און זי, און דער געטלעכער זאָמען –
דרייאייניקייט אייביק, פֿון שאַפֿן דער קאָרן:
איר וועג ליגט אויף מזרח, בית־לחם אויפֿסניי,
די ראָד פֿונם לעבן אין אייניקייט־דריי
צו לייטערן שׂמחה פֿון ווייטאָג און צאָרן.

און שטערנזעער, געניטע אין הימלשע זאַכן,
שײַן ערגעץ דאָרט קוקן אין הימל און האָרכן
און וואַרטן דעם שטערן דעם נייעם, באַשטראַלטן,
וואָס אויפֿגיין פֿון מזרח ער דאַרף אויף דער וועלט,
און בשׂורה נאָך בשׂורה: עס ליכטיקט, עס העלט – –
די ערד אין ערוואַרטונג ט'איר אָטעם באַהאַלטן.

# דער גראַף און די יידן.

(לעגענדע).

לאַנג פון שלאָס אַ תל געוואָרן, —
נאָר צוריק מיט פילע יאָרן,
האָט ער זיך מיט גאָלדן־שפיצן
צו די הימלען שטאָלץ געהויבן
און אין זונשיין פלעגן שויבן
מיט אַ רחבות גאָלדיק בליצן;
וויפל טורעמס, וויפל קראַטן
און באַוואָפנטע סאָלדאַטן
דאַן באַוואַכן גרויזאַם פלעגן
אַרום פּאַלאַץ אַלע וועגן,
און עס האָט געשפּרייט זיך דאָרטן
אַרום פּאַלאַץ ברייט אַ גאָרטן
וואָס האָט פריינדלעך אָנגעבאָטן
בעסטע פרוכטן, קילסטן שאָטן
און פון שענסטן און פון בעסטן —
ווער־זשע קאָן די פּראַכט אויסמעסטן,
אַז זי האָט גאָר ניט קיין מאָס!
און געשטאַנען איז דער שלאָס
אויף אַ באַרג, ווי אַלע שלעסער;
און געוואוינט האָט דאָרט פון יאָרן
הויך באַטיטלט און געבאָרן
אויף צו הערשן און באַפּוילן
אַ באַרימטער גראַף פון פּוילן.
און מיט אים אַ טאָכטער איינע,
אַ געראָטענע אַ שיינע,

נאָר אַ שוואַכע, שטענדיק מידע,
ווי עס טרעפט אַ בת־יחידה,
און דערצו איז נאָך די קליינע
שטאַרק פאַרצויגן, ווייל זי איינע
האָט אים נאָר זיין פרוי געגעבן
און אין יוגנט פון איר לעבן
איז די פרוי אים אַלס אַ קרבן
פונ׳ם קינפּעט אָפּגעשטאָרבן.
איז דעם גראַף די טאָכטער טייער,
קושט ער ממש אירע טריט
און ער צערטלט זי און היט,
אַז עס איז גאָר אין־לשער.

און צופוסן פונם הויכן
שטאָלצן באַרג מיט בלומען־בייטן
פלעגן נידעריק זיך שפּרייטן
אַלע טאָג פיל דינע הויכן:
ווייט פון טראַקטן, ווייט פון וועגן
איז אַ שטעטל דאָרט געלעגן,
אָרעם, שמוציק און פאַרלאָזן,
און דער מאַרק פאַרוואַקסט מיט גראָזן,
און עס לעבט נאָר דער בית־מדרש.
אַלע שבת נייע כחות,
מאָנטאָג, דאָנערשטאָג תחנונים
מיט די האַרציקסטע ניגונים,
מיט התלהבות און באַהאַוונט,
אַלע טאָג דריי מאָל געדאַוונט,
נאָר פרנסה — אָ, פון וואַנען?
ליידיק איז דער מאַרק געשטאַנען!
פלעגן ייִדן דאַוונען הייסער:
גאָט דו גוטער, גאָט דו גרויסער!...
און די קולות זיי דערגרייכן

בּיזן פּאַלאַץ בּיזן הימל,
וואו גאָר אָפּטמאָל גערעדט זיך קליינגן,
גוטע סעודות טוען ריינגן
און עס טרינקען ווײַנען בּעסטע
פֿונם לאַנד די שׂרות גרעסטע,
פֿרעמע שׂרות, פֿרום-קאַטוילן
פֿונם לאַנד מדינת-פּוילן.

און די קולות פֿון די בּרכות
פֿון בּית-מדרש ווי להכעיס
פֿלעגן אָפּט דעם הוליען, זינגען
מיט התלהבות הייס פֿאַרקלינגען.
פֿלעגן קרימען זיך די שׂרות:
דאַרפֿסט די יידן איך כּפּרות
און צו אַלדע גוטע קלאָגן
האָסטו זיי געדאַרפֿט פֿאַריאָגן.
און די פֿרעמדע בּײַ די ווײַנען,
בּײַ די עסנס פֿלעגן טענהן:
גראַף, געדענק, גאָט וועט דיך שטראָפֿן,
ס'איז נאָך קיינמאָל ניט פֿאַרלאָפֿן,
אַז פֿון חורבות, עגעץ הייזעך,
זאָלן יידן גאָר פֿאַרטריבן
פֿיליש פֿרייד אין פּאַלאַץ איבן.

די פֿאַרשיפֿורט בּייזע ווערטער
הערט דער גראַף אַ שטאַרק-פֿאַרקלערטער
און איז מסכּים איך דער ווילע.
ווי-זשע דען? גערעכט — אַ שאלה!
און איז גרייט: אַ בּיסל שפּעטער,
נאָכן בּאַל און מאָלצײַט, וועט ער
רופֿן זיי און וועט בּאַפֿעלן
קלייבן זיך אָט שוין און וועג.

אין אין שטעטל צייט דריי טעג
זאָל קיין ייד זיך ניט אָפּשטעלן.
אין די יידן דאָס דערהערן,
קומען זיי צו אים מיט טרערן,
מיט פאַראומערטע געזיכטער...
ווערט דער גראַף דערוויילע ניכטער
און ער קומט צו די מחשבות:
וואָס־זשע מיינט איר, אַ קאַטאָוועס?
אָרמע מענטשן — בנאמנות,
אַ רחמנות, אַ רחמנות...
און ער לאָזט זיי ווייטער הען,
און די יידן זייערס טוען.
אלא וואָס? דאָס דאַנקען, לייבן
שטאַרקער ווערט נאָך, אַזש די שייבן
אינם שלאָס ביים פריץ אייבן
פונם תהילימדיקן ניגון
דאַכט זיך, ציטערן, זיך וויגן.

דאַרף זיך אָבער עפּעס טרעפן
מיט דער יונגער שיינער גרעפין
און אַמאָל — נאָך צופיל טאַנצן —
ווערט זי פלוצלונג ניט אין גאַנצן,
קריגט זי היץ און ליגט אין בעט זיך
און אַזוי — אָט ווי עס רעדט זיך,
ווערט זי עיגער וואָס אַ רגע —
וואו רפואות, ס'העלפט קיין פלעגע
און דאָקטוירים פון די בעסטע,
ספּעציאַליסטן פון די גרעסטע
קוועטשן נאָר מיט קלוגע פלייצעס,
און אומזיסט די בעסטע עצות
און פון ביכער קליגסטע אותיות
און די גרעפין איז אַ גוסס.

נעמט דער גראַף דאָס שטאַרק צום האַרצן,
זײַנע בליקן וואָלקן־שוואַרץ,
פֿיל מיט יאוש טרויער קוקן,
און אין דרייען שוין דער רוקן
און אינגאַנצן קראַנק און שלאַף.
— נעמט אין מייל וואָס, ליבער ג־אַף!
אָבער וואו? עס העלפֿט קיין ווערטער,
גייט דער גראַף אום אַ פֿאַרקלערטער
און אַ בלאַסער און אַ שוואַכער
הייסט ער רופֿן כּישופֿמאַכער:
„מײַנע אוצרות זײַנען אָפֿן,
גאָלד און זילבער, בעסטע שטאָפֿן,
אַלעס נעמט, איך גיב מיט פֿריידן,
מאַכט נאָר גרינגער אירע ליידן״.

ווער פֿון הייל און ווער פֿון וואַלד
קומען כּישופֿמאַכער באַלד,
און זיי רייכערן מיט גראָזן,
און אויף פֿייערן זיי בלאָזן,
און אויף דרייפֿוסן זיך זעצן,
און זיי בוקן זיך צו געצן,
און זיי ליאַרעמען און שאַלן,
נאָר פֿאַרפֿאַלן און פֿאַרפֿאַלן:
ס'ווערט דער גרעפֿין אַלץ ניט גרינגער,
און דער גראַף — ער ברעכט די פֿינגער.
— וואָס־זשע טו איך? גיט אַן עצה!
גיט אַ קוועטש ווער מיט אַ פּלייצע:
— אַז דער גראַף איז זינד באַגאַנגען,
און עס איז צו גאָט דערגאַנגען,
אַז די האָסט פֿ'דיין ערד געלאָזן
ייִדן דאַווענען, שופֿר בלאָזן,
פֿראַווען יום־טוב און תּעניתים

און מקבר זיין די מתים
מיט די אַלע טויזנט זאַכן —
ווער־זשע קאָן דאָ עפּעס מאַכן?

טראַכט דער גראַף: קאָן זיין... ווער ווייסט...
הופט ער באַלד אַ קנעכט און הייסט
אין פאַרביטערונג און צאָרן
אים אין שטאָט אַריינצופאָרן
און אין גאַסן און אין שטעטלן
אין זיין נאָמען צו באַפעלן,
אַז אַזוי ווי ס'איז פאַרלאָפן,
אַז עס טוט זיין גאָט אים שטראָפן
פאַר זיין גוטסקייט מיטן שטעטל,
זאָלן זיי אַ גוטן צעטל
זען ביי זייער גאָט אויסבעטן
און דער זאָל זיין טאָכטער רעטן
און אל תפתח פּה לשטן,
אויב עס וועט זיי ניט געראָטן,
און זיין טאָכטער ליב וועט שטאַרבן
וועט ער גלייך די שטאָט פאַרדאַרבן,
ער וועט הענגען, ברענען, בראָטן,
אָן דערבאַרעמונג אויס־ראָטן.

ווי גערעדט, איז ניט פאַרצויגן,
און עס פליט שוין פייל פון בויגן
פונם באַרג אין טאָל אַ רייטער
און אין אַלע גאַסן שרייט ער,
גיט ער איבער פריצס ווערטער,
און דאָס פערד צוריק פאַרקערט ער,
גיט אַ בלאָז אין גרויסן האָרן
און איז באַלד שוין ניט געוואָרן.
זען יידן — עס איז ביטער,

נעמט זי הורך אַ גדיל, אַ ציטער —
וואָס=ושע טוט מען? וואָס זאָל בלייבן? —
ס'וועט דער גראָף קיין שפּאַס ניט טרייבן,
ס'איז סכּנות נפש ממש...
שיקט מען באַלד אַהים דעם שמש,
ער זאָל אָנקלעפּן אַ צעטל
און זאָל איבערופן אין שטעטל,
אַלטע ווייבער, קליינע קינדער,
און אַפילו שאָף און רינדער
זאָלן כּסדר דריי מעת=לעתן
ניט פאַרזוכן טרינקען, עסן,
און מען זאָל נאָר רחמים בעטן,
ער זאָל רעטן, ער זאָל רעטן.

וואו אַ שטוב און וואו אַ קלייט —
פּוסט און ליידיק, ווייל קינד און קייט
פון דער פרי ביז אָוונט שפּעט
אין בית=מדרש דאַוונט, בעט:
ליבער גאָט, זאָלסט ניט פאַרזאַמען!
מיט די יידן וויינט צוזאַמען
אייך דער הימל דאָרטן אייבן,
קלאַפּט אַ רעגן אין די שייבן.
פינסטער, תּישך אין די שטיבער,
און אַ שוידער גייט אַריבער:
שוין דער דריטער טאָג פון תּענית
און עס שלאָפט נאָך דאָס רחמנות
און קיין כּוח אויך ניטאָ מער:
שוואַכער ווערט די קלאַנג און יאָמער,
נאָר די טרערן — אַך, די טרערן
טוען מערן זיך און מערן.
ס'וועט זיך בלוט אין גאַס זיך גיסן,
מען וועט הענגען, פערטלען, שיסן, —

און דער עיקר — גאָטעס נאָמען
אין די גאַסן, אין די בראָמען
וועט פאַרשוועכט ווערן, געטראָטן,
חס ושלום, דורכן שטן.
קומט דער אָוונט שיין דער דריטער,
גייט די מנחה, מיט אַ ציטער,
מיט יום־כּיפּורדיקן ניגון:
טאַ פּאַר קינדער אין די וויגן,
טאַ אין זכות פון קליינע קינדער
און אומשולדיקע רינדער!
און אָט באַלד האָט אין די שויבן
ווער אַ שטראַל געטאָן פון אייבן
מיט אַ שמייכל מיט אַ זיסן, —
ס׳האָט דער וואָלקן זיך צעריסן
ביי די מערבדיקע ברעגן,
עס האָט אויפגעהערט דער רעגן, —
מיט אַ וויטאָג מיט אַ שטומען
איז די זון אַרויסגעשוואומען,
און מיט בענקענדיקער פריידע
ווי געבענטשט האָט זי די עדה.

נאָך אַ רגע טוען שאַלן
איינס נאָך איינס דריי הינער־קנאַלן,
ווי אַן אָנזאָג, ווי אַ בשורה, —
און פאַרביי דער הייזער־שורה
פליט אַריין אַ שיין קאַרעטל
אויף אַ פייער־פערד אין שטעטל, —
און פון פאָרנט אויפן ברעטל
זיצט אין פורמאַנישן הילך
שטאָט אַ פורמאַן דוד המלך,
און פון הינטן זיצט אַלס סוחר
גאָר אַן אַלטער, נאָר אַ הויכער,

מיט אַ בליק, וואָס טוליעט, גלעט,
אליהו=נביא דער פּראָפעט,
ווי מיט שיין אַרומגעשטראַלטער,
און אין האַנט אַ כּוסע האַלט ער,
אָנגעפילט מיט רויטן ווײַן:
פירט מיך גלײַך אין שלאָס אַרײַן!

און אין שלאָס איז קיין זאַך בעסער:
שאַרפט דער טויט שיין לאַנג זײַן מעסער
און דער גראַף — ניטאָ קיין גראַף:
פונם ווײנען קראַנק און שלאַף,
ניט ער קלאָגט און ניט ער רעדט,
זיצט אַ שאָטן לעבן בעט...
ווערט שיין פינצטער, ווערט גאָר שפּעט,
גיט אַ קלאַפּ אין טיר ווער: עפן!
און אין צימער פון דער גרעפין
קומט דער גאַסט אַרײַן געלאַסן,
גייט פאַרבײַ דעם גראַף דעם בלאַסן,
גייט גלײַך אונטער צו דער טאָכטער,
מיט זײַן טיכל די באַפאָכט ער,
און דערנאָך איר דורך די ליפּן
טוט ער טראָפּנס צוויי דורכזיפּן
איר אין מויל פון פולער כּוסע,
עפנט באַלד די אייגן גרויסע,
זעט אים פריילעך, זעט אים מונטער,
גייט זי באַלד פון בעט אַרונטער
און זי בעט גאָר עפּעס עסן...
און דער פריץ — ווי געזעסן
איז בײַם בעטל, צוגעקוקט זיך,
אויף די קני שוין שטייט צופרידן,
און ער קניט זיך און ער בוקט זיך
פאַר דעם אַלטן הייכן ייִדן — —

כיטן איז ווי נאָר אַ פּינטל,
ס'האָט דערפּילט זיך נאָר אַ ווינטל
און אַ קיצל אין די אויגן
און — די זעונג איז פאַרפלויגן.

גרויס די שמחה איז דאָרט אויבן;
און די יידן אונטן לויבן
גאָט דעם גרויסן, גאָט דעם גרויסן,
וואָס דעם שטן האָט פאַרשטויסן.
טוט דער גראַף די יידן דאַנקען,
שיקט זיי טייערסטע געשאַנקען,
גיט אַוועק זיי פריי די דירות
און אַ העלפט פון זיין עשירות
און דאָס שטעטל, וואָס אין טאָל,
ווערט אַליין רייכער וואָס אַמאָל.

# די וואונדערלעכע נסיעה.

(אַ יידישע מעשהלע).

I.

איז געווען אין יענע צייטן,
ווען די יידן, גלייך צו לייטן,
האָבן היק, האַנט ביי האַנט,
נאָך געוואוינט אין זייער לאַנד,
אונטער ווײנשטאָקן געזעסן
אין יהודה און געגעסן
באָקסער, מאַנדלען, טייטלען, פייגן
פֿון די גאָטס־געבענטשטע צווייגן, —
האָט ביים ברעג פֿון ירדן־טייך,
איצטער אָרעם, פריער — רייך,
דאָרט געלעבט פֿון יאָרן פיל
פרום און גוט און רויק־שטיל
רב רפאל מיט זיין פרוי,
און געלעבט זיך אָט אַזוי
מיט אַ זון, אַן איינציק קינד.
איז רפאל אַלט און בלינד,
אייף די פיס ער האַלט זיך קוים,
זיצט כל ימיו אין דער היים,
פֿון דער תורה תמיד טראַכט,
און ער לערנט טאָג און נאַכט;
טאָג און נאַכט אַלץ איבערייניק,
כאָטש פרנסה איז גאַנץ ווייניק.

נאָר עס זינדיקט ניט רפאל,
דאַנקט דעם גאָט פון פאָלק ישראל,
און חיונה ציט דערפון,
וואָס עס שיקט גאָט צו זיין זון,
וועלכער פאָרט אין ווייטע מדינות
און צעפירט אין אַרבע־פינות
באָקסער, פייגן, טייטלען, מאַנדלען,
און פון אומפאָרן און האַנדלען
ברענגט אַהיים ער די פרנסה;
און עס לעבט זיך גאַנץ נישקשה.
און דער זון — ער האָט אַ כלה,
וואָס די כלה — זאָגן אַלע —
איז אַן אויסנאַם, איז אַ בחור,
און, קומט אויס, מען רעדט פון איר,
לויבן אַלע זי אָן שיעור.
אַ יתומה איז דאָס מיידל,
אויסנאַם־שטיל און זעלטן איידל,
נאָר זי אַרבעט שווער און ביטער:
העלפט אין פעלד אַמאָל די שניטער,
שערט וואָל שעפסן, ליינען וועבט
און דערפון קוים־קוים זי לעבט.
און נאָך שטאַרקער כ'מיידל שעצטן,
ווייל זי טיילט זיך פונם לעצטן
מיט די אָרעמע, געדריקטע, —
זיינען אַלע גאָר אַנטציקטע!
שוין געשריבן תנאים לאַנג.
נאָר דער חתן, ווי ס'טוט ניט באַנג
איינמאָל נאָך אין וועג מוז פאָרן,
און נאָך איידער ס'וועלן ווערן
די־יאָר שעפסן אָפגעשאָרן,
ווערט ער זיך צוריק שוין קערן,
דאַמאָלסט וועט קיין זאַך ניט שטערן,

וועט ער חתונה שוין שפּילן,
קיין געשעפֿטן מער ניט טרייבן
און אַ יאָר און שטוב פֿאַרבלייבן
און זיך פֿרייען מיט זיין פֿרוי —
אם ירצה השם, וועט זיין אַזוי.
און ער זעגנט זיך דערווייל,
און ער פֿאָרט פֿאַר הונדערט מייל.
און עס בלייבן וואַרטן אַלע:
פֿאָטער, מוטער און די כּלה,
און זיי בעטן האַרציק גאָט,
ר'זאָל פֿאַרזיכערן זיין טראָט.
און ער זאָל זיך ניט פֿאַרזאַמען:
„ליבער גאָט, הער־צו דער מאַמען,
ליבער גאָט, הערצו דעם טאַטן,
ס'זאָל אין וועג אים קיין זאַך שאַטן
און הער־צו דיין דינסט, די כּלה" —
זיצן, וואַרטן אַזוי אַלע.
ציט די צייט זיך אָן און עק
זיינען וואָכן שוין אַוועק
און דאָס וואַרטן איז אומזיסט.
און די צייט אַלײן ווייטער פֿליסט
און ניטאָ אַלײן... ביז אין מיטן
פֿונם חודש שוין דעם דריטן
ביי דעם ירדן גיט מען איבער,
ס'האָט באַפֿאַלן זיי דער ליבער —
ווי דעם טאַטן, ווי דער מאַמען —
אַז ער וועט זיך לאַנג־לאַנג זאַמען.
און דערנאָך, אַלײן ווייטער, מערער
ווערט עס זיכערער און קלערער,
אַז אומזיסט דאָס גאַנצע האָפֿן:
ס'האָט אַן אומגליק זיך געטראָפֿן
און דער זון וועט מער נישט קומען —

ס'האָבן רויבער אים פֿאַרנומען,
געלט און סחורות צוגענומען
און אַליין אים, יונג און שטאַרק,
אויף אַ גרויסן שקלאַפֿן־מאַרק,
ווי ס'פֿלעגט טרעפֿן זיך פֿאַר־צייטן,
אויף אַ מאַרק פֿאַרקויפֿט אַ ווייטן.
ווערט דער חורבן גרויס אָן מאָס.
„גרויסער גאָט, וואָס טוסטו דאָס?"
קלאָגט דער פֿאָטער, קראַנק און בלינד:
„ווי געשריען — ס'איינציק קינד!
גרויס דיין שטראָף, ווי גאַל דיין צאָרן,
איצטער ווייס איך, כ'בין פֿאַרלאָרן,
ווייל איך בין דאָך קראַנק און אַלט..."
און פֿאַר וויי אין אָנמאַכט פֿאַלט.
און די מאַמע וויינט באַזונדער:
„גרויסער גאָט, באַווייז דיין וואונדער,
ווייל דו קאָנסט דאָך און דו ווייסט,
קער־ושוב אים, גאָט, אונזער טרייסט".
נאָר די כלה, ווי אַ שטיין
ניט קיין קלאָג, ניט קיין געוויין,
ניט אַ סימן פֿון קיין טרערן.
נאָר עס רונצלט זיך איר שטערן,
אירע אויגן ווי די פֿינקען,
און געדאַנקען טיף פֿאַרזונקען,
און זי טוט אַ זאָג באַשליסן,
ווי מיר וועלן עס באַלד וויסן,
מיט די ירדן־וואַסער קאַלטע
מונטערט זי געשווינד די אַלטע
און זי זאָגט: „עס איז באַשלאָסן,
איך מוז זוכן גיין מיין חתן.
כ'בעט פֿאַר מיר זיך גאָר ניט דאגהן,
כ'קען ניט רוען, כ'קען ניט שווייגן,

ווײַל קײן זאַך איז אָן מײַן ליבן
מיר אין לעבן ניט געבליבן,
דאָס זאָל הײלן װען מײַן װאונד —
בענטשט מיך נאָר און בלײַבט געזונט!"
און זי זעצט זיך, זאָגט אַ שטילע
איבער װעג אַ קורצע תּפֿילה,
און זי טוט אין װעג זיך לאָזן.
װינטן רײַשן, װינטן בלאָזן
און פֿון הימל פֿונעם טיפֿן
טוט אַ רעגעלע שױן טריפֿן.
אָבער איר דער רעגן שטערט ניט,
און זי װײסט ניט און זי הערט ניט,
ביז זי זעט: דער װעג צעשײדט זיך,
רעכטס און לינקס איז צװײ צעגײט זיך:
װאו זשע זאָל זי זיך דאָ קערן,
װאו װעט איבלײַבן איר שטערן?
שטײט אַזױ זי און זי קלערט
און גאָר פּלוצלונג — זי דערהערט
פֿון דער הײך, װי עמעץ רעדט
און אַ שטימע טוליעט, גלעט:
„ליבע מײדל, גוט און אײדל,
איך בין לאַנג אַרומגעפֿלױגן
איבער בערג און איבער טאָלן,
אויסגעקוקט זיך אַלע אויגן,
ביז איך קאָן דיר איצט באַצאָלן
פֿאַר דײַן גוטסקײט, פֿאַר דײַן רעטונג,
ניט אומזיסט האָסט פֿון צעטרעטונג
מיך געראַטעוועט, װען איך בין
גאָר אַ קלײנס נאָך און אָן זין
פֿונעם נעסט אַרױסגעפֿאַלן —
ס'װעט קײן גוטסקײט ניט פֿאַרפֿאַלן!
ביסט אַ גוטע און אַ ליבע,

און איך ווייס די גרויסע סיבה,
וואָס האָט דיך אין וועג געיאָגט
און דיין האַרצן וואָס עס פּלאָגט:
גיי נאָך מיר — וואו איך וועל פליען
זאָלסט גלייך נאָך מיר זיך ציען".
ווערט די מוידל אַ דערפרייטע:
פּאַראויס פליגעלעך צעשפּרייטע
פון אַ פויגעלע אַ קליינע,
גאָר אַ זעלטענע, אַ שיינע,
וועלכע פליט און ווייזט דעם וועג;
גייט נאָך אים די מיידל טעג
ביז זי קומט צו צו אַ ברעג.
פון די כוואַליעס הויך באַגלייט,
שפּרייט אַ טייך זיך טיף און ברייט
און ביים טייך די מוידל שטייט:
און פון אויבן אויך דער פויגל
וואַרפט צו איר אַראָפּ אַן אויגל,
אָפּגעשטעלט זיך אויך הערינבער,
און ער וואַרט, זי זאָל אַריבער.
שטייט זי, שטייט, און טרויער קוקט
און די ליפּן אירע צוקט.
ווער=זשע גיט איר דאָ אַן עצה?
פּלוצלונג הערט זי הינטער פּלייצע·
„גוטן אָוונט!" זאָגט אַ מאַן:
„ניט געזאָרגט, עס איז פאַראַן
נאָך אַ וועג פאַר מיידל גוט"...
קוקט זי — זעט, אַן אָרעמאַן,
דאַר און בלאַס, ווי גאָר אָן בלוט,
אין דער רעכטער האַנט אַ שטעקן,
אין דער לינקער האַנט אַ פּעקל.
יאָ, אַוודאי נאָך דער שטים
האָט זי גלייך דערקענט אָן אים,

אַז דאָס איז דער זעלבער גייער,
וואָס אַמאָל פאַרמאַטערט זייער,
גאָר אָן כּחות, דאָרשטיק שטאַרק
מיט אַ משׂא אויפן קאַרק
איז געגאַנגען איר פאַרביי.
האָט זי דאַן אים גוט און טריי
ניט געלאָזט אָן טרינקען, עסן...
„האָב איך דיר דאָס ניט פאַרגעסן“, —
האָט געזאָגט צו איר דער בלאַסער.
און ער האָט די כוואַליעס וואַסער
מיט זיין שטעקל באַלד געשלאָגן:
כוואַליעס לויפן, כוואַליעס יאָגן
און צעטיילן זיך, צעשיידן
און עס האַכט, די כוואַליעס ריידן:
„מאַכט אַ וועג, אַ וועג מאַכט טריקן!“
און אַלץ ווייטער זיך צעריקן,
און עס ווערט אין טייך אין טיפן
באַלד אַ וועג, ווי גלאַז געשליפן,
און די מיידל מיטן וועג
האָט דערגרייכט דעם צווייטן ברעג
און אַריבער גאָר־גאָר טריקן.
כאָטש באַדאַנקען איז זי שוואַך
פאַר דער וואונדערלעכער זאַך,
וויל זי דאָך צום מאַן זיך בוקן
און זי זוכט אים מיט די אויגן. —
אָבער וואו? ער איז פאַרפלויגן,
און דאָס וואַסער אינם טייך
פליסט שוין ווידער, פיל און גלייך,
און איך הרגע, דערזעט זי, ליגט —
אַז אַ מענטשן גייט און גליקט —
נאָר דאָס פעקל פונם גייער.
נעמט זי עס און האַנט אַריין,

ליגט אין פּעקעלע אַ שלייער
און אַ האָרן פול מיט ווין,
און אַ רימענט ליגט דערביי —
אַלץ אינאיינעם זאַכן דריי.
גיט די באַלד אַ זופּ פון האָרן,
איז די מונטער פריש געוואָרן:
פול די ליפּט מיט פרישע ריחות,
און די פילט שוין נייע כּוחות,
נייע כּוחות און פאַרלאַנגען.
אַ דערפרייטע, פול מיט האָפן,
איז די ווייטער ניט געגאַנגען,
נאָר אין איילעניש געלאָפן,
און אַזוי דורך טאָג און נאַכט,
ניט געדאגהט, ניט געטראַכט,
נאָר פון האָרן זיך געזעפּטיקט,
און דער ווין האָט זי געקרעפטיקט...
און אַ נס: דער ווין אין האָרן
איז ניט ווייניקער געוואָרן!...
גייט די מיידל אַ דערפרייטע:
פאַראויס פליגעלעך צעשפּרייטע
פונם פייגל, פונם קליינעם,
פונם זעלטענעם און שיינעם,
וועלכער פליט און ווייזט דעם וועג, —
גייט נאָך אים די מיידל טעג,
ביז די קומט אַריין אין וויסטע,
נאָר פון היזת אַ באַגריסטע,
און גזלנים פול דערצו.
און די זעט שוין, אַז פון ווייטן
גלייך צו איר מיט שנעלקייט רייטן
— און מיט שפּרות — טרו=טו=טו
דריי און ווייסן, דריי און שוואַרצן,
פאַלט איר איין דאָס בלוט אין האַרצן, —

נאָר אָט באַלד — אַ כאַפּ דעם שלייער,
וואָס אין פּעקעלע פֿון גייער,
און אַ וואָרף אויס אויפֿן פּנים:
זעט זי גלײַך, ווי די גזלנים
שטייען שוין און זעען קיינעם —
אָט אַ שלייערל אַהינעם
האָט דער גייער איר געלאָזן!
פֿליען רײַטער, שופֿרות בלאָזן,
און עס בלאַנקען שפּיז און שווערד,
און די מחנה גרעסער ווערט,
און זיי ליאַרעמען און פֿלוכן,
און זיי נישטערן און זוכן,
שטרענגען אָן די גוטע ראיה,
נאָר אומזיסט איז זייער מי.
און די מיידל זעט אַלץ, האָרכט;
נאָר זי האָט שוין ניט קיין פּאָרכט,
און זי שטייט נאָר אָן אַ זייט,
און וואַרט אויף די גוטע צייט,
ביז די אָפּגענאַרטע רײַטער
לאָזן זיך פֿאַרשעמטע ווײַטער,
און באַפֿרייען איר דעם וועג.
גייט זי, גייט און גייט אָן ברעג,
ביז זי זעט, אַז גרויס און ברייט,
אויף איר וועג אַ ים זיך שפּרייט.
און זי זעט, אַ שיף איז גרייט
באַלד אין וואַסער־וועג זיך לאָזן.
גיט אַוועק זי די מאַטראָזן
יענעם דימענט פֿונעם גייער,
ווערן גוט זיי, פֿרײַנדלעך זייער,
און זיי נעמען זי צו פֿאָרן.
איז, ווײַזט אויס, געווען גאָטס צאָרן
אויף די אומבאַקאַנטע פֿאָרער,

אין דער הימל, נאָר=וואָס קלאָרער,
האָט מיט וואָלקנדלעך באַפלעקט זיך,
און דערנאָך גאָר שנעל באַדעקט זיך
מיט אַ גראָב=געדיכטער כמאַרע
פֿון אַ מאָדנע מאָדיקער מראה. —
מיט אַ הודזשען, מיט אַ ברומען
איז אַ שטורעם באַלד געקומען,
איז געוואָרן — גאָט דערבאַרעם!
גרויס דער טומל, גרויס דער ליאַרעם.
נאָר עס העלפֿט ניט, און אַצונד
גייט אַלץ מער די שיף צו גרונט,
און אין וואַסער פֿאַלן אַלע,
און מיט זיי אויך אונזער כּלה.
דאַרף זיך אָבער פּינקטלעך טרעפֿן,
אַז אַ וואַל=פֿיש טוט אַן עפֿן
אין דער רגע ברייט זיין מויל
און די מיידל מיט אַ גרויל
פֿאַלט צו אים אין בויך אַראָפּ;
זיצט זי דאָרט, ווי אין אַ טאָפּ:
שמאָל די ברייט און קורץ די לענג,
חושך, פֿינסטער, זייער ענג,
און אַזוי איז זי אין פֿיש,
אָן אַ שטול און אָן אַ טיש,
ניט געטרונקען, ניט געגעסן,
לאַנגע שעהן אָפּגעזעסן,
און זיך שיר=שיר ניט דערשטיקט...
נאָר דאָס מזל האָט געגליקט
און אַ נס: צו רעכטער צייט
האָט דער פֿיש זי אויסגעשפּייט.
פֿאַלט די מיידל גאָר נישקשה:
ניט אין וואַסער, אויף יבשה,
אויף אַ אינזעלע אַזוינעם,

גאָר אָ גרינעם, כאָטש אַ קליינעם.
נאָר אַהם איז וואַסער=פלאַך...
זי אַ בריה דאָ אין מאַך!
גייט די מוידל אים אין טראַכט
פון דערפרי ביז שפּעט ביינאַכט,
ביז אַ מידע בלייבט זי זיצן
איף אַ שטיין מיט זיבן שפּיצן...
און גאָר פּלוצלונג אינם שווייגן
הערט די מוידל, טענער שטייגן
פונם שטיין צו איר אין אויער,
טענער שוואַכע, פולע טרויער,
פול מיט פּיין און פול מיט ליידן,
ווי עס וואָלט אַ מענטש גאָר ריידן.
האָט די מוידל לכתחילה
באַלד דערשראָקן זיך אַפילו
און פון שטיין אַראָפּגעשפּרונגען,
נאָר אַ רגע, און פון שטיין
ביטער האָט אַרויסגעקלונגען
גאָר אַ יאָמערלעך געוויין.
האָט די שרעק זי גלייך פאַרבייגט,
ס'אויער באַלד צום שטיין געניגט
און געהערט אַזעלכע ווערטער:
„ס'איז מיין לעבן אַ פאַרשטערטער,
כ'בין אַ גלגול אַ געפּלאָגטער,
אינם שטיין אַריינגעיאָגטער.
ס'איז דער חושך דאָ געדיכט;
אָן דעם מינדסטן שטראַל פון ליכט,
טו איך דאָ שוין לאַנג=לאַנג זיצן,
זומער אין די גרעסטע היצן,
ווינטער אין די קעלטן גרעסטע.
אויב דו וואָלסט מיך וועלן, בעסטע,
פונם שטיין באַפרייען, — זעסטו,

איך וואָלט קאָנען דאַן דיר ניצן,
איך וואָלט קאָנען דיך באַשיצן,
און איך ווייס פֿון קפֿיצת־דרך.
אין אַ האַלבע שעה אַן ערך,
און עס קאָן זיין, אַז נאָך גיכער,
מעגסט אין דעם זיין זייער זיכער,
וואָלט איך דיך צום ציל שוין ברענגען,
און איך האָף, פֿון שטיין פֿון ענגן
וועסטו פֿריי מאַכן מסתמא
מיין אומגליקלעכע נשמה“.
האָט זי באַלד אַ שם געזאָגט,
אים פֿון שטיין אַרויסגעיאָגט.
און ער איז שוין גרייט געשטאַנען
זיינע פֿאָלעס איינצושפּאַנען
און צו רירן זיך פֿון דאַנען,
און ער זאָגט אַזאַ מין וואָרט:
„יעדער רירן זיך פֿון אָרט
און צו אונזער ציל זיך לאָזן,
מוז זיין גרייט איך דער חלזון,
אַ הלזינדל אַזוינער,
וועלכער קאָן צעשפּאַלטן שטיינער
און ער ווערט אין ים געבוירן
איינמאָל נאָר אין זיבן יאָר.
דאָס איז איין זאַך, און די אַנדערע
מוז זיין גרייט אַ סאַלאַמאַנדרע, —
איך אַ חיהלע אַזוינע,
כאָטש אַ נישטיקע, אַ קליינע,
איז זי אָבער זעלטן טייער,
ווייל איר בלוט פֿאַרהיט פֿון פֿייער,
און זי ווערט פֿון דר׳ערד געבוירן,
בלינד און היט, און האַרט ווי האָרן,
איף אַן אָרט, וואו ניט פֿאַרלענדט

טאָג און נאַכט אַ פייער ברענט,
ס'טאָר ניט פעלן אײַך אַ האָר —
זיבן קיילעכדיקע יאָר.
מוזטו האָבן זאַכן צוויי,
ווייל דער וועג איז דווקא שווערלעך,
קורץ און גוט: ער איז געפערלעך
און פאַרלאָרן ביסט אָן זיי.
האָב איך ערטער שוין אין זינען,
איך וועל דיר עס גלייך געפינען".
איז אַוועק און — באַלד צוריק:
ס'האָט געווערט איין איגנבליק
און ער האָט שוין אַלץ געבראַכט:
„איצטער קום און ניט געטראַכט.
זיי און וועג זיך טוען לאָזן,
הערט מען נאָר, ווי ווינטן בלאָזן,
ווי די כוואַליעס אונטן ברומען,
כוואַליעס גייען, כוואַליעס קומען,
און זיי זיינען שוין דערווייל
אָפגעפליגן הונדערט מייל
און דעם ים שוין לאַנג אַריבער,
און אָט זעען זיך שוין שטיבער,
און אַ טויער שטייט פאַרשלאָסן:
דאָ אין שטאָט דאַרף זיין איר חתן.
טוט די מיידל אָן דעם שלייער,
אומבאַמערקט מיט אַלע גייער
גייט זי דורך דעם פעסטן טויער
און זי ווייסט ניט וואו זיך קערן.
מיט אַ האַרצן מיט אַ שווערן
בלייבט זי שטיין און קוקט און זעט —
וואָס זי זעט, די איגן גלעט, —
און איז ווידער אַ דערפרייטע:
און דער ליפט דער זילבער פייגל

וואַרפט צי איר אַראָפּ אַן איגל,
מיט די פליגעלעך צעשפּרייטע
טיט דעם וועג צום שלאָס איר ווייזן:
פענסטער — קראַטעס, טירן — אייזן,
וואו דער חתן איז פאַרשפּאַרט.
זאָגט צו איר דער פויגל: וואַרט!
וואַרט זי אָפּ און וואַרט זי אָפּ,
ביז עס קומט די נאַכט אַראָפּ,
און די שטאָט אַנטשלאָפן ווערט.
האָט זי לאַנג שוין ניט געקלערט
און גענומען דעם חלון,
איף די שטיינער אים געלאָזן,
און עס האָט איר אָפּגעגאָלטן,
ס'איז די וואַנט איף צוויי צעשפּאָלטן,
איז אין טורעם זי אַוועק
און אין חושכדיקסטן עק
האָט דערזען די יונגע פּריי,
ליגט איר חתן מיד איף שטרוי — — —
אָבער פרי זיך נאָך צו פרייען,
פיל געפאַרן פאַראיים שטייען,
און כדי קיין צייט פאַרלירן,
טוט זי אים פון שלאָס באַלד פירן.
ס'איינן לעבן שטעלט אין קאָן,
אים דעם שלייער טוט זי אָן
און זיי גייען בלית ברירה
גלייך צום טייער גאָר אָן מורא.
און אין טייער, ווי זיי גייען —
ער גייט דורך, נאָר מיט געשרייען,
מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ גוואַלד,
שטעלט מען אָפּ די מיידל באַלד
און מ'פאַרהאַלט זי מיט פאַראַכט:
נאָר אַ פרעמדע ביי דערנאַכט!

זוכט אַודאי אויסצושפּירן . . .
אין מען נעמט זי גלייך שוין פירן
אין אַ טורמע. דאָס געריכט
וועט ערפילן שטרענג זיין פליכט.
זעט דער חתן די געפאַר,
ניט באַשרייבן איז זיין צער,
און ער רייסט געשווינד אַראָפּ
איך דעם שלייער פון זיין קאָפּ:
„נעמט מיך איך, מיר ביידע גייען!"
און מען פירט און שלאָגט שוין צווייען.
און ווער רעדט, אַז מען דערגייט,
און די מעשה ווערט פאַרשפּרייט;
אַז די, וועלכע מ'האָט געפּאַקט,
האָבן איך די וואַנט צעהאַקט,
איז דער טומל אין לשער,
ווערט דער משפּט צוגעטריבן,
און דער פּסק־דין ווערט פאַרשריבן —
צו פאַרברענען זיי אין פייער.
איז די שטאָט צעקאָכט, צערייצט,
און אַ קאַלך־אויוון געהייצט
דריי מעת־לעת כסדר ווערט.
און אין שטאָט, ווער דאָס דערהערט,
איז מען פריילעך און צופרידן . . .
גאַסן קאָכן, גאַסן זידן,
און מען אײַלט זיך גאָר־גאָר שטאַרק
יונגע, אַלטע איבן מאַרק —
אי דער גרעסטער אי דער קלענסטער!
און דערזעט עס הורבן פענסטער
אונזער מיידל, וועלכע וואַרט
איפן טויט, און שלאָגט פאַרשפּאַרט,
האָט זי ניט געצייגן מערער:
סאַלאַמאַנדרע באַלד געקוילעט,

וועלכע ס'פייער איז ניט שולט,
מיטן בלוט זיך אויסצושמירן,
און אָט שוין — עס קלאַפּן טירן,
און מען פירט זיי דאָ און דאָרט
און מען ברענגט זיי אויפן אָרט.
און אויף זיי די צונג מען שאַרפט,
און אין קאַלך־אויוון מען וואַרפט...
און די הענקערס קוילן שאַרן,
און זיי זיינען שטאַרק צופרידן
זען, ווי ס'בראָטן זיך די יידן,
נאָר זיי קוקן און זיי שטאַרן —
וואָס־זשע איז דאָס, גרויסער בורא?
ס'האָט פאַר זיי דאָס פייער מורא,
און די גרעסטע פייערצונגען
זיינען פון זיי אָפּגעשפּרונגען...
וואָס זשע האָט זיך דאָ געטראָפן?
איז אַן עלטסטער צוגעלאָפן
פון די פריערדיקע שפּאָטער
און מיט גרויל און ציטער האָט ער —
גאַנץ קאָכן, גאַנץ זידן! —
באַלד באַפעלט, מען זאָל די יידן
גלייך אַרויסנעמען פון פייער.
איז דער וואונדער אין לשער!
קלינגט עס, קלינגט פון עק ביז עק,
כאַפּט אַרום די שטאָט אַ שרעק
פאַר די לייט די וואונדערבאַרע,
און מען מאַכט פאַר זיי אַ וואַרע,
גיט מען זיי גרויס כבוד אָפּ,
און אַ שר קומט אויך אַראָפּ
און ער בעט ביי זיי מחילה
און מען גיט זיי מיט אַפילו
פונם שענסטן, פונם בעסטן,

און מיט כּבֿוד מיטן גרעסטן,
און מיט פּויקן און טרומייטן,
און מיט זינגען און מיט טאַנצן
גייט מען זיי אַרויס באַגלייטן
און מען לאָזט זיי פֿריי אײַנגאַנצן.
און אָט דאָרטן, הינטער שטאָט
אויף די צוויי געוואַרט שוין האָט
אויך דער גלגול הויך, זיכער.
„צו דעם ירדן ברעג אונדז גיכער!"
האָט די מיידל אים געזאָגט.
און אַ שטורעם זיי שוין טראָגט
איבער בערג און טאָלן איבער,
פֿליען אונטן טײַכן, שטיבער,
וועלדער, פֿעלדער, מדבר, ים'ען,
ס'מוט קיין זאַך דעם וועג פֿאַרצאַמען
און גאָר פּלוצלונג, ווי דערפֿילן
זיבן ריח, ווינטל קילן,
ניט קיין ריח, ווינטל סתּם —
נאָר פֿאַרוואָר גן־עדן־טעם.
פֿרעגט די מיידל: „וווּ מיר זײַנען?
כ'פֿיל דעם טעם פֿון בעסטע ווײַנען."
ענטפֿערט גלגול: „ניט אומזיסט,
ווײַל אָט־דאָ דאָס טײַכל פֿליסט
מיטן וואַסער פֿונעם לעבן".
און אַזוי אָט ווי זיי שוועבן,
שטעלט זיך באַלד דער גלגול אָפּ,
לאָזט ער זיי אויף דר'ערד אַראָפּ,
אויפֿן כּאַמע גרינעם ברעג,
אָבער לאַנג איז נאָך דער וועג,
און די צײַט איז קורץ און טײַער,
און אַלאַגל נאָר אַ נײַער,
ווי פֿאַר וועמען אָנגעגרייט

אויף אַ גאָלדן־טרעפּל שטייט,
שוין מיט וואַסער ביזן ברעג,
נעמען זיי אים מיט זיך באַלד
איבער פעלד און איבער וואַלד
אינם ווייטערדיקן וועג. — — —
און אין ווייטן לאַנד ישראל
זיצט און טרויערט רב רפאל,
און די מאַמע זיצט און טרויערט,
און אַזוי פיל טעג געדויערט,
און זיי פאַסטן און זיי בעטן
גרייסן גאָט די קינדער רעטן,
און זיי קוקן אויפן וועג,
און עס גייען טעג און טעג,
נאָר אומזיסט און אַלץ אומזיסט...
און די צייט דערווײַלע פליסט...
אויסגעווייינט שוין אַלע טרערן
און די כוחות שוואַכער ווערן...
גיכער, גיכער, — קירץ די צייט.
פליען צוויי געשווינד פון ווייט.
ביז ירדן זיי דערפליען,
די נסיעה באַלד געעקט,
צוויי פאָר אויגן לייכטן, גליען,
צוויי פאָר הענט שוין אויסגעשטרעקט.
אָט אַ שטיב און אָט אַ טיר,
גייען צוויי אַרײַן אין איר.
לויפט די כלה מיטן קאַלטן
לעבנס־וואַסער באַלד צום אַלטן,
אים די רעכטע אויג באַשמירט,
האָט זיך באַלד די אויג גערירט,
נאָך אַ פיר און נאָך אַ פיר —
גיט די לינקע זיך אַ ריר.

אײגן װעגן, אײגן קוקן, —
און פֿאַר פֿרײד צו גאָט זיך בוקן
בײַ דעם ירדן אַלע, אַלע:
טאַטע, מאַמע, חתן, כּלה.
און די אַלע גרױסע װאונדער
פֿון דער װעלטענער נסיעה,
און געראַטעװעטער ראיה,
האָט מען אומעטום באַװונדער
אין דער לענג און אין דער ברײט
פֿונם גאַנצן לאַנד פֿאַרשפּרײט.
ביז דער װאונדער אָט דער גרױסער
איז דערגאַנגען אױש צום קײסער
און ער האָט באַפֿױלן גלײך
אױפֿן ברעג פֿון ירדן־טײך
שיקן פֿיל מתּנות רײך...
און אױף חתונה צום פּאָר,
װאָס געװען איז נאָך דאָס יאָר,
זײנען פֿיל־פֿיל אָפּגעפֿאָרן,
שׂרים, האַרן, מיניסטאָרן.
איז געקומען אױך דער קײסער,
איז אַ באַל געװען אַ גרױסער
און מען האָט אַ גאַנצע נאַכט
פֿרײלעך־ײדישלעך פֿאַרבראַכט.

---

# באָוועלן און דערציילונגען

# דער אייזקאַלטער.

אַז זי האָט זיך איבערצייגט, דאָס ער נעמט קיינמאָל ניט אין אַכט ניט אירע שוואַרצע, בלישטשענדיקע אויגן, ניט אירע מאַרמאָרנע, אַזוי ווי אויסגעטאָקטע פון אַ קינסטלער האַלב-נאַקעטע הענט, האָט זי אים איינמאָל אָפּגעשטעלט אויפן ראָג פון צוויי רוישנדיקע גאַסן, און זי האָט צו אים געזאָגט:

— בלאַסער מאַן, דיין ליבע איז אַזוי מאָגער, דיינע אויגן ברענען, און די קליידער זיינען אויף דיר צעריסן... איך ליב דיך, אַזוי ווי מיין לעבן. נעם מיך מיט זיך אין דיין וואוינונג — איך וועל זיין פאַר דיר אַ דינסט.

— שיינעס קינד — האָט ער איר אַ ברען געטאָן מיט די אויגן — מיין וואוינונג איז צו הויך פאַר דיר... עס פירן צו אים הונדערטער טרעפּ... דאָס קעפּעלע דיינס וועט אָנהייבן שווינדלען, די פיסעלעך וויי טאָן... וואָס וועל איך טאָן מיט דיר אין דער הייך?

— בלאַסער מאַן, דיין וואוינונג מעג זיין אונטער די וואָלקן, איך בין גרייט דיר נאָכצוגיין... און וועלן מיר די פיס אָנהייבן וויי טאָן, וועל איך דיר נאָכגיין אויף די הענט; איך וויל וואוינען מיט דיר אין דער הייך.

— שיינעס קינד, מיין צימער איז קליין, און קיין אָרדענונג איז אין אים ניטאָ... איך האָב דאָרט אַ פולן הימל און ווייניק ברויט... און עס דערגרייכט אַהין דער גערויש פון די רעדער, דאָס געטומל פון האַנדל, און די מענטשן זעען אויס פון אונטן, ווי קאַרליקעס, און די הייזער, ווי טורמעס.

— בלאַסער מאַן, איך וויל וואוינען מיט דיר אין דער הייך, עס מעג מיר קאָסטן דאָס לעבן.

און דערויף האָט איר דער בלאַסער מיט די ברענענדיקע אויגן געענטפערט:

— אייב דיין חשק איז אַזוי גרויס, דערלויב איך דיר צו גיין נאָך מיר.

---

אַרום האָבן זיך געזען נאָר דעכער פון אונטן און הימל פון אויבן — גאַנצע שטיקער בלויע הימל זיינען געהאַנגען, ווי יריעות, און ווייטער איז געווען אַ תהו ובהו. און דער בלאַסער מאַן איז געזעסן ביים טיש, האָט געהאַלטן אַ פעדער צווישן די פינגער, דער קאָפ איז געווען אָנגעשפאַרט אויף דער האַנט, און די אויגן זיינע האָבן געברענט... און זי, די שיינע, די לייַדנדע איז געשטאַנען פון דער ווייטן און האָט זיך צוגעהערט צו זיין קלענסטן פאַרלאַנג, צו זיין קלענסטן ריר. און זי האָט אים גאַנץ געמאַכט זיינע קליידער, און האָט אים אויסגעקושט זיינע ברענענדיקע אויגן, און ער איז אַליין געזעסן און האָט אַלץ געשריבן. און דאָס אויפגעשריבענע פלעגט זי אַראָפטראָגן אונטן, צו די מענטשן, און פלעגט עס דאָרט אויסביַיטן אויף ברויט מיט צוקער, און זי פלעגט אים דעקן דעם טיש דערמיט.

און אונטן האָט זיך זיין נאָמען געטראָגן איבער אַ סך שטעט און מלוכות. ער האָט אָבער ניט געוואוסט פון דעם. אָדער ער האָט ניט געוואָלט וויסן דערפון...

און אַז עס איז געקומען דער האַרבסט, און דער קלאָרער הימל איז פאַרצויגן געוואָרן מיט דיקטע וואָלקנס, און אַ רעגנדל האָט גענומען קאַפּען, האָט איר אין האַרצן גענומען נאָגן, און זי האָט געזאָגט צו איר געליבטן:

— וואו איז אונזער הימל אַהינגעקומען? איך זע מער ניט גרויע וואָלקן אַרום.

— איך טראָג מיין הימל אין קאָפּ — האָט ער איר געענטפערט.

— און איך וויל אים טראָגן אין האַרצן — האָבן קוים אירע ליפּן געשעפּטשעט.

ער האָט איר אָבער ווייטער שוין נישט אויסגעהערט, און האָט איר ניט פאַרשטאַנען.

האָט זי אָפּגעשוויגן דעם גאַנצן האַרבסט.

און אַז ס'איז אָנגעקומען דער ווינטער, און זי האָט אָנגעהייצט פּריפן, האָט זי אים איינמאָל אין אַ פראָסטיקער אויסגעשטערנטער נאַכט געזאָגט:

— עס איז מיר קאַלט... איך פאַרפריר באַלד...

און עס האָט זיך געהערט, ווי עס קלאַפּן אירע ציין פאַר קעלט.

האָט ער איר דאַמאָלסט געענטפערט אין דער פראָסטיקער אויסגעשטערנטער נאַכט:

— דו קלאַפּסט מיט די ציין, און דו שטערסט מיר אין דער אַרבעט. און מיין אַרבעט איז אַ גרויסע און אַ וויכטיקע: איך קלייב צונויף אויפן פּאַפּיר די גאָלדענע שטערן פונם פראָסטיקן אויסגעשטערנטן הימל פאַר די צוקונפטיקע דורות.

האָט זי פאַרקוועטשט די ציין און פאַרביסן די ליפּן, זי זאָל אים מיט קיין איין שאָרך אין זיין אַרבעט ניט שטערן. און זי האָט אים דעמאָלסט ניט פיינט געהאַט אין איר האַרצן — אַדרבא... די ליבע האָט זיך געשטאַרקט אין איר וואָס פון טאָג.

און דעם שפּעטערדיקן פרילינג האָט זי אָפּגעלעבט, ווי אַ פייגעלע, און האָט זיך פונאַנדערגעלאָזן, אַזוי ווי אַ בלום.

און איינעם פון די שיינע, ליבלעכע פאַרנאַכטן האָט זי אים איר סוד פאַרטרויט:

— מיין ליבסטער, דער פרילינג שפּיגלט זיך אין דער ליפּטן, אַזוי ווי אַ לויטערער קוואַל, און מיין האַרץ רייסט זיך פון די ברעגעס, אַזוי ווי דאָס טייכעלע אין טאָל: איך וויל האָבן פון דיר אַ קינד...

און ער האָט איר געענטפערט:

— גוטע און געטרייע, די לײדן פון אַ געווינערין זיינען זייער גרויס. דו וועסט שרייען פון ווייטאָג און וועסט מיך טומלען אין מיין אַרבעט, און וועסט טון אַ רעה דער וועלט...

האָט זי געזאָגט:

— אַז די ווייטאָגן וועלן זיין גרויס, וועל איך פאַרביסן די ליפּן, און וועל ניט אַרויסלאָזן קיין זיפץ, און וועל דיך אין דיין אַרבעט ניט שטערן... איך וויל האָבן פון דיר אַ קינד.

---

און זי האָט פון אים געהאַט אַ קינד.

עס זיינען אַריבער וואָכן און מאָנאַטן, און דאַמאָלסט האָט זי זיך נאָך אַמאָל צו אים געווענדט:

— מיין ליבער, איך ווייס נאָך ביז היינט ניט דיין נאָמען. און איך ווייס ניט, ווער דו ביסט... איך פיל נאָר, דו ביסט גרויס. איך וויל וויסן, וואָס איך זאָל זאָגן מיין זון, אַז ער וועט אויפוואַקסן און וועט מיך פרעגן, ווער זיין טאַטע איז געווען.

— מיין אַלטן נאָמען האָב איך פאַרגעסן... אַז איך האָב נאָך אַרומגעבלאָנקעט אין די מדבריות פון דער וועלט, האָב איך אים פאַרלאָרן... און מיין נייער נאָמען וועט זיין פאַר דיר פרעמד, און וועט דיין האַרצן גאָר נישט זאָגן.

— און דאָך וויל איך וויסן דיין נאָמען... די גאַנצע וועלט ווייסט דיין נאָמען, נאָר איך איינע — די מאַמע פון אונזער קינד, ווייסט אים נישט...

— מיין נאָמען איז — דער אַייקאַלטער. עס האָט דיך אַ שוידער געטון? דו שוואַכע פרוי...

— איך וועל מיך שטאַרקן... איך וועל מיך שטאַרקן...

און גאַנצע מאָנאַטן האָט זי זיך געשטאַרקט, אָבער אירע קרעפטן זיינען געוואָרן אַלץ קלענער, נאָר עפּעס פלעגט איר אָפּט שרעקן, און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן פרירן, און וואָס פון טאָג איז דאָס שרעק אין איר געוואָרן אַלץ גרעסער, און זי האָט זיך ווידער אָפּגערופן צו דעם בלייכן:

— מיין בלאַסער מאַן, דיין נאָמען קלינגט איבער אַ סך וועלטן, אַלע ריידן וועגן דיר און אַלע — האָב איך געהערט — וואונדערן זיך איבער דיר... לייען מיר עטוואָס פון דעם, וואָס די שרייבסט פאַר דער וועלט.

און דער בלאַסער האָט איר גענומען לייענען פון דעם אָרט, וואו ער האָט דאַמאָלסט געהאַלטן... „און עס האָבן זיך געזען גרינע לאָנקעס, זילבערנע טייכן, פעלדער מיט צייטיקע תּבֿואות, און עס זיינען געבליבן נאָר איינציגע אויף דער וועלט, און די איינציקע האָבן געוואוינט אין דער הייך. און אַלע איבעריקע זיינען געווען שקלאַפן, זיי האָבן געשניטן די תּבֿואות און געמאָלן דעם ווייץ, און האָבן געשלונגען איטלעכעס וואָרט פון די מענטשן, וואָס האָבן געוואוינט אין דער הייך"...

— די, בלאַסער פאָטער פון מיין קינד, איך פאַרשטיי דיך ניט... מיט וואָס בין איך ערגער פון די אַלע, וואָס וואוינען דאָרט אונטן?

— די אונטערשטע פאַרשטייען מיך אויך ניט — האָט דער אייזקאַלטער געענטפערט און זיין פנים איז געוואָרן נאָך בלאַסער, ווי עס איז געווען: — זיי זיינען זיך נאָר טועה...

— פאַר וועמען זשע לעבסטו? האָט זי קוים די העזה גע־האַט אים צו פרעגן.

— פאַר די שפּעטערדיקע דורות, וואָס וועלן קומען...

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— שוואַך קינד, דו שטערסט מיר אין מיין אַרבעט מיט דיינע פראַגן.

— נאָך איין פראַגע, מיין הערשער, און איך וועל אַנט־שוויגן.

— פרעג, איך בין גרייט דיר צו ענטפערן.

— וואָס וועסטו טון מיט מיין קינד, ווען איך וועל שטאַרבן?

און איר קול האָט געציטערט.

אָבער זיין קול האָט געקלונגען פעסט און אַנטשלאָסן:

— איך וועל אים טראָגן אונטן און וועל אים דאָרט לאָזן...

וועט ער האָבן קרעפטן גענוג, וועט ער זיך אַליין אויפהויבן אין דער הייך; אויב ניט — וועט ער בלייבן צווישן די שקלאַפן.

זי איז געפאַלן אָן כּוחות אויף איר בעטל:

— אָ, דו ליבער, דו אייזקאַלטער!...

און איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שווערע קרענק. זי האָט פֿאַר־קוועטשט די ליפּן און האָט קיין איין זיפֿץ ניט אַרויסגעלאָזט, זי זאָל אים ניט שטערן אין זײַן אַרבעט. און זי האָט דאָס קינד אירס מיט אירע קרענקלעכע פֿאַרטריקנטע מילך געזויגן און האָט אים געשעפּטשעט:

„די וועלט איז צו קאַלט פֿאַר דיר, מײַן עופֿעלע... קום מיט מיר".

און בײדע האָבן זיי אַרומגענומענערהייט די נשמות אַרויסגע־הויכט. עס האָט זיך אַפֿילו איין זיפֿץ ניט געהערט אין דער לופֿטן, נאָר אין די ווינקעלעך פֿון שטוב האָט געבלאָנדזשעט אַ קלאַנג, אַזוי ווי אַ פֿייגעלע וואָלט פֿון אירע קאַלטע ליפּן אַראָפּגעהויכט:

„איי, דער אײַזקאַלטער!"

און ער... ער איז געזעסן אָפּגעקערט מיטן רוקן צו די טויטע, און האָט זיך געאײַלט צו באַשרײַבן פֿאַר די קומענדיקע וועלטן, ווי אַזוי עס שטאַרבן שוואַכע קינדער, וואָס אָטעמען די ליפּט פֿון דער הייך...

# די שניי=רויז.

עס איז געווען א טונקל=בלויער ווינטער=אוונט. דער יונגער האלצהעקער איז געזעסן אין זיין וואלד=שטיבל פארן פלאקערנדיקן אייוועלע, און האט פארחלומט געקוקט אויף די רויט=פארביקע פייער=צונגען, און אין קאפ ביי אים האבן זיך געוועבט געדאנקען, וואס פלעגן פארשווינדן צוזאמען מיטן רויך, און מיט די נייע פייער=צונגען פלעגן זיי ווידער ווערן געבוירן. און די געדאנקען זיינע האבן זיך געדרייט ארום זיין געליבטער, דעם וואלד=וועכטערס טאכטער, וואס האט געוואוינט ביי איר פאטער אין צווייטן עק וואלד. מארגן, האט ער געטראכט, וועט ער איפשטיין צוזאמען מיט דער זון, וועט אוועקטראגן אין שטעטל א פאן האלץ אויפן מארק, און פאר די געלייזטע געלט וועט ער קויפן פאר איר א מתנה — מארגן איז איר געבורטס=טאג.

א לייכטער קלאפ אין פענסטערל האט אים פליצלונג פון די געדאנקען אויפגעוועקט.

— ווער איז דארט? האט ער פארוואונדערט געפרעגט: אזוי שפעט פלעגט קיינער זיין נעסט ניט באזוכן: — אויב א גוטער מענטש, דאן איז אפן דאס טירל, און מיין שטיבל איז פאר אלעמען פריי... קום אריין און זיי א גאסט... ביים פלאקערנדיקן אייוועלע וועסטו דיינע הורכנעפרארענע גלידער דערווארעמען...

— ביים פלאקערנדיקן אייוועלע! כא=כא=כא!! — האט ער אנשטאט אן ענטפער דערהערט א קלינגענדיקן געלעכטער, אזוי ווי עס וואלט זיך פליצלונג פון ערגעץ א גאנצער שפרינגברונים מיט קלארע זילבער=טענער אויסגעריסן: — פייער איז מיין ערגסטער שונא... מיין מלאך המות... ניין. איך קען דך אין דיין שטיבל ניט באזוכן... איך בין דיך צו אונז געקומען רופן... איך זע,

דו ביסט איינזאַם, יונג און שיין — און פאַרדאַרבסט דיין צייט אין אומעט, די צייט... די טייערע צייט, וואָס פאַרשווינדט אַזוי שנעל ווי... איך פון דעם ערשטן פרילינגס־שטראַל.

— ווער זשע ביסטו אַזוינס, וויל איך וויסן, וואָס דו פאַר־שווינדסט פון דעם ערשטן פרילינגס־שטראַל? — האָט ער אַ באַ־צייבערטער פון די העלע געלעכטער־קלאַנגען געפרעגט.

— איך בין אַ בלום פון דעם ווייסן, ווייכן הימל־שניי און אויסגעשפּראָצטער... מיין נאָמען איז — די שניי־ראָז.... און קורץ איז מיין לעבן... ניט מער ווי איין ווינטער... דער ער־שטער שטראַל פון דער פרילינגס־זון וועט מיך טויטן... כי־כי־כי.... טויטן... טויטן! אויפן ברייטן פעלד, וואו עס פליען אום די שנייעלעך, ווי די שמעטערלינגען, הוליען מיר — איך און מיינע שוועסטער, און מיר באָדן זיך אין דעם מילך־ווייסן ים פון דער שניי־זאַווערוכע, און מיר פירן אונזערע טענץ אין די לאַנגע מאַנ־לאָזע נעכט... כאַ־כאַ־כאַ... איך און מיינע יינגערע שוועסטער... און דער אַרקעסטער אונזערער איז דער קאַלטער־קאַלטער שטורעמ־דיגער צפון־ווינט... און ווער עס גייט איינמאָל צו אונז אַוועק, יענער קערט זיך שוין מער צום לעבן נישט אום... מיר פאַרפירן אים, פאַרפירן אים, פאַרפירן... כי־כי־כי! דו יונגער האָלצהעקער מיט דעם פאַרחלומטן בליק.

און אַ ווינט האָט אַזוי ווי אַ רויִקער פויגל מיט זיינע פליגל איבער דעם שטיבל געגעבן אַ פאָך, אַזוי אַז דאָס שטיבל האָט זיך געגעבן אַ טרייסל, אַ ציטערלעך שיין פרויען־געשטאַלט האָט פאַר דעם האָלצהעקערס אויגן געגעבן אַ בליץ — און באַלד איז אַלץ ווידער פאַרשוואונדן.

---

דער ניגעבאָרענער טאָג הייבט אָן פינאַנדערצושפּרייטן זיינע ליכטיקע אויגן, און דער אויפוואַכנדיקער וואַלד ווערט פאַרצויגן מיט ראָז־באַפאַרבטע פאַכן. מיט דער האַק אונטערן גאַרטל פאַר־הוקט, גייט אַרויס צו דער אַרבעט דער יונגער האָלצהעקער, און זיין בליק איז נאָך פאַרקלערט, די געדאַנקען פאַרווירט... עפּעס

איז בײ אים פֿון דער נאַכט־זעונג אַ נאָגנדער װײטאָג אין האַרצן געבליבן... עפּעס האָט אים אַ הײסע בענקשאַפֿט די בלוטן געברענט, און זײ האָבן שנעלער, װי געװײנלעך, אין די אָדערן געפֿליסט... דאָך שטאַרקט דער האָלצהעקער איבער זײ געפֿילן, און ער נעמט זיך צו דער אַרבעט, מיט זײן דערפֿאַרענעם אײג מײדט ער אײס די לעבעדיקע בײמעלעך, װאָס האַלטן נאָך אין װאַקסן, און ער הײבט אױף זײן האַק נאָר אױף די אָפּגעשטאָרבענע, פֿאַרטריקנטע; און גרינג און פֿלינק גײט זײן אַרבעט: שאַרף די האַק, און פֿעסט די האַנט. און נאָך יעדן קלאַפּ רופֿט זיך אָפּ פֿון צװישן די בײמער אַ הילכיקער אָפּקלאַנג און דער רײנער, מיט פֿראָסט אָנגעזאַפּטער װאַלד־לופֿט, רופֿט זיך אָפּ און אַנטלײפֿט ערגעץ װײט־װײט... דער טאָג עפֿנט דערװײל אַלץ ברײטער זײנע ליכטיקע אײגן בײנאַנדער, און די טונקעלע שאָטנס, װאָס האָבן זיך נאָך װאָס ניט װאָס הינטער די בײמער פֿאַרבאָרגן, פֿאַרשװינדן אינגאַנצן פֿון װאַלד, פּונקט אַזױ װי אַ קאָמפּאַניע אורחים פֿאַרלאָזט די קרעטשמע גלײך נאָך דעם, װי דער טאָג קומט אָן. און צוזאַמען מיט זײ פֿאַרשװינדט אױך די נאַכט־זעונג, װי אַ לײכטער נעפּל, פֿון פֿאַר דעם האָלצהעקערס אײגן. ער גיט אַ טרײסל מיט זײנע געדיכטע שװאַרצע האָר, און ער זאָגט צו זיך אַזױ אין זײן האַרצן:

— די נאַכט האָט מיך פֿאַרפֿירט... פֿאַרשיכּורט... די כּישוף־מאַכערין די נאַכט... אָבער דער ניכטערער טאָג האָט מיט זײן ליכטיקן אײג מיך צום אמת אומגעקערט... האָט מיר מײן ליבסטע, מײן כּלה אומגעקערט...

— איך מוז אײלן — טראַכט ער, פֿאַרמעסטנדיק זיך אױף די בײמעלעך אַלץ שנעלער און שנעלער מיט דער האַק: — צו מײן ליבסטע מוז איך אײלן... און דערצײלן װעל איך איר, פֿון אַלץ דערצײלן. — און בײדע װעלן מיר דאַן לאַכן, לאַכן... אַזױ װי זי, די שנײ־פֿרױ, האָט נעכטן בײנאַכט בײ מיר הינטערן פֿענצטערל געלאַכט...

„געלאַכט?"...

ער בינדט איבער מיט אַ שטריק אַ פּעקל האָלץ פֿאַר איין מענטשן צו פֿאַרטראָגן, לאָדט אים אָן איבן פּלייצע און גייט אין שטעטל אויפֿן מאַרק.

צוריק־וועגס גייט ער שנעל צום וואַלד־וועכטערס הויז און האַלט פֿעסט צונויפֿגעדריקט אין פֿויסט אַ קליין בלישטשענדיק פֿינגערל פֿאַר זיין געליבטער צו איר געבורטס־טאָג, און אין האַרצן ביי אים זיינען שוין גרייט ווערטער, שיינע, ליבע־ווערטער, מיט וועלכע ער וועט זיין געליבטע באַגעגענען; אָבער ווי ער טרעט נאָר אַריבער דעם שוועל פֿון דעם לאַנג־באַקאַנטן הויז און האַרפּט דעם ערשטן בליק אויף זיין כּלה, שווימט בליץ־שנעל אַריין דאָס צויבער־בילד פֿאַר זיינע אויגן, אַלע ווערטער ווערן גלייך צעפֿליגן, ווי צעשראָקענע פֿייגל, און די אויגן זיינע ווערן פֿאַרצויגן מיט אַ וואָלקן פֿון שווערן טרויער: ווי ערדיש און מענטשלעך דאָס זייניקע איז, און דאָס יעניקע — ווי הימליש און געטלעך!

— וואָס אַזוינס האָט מיט דיר היינט געשעהן? — האָט דעם וועכטערס טאָכטער איר חתן געפֿרעגט: — און וואָס איז אַזוי טרויעריק דיין בליק? בין איך היינט ערגער פֿון אַלע מאָל, אָדער מיינע אויגן ברענען שוין ניט אַזוי פֿלאַם־פֿייערדיק? אָדער אפֿשר איז מיין שטימע ניט אַזוי קלינגענדיק, מיין אומאַרמונג ניט אַזוי הייס?

— ליבסטע, אַ שלעכטער חלום האָט זיך מיר היינטיקע נאַכט געחלומט, אַ װיסער, אַ פֿירכטערלעכער חלום... און איך וויל אים פֿאַרגעסן... און איך קאָן אים ניט פֿאַרגעסן.. איך מוז זיך אַליין אין מיין שטיבל אומקערן... וועל איך דאָרט אפֿשר צו זיך גיכער קומען...

---

אַז דער האָלצהעקער איז ביינאַכט, ווי געוויינלעך, ווידער געזעסן ביי זיין אויוועלע און האָט מיט זיין בענקענדיקן בליק באַגלייט די פֿליענדיקע פֿונקען, האָט זיך מיט אַמאָל עפּעס האַסטיק אַ קלאַפּ געטאָן אָן פֿענסטערל, דאָס שויב איז גלייך אויף ברעקלעך צעשפּרונגען געוואָרן, און הינטער שויב האָבן זיך געשוינד־געי־

שווינד הורכן פענצטערל גענומען שיטן, האָבן פאַרלאָשן דעם פייער אין אייוועלע, האָבן אויך ווייס אויסגעשאָטן דאָס גאַנצע שטיבל מיט די ווענט, מיט דער סטעליע, און אין דער ווייסקייט האָט זיך די שניי־רויז אין איר פּראַכטיקער שיינקייט באַוויזן, די אויגן פון האַלצהעקער האָבן זיך דאָרשטיק פאַנאַנדערגעעפנט: אַ פּויש אַלבאַכטער געזיכט; די ראָזע באַקן פאַרצייגן מיט אַ פּרעסבל־הויך, די אויגן בלישטשען מיט אַ שטאָלערנעם בלאַנק, אויף די ליפּן אַ פאַרפירערישער, אַן אויסגעלאַסענער שמייכל...

— כאַ־כאַ־כאַ... וואָס טראַכט דער שיינער האַלצהעקער וועגן דער פריילעכער, שפּאַסליבנדער שניי־מיידל? וואָס פאַרברענגט ער די לאַנגע אָוונטן איינער אַליין מיט זיינע אומעטיקע געדאַנקען? אין וואַלד גייט אום דער וואַלד־זיידע און קלאַפּט מיטן לאַנגן שטעקן איבער די שטאַמען פון די ביימער, און עס צעטראָגט זיך אַ טרויקענער, הילכיקער אָפּקלאַנג אין דער ווייט... און דאָרט הינטערן וואַלד, אויפן ברייטן שניי־באַדעקטן פעלד, פירן מיר אונזערע טענץ, איך און מיינע שוועסטערלעך... בין איך געקומען דיך רופן, רופן, רופן... כי־כי־כי! דיין כלה איז ווייט... זי שלאָפט און זעט גוטע חלומות... איר איז וואַרעם... איר איז ווייך... און מיר וועלן דיין טרויער פאַרטרייבן... דיין עלנטקייט פאַריאָגן... אויפן שניי וועלן מיר לויפן, פליען, אויף מכשפות וועלן מיר רייטן... די וואַלד־גייסטער וועלן מיט קנאה אויף דיך קוקן... דער ווינט אין די שפּיצן פון די ביימער וועט אונז אַ חופּה־מעלאָדיע שפּילן... מאָרגן.. כאַ־כאַ־כאַ... קום איך נאָך דיר. קום איך, קום איך... פּונקט האַלבע נאַכט הייבן זיך אָן אונזערע טענץ!

און דאָס צויבער־געשטאַלט איז פאַרשוואונדן, דער פייער אין אייוועלע האָט צוריק אויפגעפלאַקערט, און די פייער־צונגען האָבן זיך ווידער גענומען איינע די אַנדערע איבעריאָגן, אפילו דאָס שטיבל אין פענצטערל איז אַ גאַנצעס געוועזן. צי איז דאָס געווען אַ חלום אויפן וואָר? די אויגן פון האַלצהעקער זיינען נאָך דאָרשטיק געווען צו זען, די אויערן צו הערן: אַזאַ פרייש מעלאָדיש קולכעל, אַזאַ

פאַרפירערישער שמייכל, אַזאַ איינגעלאַסן ווינקענדיקע הײַלע ברוסט מיט דעם קאָליר פון דער פרימאָרגן־רייטקייט אויפן הימל...

דער האָלצהעקער האָט זיך פאַרן קאָפּ געמוזט אָנכאַפּן: דאָס יונגע בלוט האָט אין די שלייפן ווי מיט האַמערס געקלאַפּט, און אין האַרצן האָט אַ גיהנום פון פלאַם־פייערדיקער ליידנשאַפט געברענט...

---

אויף מאָרגן איז דער האָלצהעקער צו זיין אַרבעט ניט געגאַנגען און איז גלייך צו זיין כלה אַוועק. זי איצט זיין לעצטע האָפענונג געבליבן, האָט ער ביי איר אַ רעטונג געזוכט. ער איז איר צוגעפאַלן צום האַרצן און געזאָגט:

— פריינד, מיין ליבער פריינד, דער זיסער פירכטערלעכער חלום האָט זיך אַ צווייטן מאָל איבערגעחזרט... מיינע ליידן זיינען גרויס און איך קאָן זיך אַליין ניט באַזיגן... דאָס איז זי, די שניי־רויז, וועלכע האָט מיין רו גערויבט... זי מיט איר קלינגענדיקן געלעכטער, מיט אירע פאַרפירערישע אויגן... זי האָט דיין שיינקייט אין מיינע אויגן פאַרדונקלט... זי האָט מיין האַרצן אין געפאַנגענשאַפט גענומען...

— די שניי־רויז? — האָט זי אַ דערשראָקענע געענטפערט? — מיין אַלטע באָבע האָט מיר פון דער פאַרפירערקע, די שניי־רויז, דערציילט... אויף אירע ליפן רוט דער פראָסט, און איר אָטעם איז פאַרגליווערדיק... באַרעגן זיך, מיין ליבער... דאָס בלוט אין דיינע אָדערן וועט ווערן פאַרפראָרן און וועט זיך אין זיין באַוועגונג אָפּשטעלן...

— אָבער איר געלעכטער, איר ליכטיקער צויבער־געלעכטער... איך האָב קיינמאָל ביי קיין מענטשן־קינד אַזאַ וועלט־לאַכן ניט געהערט... ער האָט מיין געהער מיט זילבערנע שניי־פעדעם פאַרוועבט און געוועלטיקט איבער אים אומבאַגרעניצט... און איצט האָב איך אַלע מענטשלעכע קלאַנגען פאַרהאַסט...

— מיין ליבער, — האָט זי אים דאַליק געענטפערט: — אָבער שניי־רויז איז דאָך ניט מער ווי אַ חלום... נאָר אַ זונג...

אין איך בין מיט דיר: איך — די ווירקלעכקייט! מיינע אָרעמס — ווירקלעכע אָרעמס, פון מילך און בלוט — אומאַרמען דיך... לעבעדיקער, הייכער מאַרמאָר!

— דיך האָב איך ליב, אַזוי ווי מיין לעבן, אָבער מיין חלום, מיין צייבער=חלום, האָב איך ליבער פון מיין לעבן...

— אָבער די, וואָס גייען נאָך איר, קערן זיך שוין מער צו זייערע מיטברידער, די מענטשן, נישט אום...

— זי האָט מיך געוואָרנט... אָבער איין שעה שעפּן פון אָפּגרונט דעם ריינסטן לעבנס=געטראַנק... דעם גאַנצן לעבן פאַר איין טראָפּן!

זי האָט אים געענטפערט מיט אַ זיפץ, וועלכן זיין פאַרשיכורטער אויער האָט שוין אָבער ניט פאַרנומען...

---

אין עס איז געווען אַ ווינטיקע, אַן אומרויִקע נאַכט. אונטן זיינען די ביימער געשטאַנען מיט די וואָרצלען טיף אין דער ערד אריינגעגראָבן, און האָבן זיך פעסט געהאַלטן, אַזוי ווי מיט צונויפגעפרעסטע פיסטן, אָן די האַרטע דורכגעפראָרענע ערד=שטיקער, אָבער אויבן זיינען זייערע שפּיצן אומגעגאַנגען, אַזוי ווי עפּעס אַ מחנה מענטשן, אַהין און אַהער, און האָבן זיך דורכגעשמועסט איבער זייער שטייגער מיטן ווינט. דער האָלץ=העקער איז מיט דער האַק ביי דער זייט אַלץ טיפער און וואַלד אַריין געגאַנגען, און פאַר די אויגן האָט אים געשוועבט, אַזוי ווי אַ וועגהייזנדיקער פייער=זייל, דאָס בילד פונם צייבער=מיידל... אָט גייט ער פאַרביי דעם אַלטן וואַלד=זיידן מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד און מיט אויגן, וועלכע ר'האָט קוים געקאָנט באַמערקן פון אונטער די מיט מאָך באַוואַקסענע ברעמען, דער וואַלד=זיידע קלאַפּט אָן מיט זיין לאַנגן שטעקן אין די שטאַמען פון די ביימער, און דעם אָנקלאַנג כאַפּט=אונטער דער ווינט און צעטרייסט אים אויף פּיק=פּיצלעך און צעוואַרפט אים אין אַלע זייטן... אָט קוקן אויף אים מיט נייגעריקייט די וואַלד=גייסטער, וועלכע האָבן זיך מחנותווייז צעזעצט אויף די צווייגן און באַגלייטן אים מיט זייערע בליקן, אָבער

דער האָלצהעקער שטעלט זיך ניט אָפּ... ער גייט ווייטער=ווייטער... אַ לעבעדיק בילד שוועבט אים פֿאַר די אויגן און שמייכלט צו אים, און רופֿט אים, רופֿט אים... און אָט גיט זיך שוין דער ווינט אַ שטאַרקן רײַס אַהיים אויף דער פֿרייהייט און צעזינגט זיך, פּונקט ווי אַ גאַנצע קאַפּעליע: דאָס האָט זיך געענדיקט דער וואַלד, און דער האָלצהעקער איז אויפֿן פֿעלד אַרויס... הו=הו=הו=ו... ווי אַלץ האָט זיך דאָ אינאיינעם צונויפֿגעפֿלאָכטן, צונויפֿגעוועבט... אַ שניי=זאַווערוכע האָט פֿאַרצויגן דעם גאַנצן רוים צווישן הימל און ערד, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז קליינע, ווײַסע מלאָכימלעך לאָזן זיך אַראָפּ איבער די שנייעלעך, אַזוי ווי איבער טרעפּלעך, אויף דער ערד, און אַלץ אינאיינעם האָט זיך אין איין קול צעזונגען: אי דער ווינט, אי דער הימל, אי די ערד... אָבער צווישן די אַלע שטורעם=טענער האָט זיך קלאָר געהערט דער יונגער מעלאָדישער כאָר פֿון די ווײַסע, מילדע שניי=קינדערלעך, וואָס האָבן געשעמערירט מיט זייערע הויטע בעקלעך, און מיט די ווײַסע, שאַרפֿע ציינדלעך, וועלכע האָבן זייערע לידער געזונגען:

„אויף אַ יום=טוב... אויף אַ ווינטער=יום=טוב זײַנען מיר געקומען אויף דער ערד... און מיר טאַנצן, און מיר הוליען... מיר זײַנען הימל=קינדער... און בײַנאַכט, ווען אַלע שלאָפֿן, לויפֿן מיר געשווינד אַוועק אין שטאָט, קלאַפּן אין די ווינקלען פֿון די הײַזער, שרעקן די קינדער אין די וויגן, און מאָלן בלומען אויף די שויבן, און פֿאַרשווינדן... און גייט אויף די זון, דאַן בליצן מיר מיט אַלערליי קאָלירן, און גיסן זיך איבער מיט די פֿאַרבן פֿון אַ רעגנבויגן... און מיטן ערשטן שטראַל פֿון פֿרילינג וועלן מיר פֿאַרשווינדן צוריק אין דער הויך, ווי אַ רויך, ווי אַ חלום, צוריק אין דער הויך“...

און דער יונגער האָלצהעקער איז מונטער געגאַנגען אין דעם מילך=ווײַסן ים פֿון דער שניי=זאַווערוכע, צווישן די זינגענדיקע שניי=קינדערלעך, און אָט זעט ער שוין פֿון דער ווײַטן — עס באָדן זיך אין די קלאָרע הימל=שײַנען די יונגע שוועסטער פֿון דער שניי=הויז, און זיי ווינקען צו אים און זי רופֿן. און אָט זעט ער

שיין איך איר אַליין... דאָס הימל=שיינע ציבער=בילד... און ער איילט צו איר, ער איילט...

— כאַ=כאַ=כאַ! הערט ער שוין איר קלינגענדיק געלעכטער: — די יונגער האָלצהעקער! ביסט געקומען, געקומען, געקומען... שוועסטערלעך, דאָס איז ער, דער יונגער, דער שיינער. דער טרוימער, כאַ=כאַ=כאַ... ווי פריילעך! ווי קאַלט, ווי גוט!

הו=הו=הו — כאַפּט אונטער דעם געלעכטער דער ווינט און טראָגט אים אַוועק אַהין, צום וואַלד, און גיט אים אַ שליידער איבער די שפּיצן פון די ביימער... עפּעס גיט אין דער ליפטן אַ פלאַטער, און צעריסענע קלאַנגען בלייבן הענגען אויף די צווייגן...

גלין=גלין=גלין... גלין=גלין=גלין... הערט דער האָלצהעקער. ווי עס קלינגט פון דערווייטנס אין פעלד... עמעצער פאָרט.... אפשר חתונה=לייט... פריילעכע, שיכורע... טראַ=ראַ=ראַ... ראַ=ראַ... הערט ער דייטלעך האַרמאָנישע קלאַנגען פון עפּעס אַ קלינ=מערישן אינסטרומענט... און פּלוצלונג: גלאָן=גלאַן! גלאָן=גלאַן! פירט מען עמעצן צו דער חופּה... אָדער אפשר... אפשר איז מען דאָס עמעצן מקבר... ווי=י=ו — גיט דער ווינט אַ מעכטיקן פייף און פאַרכאַפּט מיט זיך אַלע קלאַנגען און פאַרטראָגט זיי אין דער ווייטער וועלט אַריין. אָבער דער האָלצהעקער זעט נאָר זי איינע... אָט איז זי שוין.. כאַמע דערביי... נאָך עטלעכע טריט נאָר מאַכן... אָבער דער שניי איז אַזוי טיף... עס גייט הייך שווער... און דאָך גייט ער פאָרווערטס, כאָטש לאַנגזאַם.. אָט עפנט זי אירע אָרעמס און לאַכט אים אַנטקעגן, און אירע חברטעס לאַכן אויך מיט איר אין איין קול, און זיי דרייען זיך אַרום אים, און זיי באַפאַלן אים פּונקט אַזוי ווי די בינען, און כאַפּן אים פאַר די הענט, און זיי טאַנצן מיט אים, און הוידען זיך און קייקלען זיך אין די שנייען און באָדן זיך און ליאַרעמען און פאַרשיטן אים די אויגן מיט שטיקער שניי... און זייערע באַוועגונגען — אַזעלכע גראַציעזע, אַזעלכע איינגעלאַסענע — זיי שווימען אין דער זאַווערוכע, אַזוי ווי פישלעך אין וואַסער... כאַ=כאַ=כאַ! קלינגט אים דער געלעכטער סאַמע אין די אויערן... און ער כאַפּט זי אָן פאַר די הענט... ווי=י=ו — גיט דער ווינט נאָך איינעם אַ שטאַרקן

בלאָז — און דער האָלצהעקער פֿאַלט, און די שניי=רויז בלייבט
ליגן אין זיינע אָרעמס... און ער זויגט זיך אײַן מיט זיינע ליפּן
אין אירע... כּי=כּי=כּי! קייכט זי זיך פֿון געלעכטער, צאַפּלענדיק
זיך אין זיינע פֿיבערהאַפֿטע אָרעמס... און ער טרינקט מיט דאָרשט
איר פֿראָסטיקן אָטעם, און טרינקט, און ווערט שיכּור, שיכּור...
און די זאַווירוכע דרייט זיך ווייטער... און צוזאַמען מיט איר
דרייען זיך אַוועק אויך די יינגערע שוועסטער פֿון דער שניי=מיידל
אַלץ ווייטער אין פֿעלד מיט אַ קאָפּדרייענדן משוגנה=ווילדן טאַנץ...
נאָר זי, די שניי=רויז, ליגט אין זיינע פֿעסט=צונויפֿגעדריקטע אָרעמס,
און זי בלייבט מיט אים, זי בלייבט מיט אים, מיט אים, מיט אים...

---

# איבער די הויכע ווייסע דעכער.

אַ ביסל נידעריקער פון מיר ציען זיך שניי־ווייסע דעכער אַ ביסל העכער — דער פּראָסטיקער אויסגעשטערנטער הימל, און איף אײן הויך מיט מיר קוקן זיך איבער די ווייטע האָריזאָנטן...

איך וואוין אין דער הייך!

מיין קעמערל האָט, ווי אַ קליין שטיפיק קינד, געקלעטערט איבער די ברייטע פּלייצעס פון די אונטערשטע וואוינונגען, ביז עס האָט אַרויפגעקלעטערט ביז אונטערן הימל און האָט זיך פאַרקוקט מיט זיין איינציק קליין פענסטערל איף די נייע אומבאַקאַנטע וועלטן, און האָט זיך פאַרגעסן אומקערן צוריק, — און אַזוי ציען זיך שוין יאָרן־יאָרן, און די גאַנצע יאָרן שטיי איך ביים פענסטערל און וואַרט איף עפּעס גרויסעס, עפּעס וויכטיקעס...

די ווייסע דעכער, וועלכע לאָזן זיך דאָ אַראָפּ נידעריקער, דאָ הייבן זיך איף העכער און האָבן אַן אויסזען פון אַ ים, וועלכער איז אין גרעסטן שטורעם פּלוצלונג פאַרפרוירען געוואָרן, און די כוואַליעס זיינען געבליבן הענגען אין דער ליפטן — די ווייסע דעכער פאַרשטעלן פון מיר די שוואַרצע גאַסן, וועלכע דאַרפן זיין דאָרט ערגעץ אונטן. דאָרט אונטן, געדענק איך, ווערט דער ווייסער שניי אונטער מענטשלעכע פיס צעטראָטן איף שוואַרץ...

דאָרט אונטן בין איך שוין לאַנג ניט געוועזן, און אַהער הייבט זיך קיינער נישט איף: שוואַכע קעפּ הייבט דאָ אָן צו שווינדלען, — און דעריבער האָב איך שוין לאַנג ניט געזען קיין מענטשן...

און וואָס לענגער איך זע ניט קיין מענטשן, דאָס מער ווער איך רויקער: עפּעס ווער איך פון טאָג צו טאָג אַליין מערער פאַרצויגן מיט אַ שלייער פון ווייסע רויקייט, וועלכע ציט זיך צו מיר הויכן קליינעם פענסטערל פון די ווייסע בלישטשענ=

דיקע שנייען, און וואָס אַ טאָג ווער איך אַלץ קעלטער, און וואָס אַ טאָג שטאַרבט מיין האַרץ אין מיר אָפּ, און איך פיל מיך... אַזוי דאַרף זיך פילן איינער אַ געשטאָרבענער נאָכדעם, ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער טויט איז גאָר נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מענטשן שטעלן זיך פאָר —

צוזאַמען מיט מיר, ביי מיר טיף אין האַרצן, וואוינען נאָך הימלישע געטער, — יענע, וועלכע האָבן זיך געפרוווט אַראָפּלאָזן צו די מענטשן, צו לעבן מיט זיי אויף דער ערד, האָבן זיך אָבער מיט זיי אַיינלעבן ניט געקענט. איך האָב זיי צוריק אין דער הייך מיטגענומען, און באַשיין זיי מיט אַ פונצער פון אייביקער הייליקייט אין מיין פאַרגליווערטן האַרצן, און היט זיי פון פאַרשוועכונג.

און ווען נישט איין געדאַנק, וועלכער האָט זיך נאָך דאַמאָלסט אויף דער ערד מיר אין מוח פאַרקליבן, און הייבט מיר אָן אַמאָל ווידער צו רוימען אין אויער אַזוי זים, אַזוי הייס, אַז די אָפּגעקילטע בלוטן מיינע הייבן זיך אָן פלוצלונג שנעלער איבערגיסן און דערוואַרעמען, — וואָלט איך שוין לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גייסט פון דער אַייביקער ווייסער הייליקייט, און מיין האַרץ וואָלט שוין לאַנג געוואָרן אַ בית-עלמין פאַר די געטער, וועלכע האָבן זיך מיט מיר צוזאַמען געראַטעוועט אין דער הייך...

אָפטמאָל באַפאַלט מיך עפּעס אַ אומרויקייט, און עס הייבט מיר אָן קלאַפּן דאָס האַרץ, ווי אַמאָל אויף דער ערד, ווען איך האָב נאָך ערדישע פאַרלאַנגען געהאַט, און האָב נאָך געמיינט, אַז זיי קענען אַמאָל איבערגעפירט ווערן אויף דער ערד, און איך כאַפּ מיך אויף פלוצלונג פון מיין שלאָף, און אַ פייער צינדט זיך מיר אָן אין די אויגן:

— אפשר איז שוין משיח דאָרט אונטן געקומען!

אפשר האָט שוין משיח דאָרט אונטן די גאַסן מיט זיינע הימלישע אויגן באַלויכטן און איך האָב געפעלט...

איך פלעג מיך אָבער באַלד ווידער באַרויקן און געפינען אַ טרייסט, און אַזוי פלעג איך אַליין מיט זיך רידן:

— וואָלט ער געקומען, וואָלט ער שוין לאַנג דאָ געווען,

איבער די הויכע ווייסע דעכער, לעבן דעם אויסגעשטערנטן הימל, אויף איין הייך מיט די ווייסע האָריזאָנטן...

קליין איז מיין פענסטערל, און דאָך שפּיגלען זיך אָפּ אין אים גאַנצע וועלטן אין דער ווייט און אין דער ברייט...

איך געדענק ניט, וויפיל צייט איך האָב אַזוי פאַרבראַכט אין מיין קעמערל: אפשר יאָרן, אפשר רגעס — די הימלישע הייכן האָבן קיינמאָל פון צייט און באַוועגונג נישט געהערט: אַלץ שלומערט אין טיפער רואיקייט, און עס ווערט קיין זאַך נישט פאַרענדערט. די דעכער זיינען געבליבן פאַרגליווערט, ווי פּייער, און זיינען באַדעקט מיט ווייסע, קלאָרע שנייען, ווי מיט תכריכים, און די תכריכים שרעקן מיך אָפּ, און זיי דערמאָנען מיך נישט אין לעבן —

דאָס קליינע פענסטערל איז פאַרצויגן מיט אַ קאָרע פון אייז, און עס שפּיגלען זיך אויף אים די קאַלטע שטראַלן פון די בלישטשענדיקע שנייען — — —

אַזוי ווי אַ חלום, שטייט אויף אַ שאָטן פון די קלאָרע שנייען און לאָזט זיך גיין צו מיין פענסטערל. לאַנגזאַם גייט ער און נאָך לאַנגזאַמער קוקט ער, און ער האָט נישט קיין אויגן. ער קוקט מיט זיין גאַנצן שאָטנדיקן קערפּער, און רעדט נישט קיין וואָרט; דאָך הער איך זיין יעדן געדאַנק און יעדן קלאַפּ פון זיין פרירנדיקן האַרצן.

איך דערקען דעם ווייסן אומבאַפלעקטן שאָטן, כאָטש ער טראָגט ניט קיין סערפּ אויף די פּלייצעס, קיין פאַרגיפטעטן שווערד אין דער האַנט.

דאָס איז דער טויט — — —

איך קען אים שוין לאַנג, צייט איך שטיי ביים קליינעם פענסטערל, אויף איין הייך מיט די ווייטע האָריזאָנטן, קען איך דעם טויט. און האָב אים ליב, ווי אַ גוטן חבר, וועלכער וועט זיכער שטענדיק רעטן...

ער שטעלט זיינע אומזעבאַרע טריט אויפן ווייסן ווייכן שניי און קוקט מיט זיין גאַנצן שאָטנדיקן קערפּער, און יעדער קלאַפּ פון זיין פאַרפרוירענעם האַרצן חזרט וואָס אַמאָל שטילער, שטילער:

— איך בין משיח — —

אין די בלוטן מיינע הייבן אָן בײַ די ווערטער נאָך לאַנגזאַמער צו פליסן, און קוים וואָס זיי באַוועגן זיך, און איך פיל, ווי דער טויט רירט מיך אָן מיט זיין תכריכים־ווייסן פליגל איבער מיינע אַנטשוויגענע ליפן, און זיי ווערן פולקום פאַרשלאָסן. — מער ניט מיין באַרויקטער האַרץ חזרט קוים הערבאַר, קוים הערבאַר:

— דו ביסט משיח — — —

דאָס קומט ער צו ראַטעווען די קליינע מענטשן איינעם פון צווייטן, און צו ראַטעווען די קליינע אומשולדיקע ערד פון אירע באַזיצער, וואָס האָבן איר באַלאַגערט איבער אַלע גרעניצן.

און עס הייבן זיך פונאַנדער די הויכע דעכער. און אונטער זיי הייבן זיך פונאַנדער אויך די הייזער מיט די ברייטע פליצעס, און לאָזן הורך דעם לאַנג־דערוואַרטן רעטער איבער די נידעריקע גאַסן.

— — — — — — — — — — — —

עס זיינען פאַרגאַנגען אפשר יאָרן, אפשר רגעס: מיין האַרץ האָט לאַנג שוין געהערט פון זיין קלאַפן, מער ניט די אויגן זינען בײַ מיר די זעלבע, וואָס פריער, געבליבן, און איך האָב געזען, אַז אונטער מיר איז אַלץ ווייניקער הייזער און ווייניקער מענטשן געוואָרן, און עס איז געוואָרן גערוימער אויף דער ערד, — און ווען איך וואָלט אָטעמען געוואָלט, וואָלט עס מיר איצט פיל גרינגער געווען...

די מויערן האָבן שוין מער ניט פאַרשטעלט די נידעריקע גאַסן, און אַלץ אַרום איז געווען ווייס, ווי די אומשולד, און טויט, ווי דאָס לעבן...

און נאָר אַ שניי־ווייסע דעקע האָט זיך געצויגן, געצויגן... און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז דער ווייסער ריינער הימל אַראָפּ אויף דער ערד, און האָט אויף איר זיין מלוכה געגרינדעט...

און דאַן זיינען אַראָפּ אויף דער ערד אויך די געטער, וואָס האָבן זיך צוזאַמען מיט מיר גערעטעט אַמאָל פון די מענטשן, און

האָבן זיך פריי באַוועגט איף דער ווייסער ערד צוזאַמען מיט די אומשטערבלעכע אידעען, וואָס זיינען געבליבן נישט דורכגע־פירטע אין לעבן, צוזאַמען מיט די גאונישע געדאַנקען, פאַר וועלכע מען האָט מענטשן איף די עשאַפאָטן געפירט, צוזאַמען מיט די הייליקע תורות, וואָס האָבן זיך פריער קיין אָרט ניט געפונען אין דער נידער, אין דער נידער — — —

אין ערגעץ האָט זיך קיין מענטש ניט געזען.
יום־טוב און הייליקע רו — —
משיח איז געקומען!

# דער פאַרשטויסענער.

שפּעט בײנאַכט, װען אידע פּראַכטיקע װאַרעמע גלידער האָבן זיך פונאַנדערגעװאָרפן אונטער דער סאַמעטענער קאָלדרע, אַזױ װי די צװײגן פון אַ יונגן זאַפטיקן בױם, און די פינקלדיקע אױגן זײנען צוגעדעקט געװאָרן מיט די לאַנגע זײדענע ברעמען, און זי איז פאַרזונקען געװאָרן אין זיסן שלאָף, — איז אַראָפּגעפלױגן צו איר דער „פאַרשטױסענער“ אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט און האָט איר אַײנגערױמט אין קלײנעם הורכזיכטיקן אױער:

— שײן מײדל, דײן קערפּער איז אַ הימל־שײנער בלום: די מענטשן זײנען רױע און גראָבע, זײ װעלן צעטרעטן דײן קערפּער און פאַרשװעכן דײן שײנקײט. די מענטשן זױגן אױס דעם זאַפט פון דער פרי און װאַרפן דעם שאָלעכטס אין מיסט. דײן הימל־שײנעם קערפּער װעלן זײ צעדרעשן אױף שטרױ, און דעם פײער פון דײנע אױגן אױסלעשן אױף טױט... שײן מײדל, ניט דאָ איז דײן אָרט!

און עס האָט זיך אױפגעכאַפּט דאָס מײדל פון זיסן שלאָף, אָדער אפשר איז זי נאָך שטאַרקער פאַרזונקען געװאָרן אין אים, און זי איז געװען האַלב פאַרװאונדערט, האַלב דערשראָקן.

— װער ביסטו, װאָס דו רעדסט צו מיר אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט? איך הער אַ שטימע פון אַ מאַנסביל... װער האָט געהאַט די העזה צו שטערן מיר אין זיסן שלאָף אױף מײן װײכן געלעגער?

און איר שטימע האָט מעלאָדיש געקלונגען, װי אַ ציטער־שטימע.

— איך, װאָס איך רײד צו דיר פון דער פינסטערניש פון דער נאַכט, בין דער פײנד פון ערד און הימל... איך ליב

נאָר די שיינקייט אַליין... די מענטשן רופן מיך „נישט־גוטער“, און גאָט רופט מיך דער „פאַרשטויסענער“.

— אַ מלאך ביסטו; פאַרוואָס־זשע זע איך ניט דיינע פליגל?

— שטערבלעכע מאָלער און דיכטער, וואָס זוכן אויסגע־טראַכטע שיינקייט, האָבן מיר פליגל אויסגעטראַכט. איך האָב נישט קיין קערפּער און דאַרף נישט קיין פליגל. איך בין אַ שוועבנ־דער גייסט... איך לעב אָן אַן ענדע און צייל נישט די צייט; איך וואַנדער אָן אויפהער, און קען דעם וועג נישט מעסטן... שיין מיידל, קום מיט מיר! איך וועל דיך טראָגן צום הימל אַרויף!

— צום הימל? און הימל איז וויסט. ניטאָ אין הימל קיין פרייליכקייט, דער הימל איז אַ הייליקער — מען טאָר דאָרט נישט זינדיקן... פאַרפלי פון מיר, דו, וואָס דו רופסט זיך „נישט־גוטער“.

און דער גייסט איז פאַרפלויגן.

— שיין מיידל — האָט ער איר איינגערוימט די צווייטע נאַכט און דער זעלבער צייט און מיט דער זעלבער שטימע: — דיין שלאָף איז אַזוי זיס און אַזוי רויק, און מיר טוט אַזוי וויי, אַז איך אייפערזוכט מוז איך דיך אויפרייסן פון שלאָף.

און זי איז אויפגעריסן געוואָרן פון שלאָף, און אפשר איז זי נאָך טיפער פאַרזונקען געוואָרן אין אים.

— שיין מיידל — האָט ער צו איר נאָך אַמאָל גערופן: — מיר איז אַ שאָד די רויזן אויף דיינע באַקן, וואָס וועלן פאַר־וועלקן, און אַ שאָד די גאָלדענע לאָקן, וואָס וועלן אויסגע־צופּט ווערן...

— דו ווילסט מיך פאַרפירן, אומזיניקער גייסט... איך פיל, אַז דו ביסט שיין, ווי די זון, אָבער אָנרירן קען איך דיך נישט!

און דער מלאך האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך האָט זיין שטימע ליידנשאַפטלעך געקלונגען:

— מיין ליבע האָט אויפגעפלאַטערט, ווי די פלאַם פון גיהנום... איך גיי אויס פון בענקשאַפט צו דיר....

און דאַן איז ער געפאַלן צו אירע פיס און האָט זיך איינ־געזויגן אין זיי מיט זיינע אומזיכטבאַרע ליפן.

— די הימל־שײנער — האָט זי אים געענטפערט: — די ביסט אַ גײַסט, אַ רויך, אַ ווינט, אַ חלום, דײַן וואָרט איז לײַדנשאַפטלעך, דײַן אָטעם איז הײס, אָבער איך פיל ניט דײַן אָרעם און איך פיל ניט דײַן קוש... און איך האָב אַ שניי־ווײַסן לײַב, אַ שײן אײַנגעשניצט געזיכט מיט אַ פּאָר פאַרפירערישע אויגן.... מײַן קערפער איז וואַרעם, מײַן פאַרלאַנג איז זידנדיק. אָבער די ביסט אומפאַרכאַפּבאַר, און איך קאָן פון דיר קײן קינד נישט האָבן... פאַר מיר ביסטו טויט! פאַרפאַלי פון מיר, מײַן פאַרפירער...

און צום דריטן מאָל אין דער דריטער נאַכט האָט ער צו איר אַזוי געזאָגט:

— שײן מײדל, זאָג מיר ווײניקסטנס, ווער איז דער גליקלעכער, וואָס טרינקט פון לײַטערן קוואַל... ווער איז דײַן געליבטער — זאָג?

— מײַן געליבטער איז אַ שמיד, מיט דער בלײַזער האַנט ברעכט ער אײַזן, און מיטן בליק — מײַן האַרץ... אַז ער וואַשט זיך אַרויס פון אַש און טוישט זײַנע קלײדער, איז ער שײן, ווי אַ העלד... זײַן אַקסל איז ברײט און זײַן אָרעם איז הײס... ער טראָגט מיך אַרום אויף די הענט, ווי אַ קינד, און ער פאַרזאָרגט מיך מיט עסן און שניי־ווײַסן בעטגעוואַנט, און ער ליבט מיך נאָר אײנע, נאָר אײנע...

— נאַרישע קינד — האָט ער געענטפערט, עס האָט אין דער לופטן נאָך אַמאָל אָפּגעקלונגען: „נאַריש קינד“... און דער „פאַרשטויסענער“ איז פאַרשוואונדן.

---

האַלב פינצטער איז אין שמידערײַ. דער בלאָז־זאַק בלאָזט, דאָס פײַער פלאַמט. עס שטײט דער שמיד און שלאָגט אויף אײַזן, און זײַנע אויגן שיטן פונקען.

עס גײט אַרײַן אַ וואונדער־שײן מײדל אין שוואַרצן.

— יונגער שמיד, איך זע דײַן שײן פּנים אונטער דער שוואַרצער מאַזשע און איך פיל דײַן הײס האַרץ אונטער דײַנע קלײדער: דײַן אָרט איז נישט אין שמידערײַ... דײַן אָרט איז בײַ מיר, אין מײַן וואונדער־שײנעם פּאַלאַץ.

— וואונדערבאַרער גאַסט, איך זע דיך דאָס ערשטע מאָל און דיינע ווערטער זיינען אַזוי ניי, אַזוי באַצויבערנד, און דיין שטימע אַזוי באַקאַנט...

— באַקאַנט?... אפשר רעדט אַזוי איינע פון דיינע באַקאַנטע? איינע פון דיינע נאָענטסטע באַקאַנטע?

— מיינע באַקאַנטע, זאָגסטו? ווירקליך, זי רעדט טאַקע ענליך צו דעם, אָבער דו רעדסט נאָך מילדער, נאָך זיסער פון איר, און דיין געזיכט איז פיל שענער פון אירן, — אָבער איך וועל איך טריי בלייבן אַזוי לאַנג, ווי איך וועל לעבן. דו וואונ־דערשיינע, ניט פאַרפיר מיך און פאַרשווינד פון מיינע אויגן...

און דאָס מיידל איז פאַרשוואונדן. דער שמיד איז געבליבן פאַרטראַכט, און איז דעם אָוונט ניט געגאַנגען צו זיין געליבטער, ווי ער איז געוויינט געווען צו טון.

און נאָך אַמאָל איז געקומען דאָס מיידל אין אַ שיינעם פאַר־נאַכט, ווען דער שמיד האָט געהיט פון זיין אַרבייט. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי זיין רעכטער האַנט, און איר אַקסל איז גע־ווען נאָענט צו זיינעם, און ער האָט געפילט איר הייסן אָטעם אויף זיין געזיכט. און דאָך האָט ער זיך אָפּגערוקט פון איר.

— יונגער שמיד — האָט זי צו אים געזאָגט:

— מיין פּאַלאַץ איז פון גינגאָלד, מיין גאָרטן איז פון לויטערע רייזן, און מיין היים איז דער הימל... זיי דו מיין הערשער!

— ווער דו זאָלסט ניט זיין, שרעקלעך איז דיין צויבער־קראַפט און דו פאַרבלענדסט מיר די אויגן, און דער קאָפּ הייבט זיך אָן דרייען, און דאָס האַרץ קלאַפּן. איך וויל אָבער טריי בלייבן מיין געליבטער, פאַרשווינד פון מיינע אויגן!

— כאַ־כאַ־כאַ! האָט זי זיך צעלאַכט און איז לאַכנדיק פאַר־שוואונדן.

און אין דער לופטן האָט זיך אָפּגעקלונגען:

— כאַ—כאַ—כאַ!

און אַז זי איז ווידעראַמאָל געקומען צו אים, האָט ער שוין אַליין געאײַלט איר אַנטקעגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

— װאַנדערשײנע, דו האָסט מיך באַזיגט און האָסט מײַן ליבע באַזיגט, טו מיט מיר, װאָס דו ווילסט: פון הײַנט בין איך דײַן שקלאַף.

אָבער דאָס מײדל האָט אױסגעשטרעקט צו אים איר האַנט און האָט געזאָגט:

— ברײטשולטעריקער שמיד, ניט פאַרקױף אַזױ גרינג דײַן מזל, און ניט אײַל זיך צו באַשליסן! דו װעסט מיך נאָר מיט די אױגן, אָבער אָנרירן װעסטו מיך ניט קאָנען, װײל איך בין אַ שװעבנדער גײַסט, און װעסט מיך נישט קאָנען ניט האַלזן, ניט קושן...

— איך װעל דיך האַלזן און קושן מיט די אױגן... איך גײ נאָך דיר.

— פאַרבלענדטער שמיד, איך װאױן אין די הימלען, און די הימלען זײַנע הײליק, און עס איז ניטאָ דאָרט קײן פרײלעכקײט. און מען טאָר דאָרט ניט זינדיקן!

— דו װעסט זײַן מײַן פרײלעכקײט... איך גײ נאָך דיר.

— שמיד, דו האָסט נאָך צײַט צו באַדענקען זיך, כּל זמן עס איז נאָך ניט שפּעט. איך בין אַ הױך, אַ װינט, אַ גײַסט, אַ חלום, און דו װעסט מיך נישט קענען באַגרײַפן. איך לעב אײביק, און איך צײל ניט די יאָרן, איך װאַנדער אײביק און איך מעסט ניט מײַן װעג... און דו װעסט מיך ניט קאָנען נאָכהאַלטן.

— מײַנע געדאַנקען װעלן דיך נאָכהאַלטן... איך גײ נאָך דיר.

— אָבער איך בין אומפרוכטבאַר, און דו װעסט פון מיר קײן קינד נישט האָבן... מײַן ברײטשולטעריקער שמיד!

— און דאָך גײ איך נאָך דיר! דו װעסט זײַן מײַן אײנציק קינד...

— אָבער אַז דער קלאַנג װעט דערגײן צו דײַן געליבטער, װעט ער זי טײטן, און פאַרן טױט װעלן די ליפּן אירע שעלטן...

— אויף מיין קאָפּ די קללה!

---

— ווער ביסטו, וואָס דו לאָזט זיך מיר ניט איינשיכורן מיט מיין טרייער און לאָזט מיר ניט רויק שטאַרבן? — האָט זי געפרעגט ביים אומגעבעטענעם גאַסט אין דער שפּעטעריקער נאַכט.

— איך בין... אַלץ דערזועלבער, אַלץ דערזועלבער... און אָנזאָגן בין איך דיר געקומען, אַז ער האָט דיך פאַרלאָזן, דיין געליבטער, פאַרלאָזן, פאַרלאָזן... אָ, הי, וואָס דיין נאָמען איז פּתי!

---

# ביים שייד־וועג.

אַ בלים, אַן ערצייגענער אויף די בייטן פֿון וואַרעמען דרום, איז איבערגעטראָגן געוואָרן צו די שנייען אין צפֿון. איז זי אַ קראַנקע אין איר בעט געלעגן. דורך אַ פֿענסטער האָבן זיך געזען די הויכע שניי־בערג, וואָס זיינען געשטאַנען, אַזוי ווי די וועכטער, גלייך ווי אַ ווילדער גאָט וואָלט זיי אַוועקגעשטעלט די ערד אָפּצוהיטן, זי זאָל זיך פֿון אירע אייזיקע קייטן ניט באַפֿרייען, און האָבן אונטערגעשפּאַרט מיט זייערע שפּיצן דעם פֿראָסטיקן הימל; און פֿון צווייטן פֿענסטער — אַ קליין פֿאַרוואָרפֿן דערפֿל פֿון די אומגעלומפּערטע האַלב־ווילדע יאַקוטן. און אויף אַ בענקל לעבן בעט איז ער, איר געליבטער, געזעסן, און האָט דורכן פֿענסטער אויף די בערג מיט פֿאַרטראַכטן טרויער געקוקט.

מיין פֿריינד — האָט די קראַנקע פּלוצלונג די שטילקייט איבערגעריסן, און האָט צום פֿענסטער אַ בליק פֿון אַ שווערפֿאַרוואונדעטן פֿייגעל געוואָרפֿן: איך פֿיל, מיין ענדע איז נאָענט... דער פֿראָסט איז אַזוי שטאַרק... מיין האַרץ אַזוי דערפֿראָרן.... ליבער, פֿאַרוואָס זאָלן מיר ניט צודריקן היינט אַ האַרץ צו אַ האַרץ? פֿאַרוואָס זאָלן מיר אונזערע ליפּן אין איין קוש ניט צוגריפֿגיסן?...

— ליבסטע — האָט ער איר מיט אַ צאַרטער מוטערלעכער שטימע געענטפֿערט — דאָס לעבן שטייט אין געפֿאַר... דו טאָרסט זיך ניט איבּערעגן... דיין לעבן ניט פֿאַרקירצן....

— ליבער, די געפֿאַר... די געפֿאַר וויל איך פֿאַרגעסן.... נאָך איינמאָל פֿאַר מיין טויט זאָל איך וויסן, אַז דו ביסט מיינער...

— ליבסטע, איך בין דיינער — האָט ער ליידנשאַפֿטלעך אויסגעשטרעקט זיין אָרעם איר אַנטקעגן.

אין דער טאָג איז ווי אַ שיינער חלום פאַרשוואונדן. און בשעת זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון דעם חלום, האָט זיך שוין די זון מיט דער ערד געזעגנט, און האָט אירע לעצטע בענקענדיקע שטראַלן אין פענסטער געוואָרפן. זי האָט אירע טיפע לײדנדע אויגן צום הימל געקערט און האָט צו די בערג אירע בליקן געווענדט:

— די זעסט דעם רויטן קאָליר פון די בערג־שפּיצן — האָט זי געזאָגט... קיינמאָל האָט עס מיך, אַזוי ווי היינט, ניט גערירט... בלוטיקע פלעקן... דאָס האַרץ קלעמט...

און אין אַ ווײַלע אַרום...

— די זון פאַרגייט... איך פיל, איך פאַרגיי אויך מיט איר צוזאַמען... דאָרט איז שוין לאַנג דער פרילינג געקומען... די טייכן שוימען... די וועלדער רוישן... היינט־מאָרגן שטאַרב איך... דאַמאָלסט וועסטו פליען, ווי אַ פויגל צו זיין אייגענעם דאַך... אַ גערוס פון מיר וועסטו ברענגען... און איך וועל דאָ ליגן, אין דער פאַרפראָרענער פאַרשטיינערטער ערד, און די אויגן וועסטו מיר מיט שניי פאַרדעקן, מיט דעם קאַלטן, אומפרוכטבאַרן שניי...

זי האָט אַ ציטער געטאָן.

— אָ, רייד ניט אַזוי, מיין ליבסטע — האָט ער די האַנט אירע אין זיינע גענומען: — איך וועל דיינע אויגן מיט קיין שניי ניט פאַרדעקן, און דיין קערפּער אין די פאַרפראָרענע ערד וועל איך ניט לאָזן... מיט זיך וועל איך דיך נעמען... אַהין, וואו איצט איז פרילינג, וואו עס רוישט, וואו עס שוימט וועל איך דיך טראָגן...

— מיין ליבער, מיין געטרייער! — האָט זיך ביי איר פון האַרצן אַ פאַרגרינגערנדיקער זיפץ אַרויסגעריסן, און די אויגן אירע האָבן אויפגעשטראַלט, ווי צוויי זונען.

און ער האָט פאַרטגעזעצט:

— די האָסט מיך אַ לעבעדיקע אַהער, אין דעם לאַנד פון די טויטע באַגלייט... וועסט איך איצט מיך באַגלייטן... איך וועל דיך אַהיים ברענגען!... אַהיים... דאָרט וועל איך דיך אין דער ווייכער פרוכטבאַרער ערד ליגן, אונטער אַ גרינענדען בוים,

און עס וועלן שפּראָצן בלומען אויף דיין קבר, און פייגל וועלן זינגען, און איך וועל צו דיר קומען...

— לאַנג האָב איך דיך ביי מיין בעט אָפּגעהאַלטן — האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט: די פליגלען פאַרבונדן... איצט העל איך הויך שטאַרבן... ניין, איך וועל ניט שטאַרבן.... איך העל שלאָפן, שלאָפן...

— ווי דו וועסט נאָר איפּהערן דיינע שמאַרצן צו פילן — האָט ער מיט אַ פעסטקייט געזאָגט: — דאַמאָלס... דאַמאָלס וועלן מיר פליען!

— פייגעלעך וועלן זינגען... בלומען וועלן וואַקסן... און דו וועסט צו מיר קומען, — האָבן אירע ליפּן, אַזוי ווי די ליפּן פון אַ קליין=קינד, געחורט — אָ, מיין איינציקער: קום אַ לעצטן מאָל אין מיינע אָרעמס... לייג דיינע ליפּן אויף מיינע... טרינק אויס מיין נשמה... מיין אָטעם טרינק אויס... דו וועסט מיך אַ טויטע פון דאַנען רעטן!

און פעסט=פעסט האָט זי זיך צו אים מיט אירע ליפּן צוגעדריקט; און בשעת ער איז צו זיך געקומען און האָט אַ בליק אויף זיין געליבטע געוואָרפן, איז זי שוין אַ רויקע, אַ שטילע, אין זיינע אָרעמס געלעגן, און האָט שוין מער קיין וויטאָג נישט געפילט.

און דאַמאָלסט איז די זון ווידער פאַרגאַנגען; ער האָט דעם קערפּער איפן בעטל אַוועקגעלייגט, און האָט זיין בליק צו די בערג אָפּגעקערט, און האָט אַזוי געזאָגט צו די בערג און די טיבענישׂ פון זיין האַרצן:

איר הויכע שנייאיקע בערג מיט די בלוטיקע פלעקן אויף די שפּיצן! איר האָט אירע בלוטן איינגעזויגן, און זייט רויט געוואָרן פון אירע בלוטן; איר האָט זיך אין דעם מאַרכנזאַפּט פון איר שאַרבן איינגעבאָדן, און זייט הייס געוואָרן פון איר מאַרכנזאַפּט!

און דאַמאָלסט האָט זיך צו ערשטן מאָל פון זיינע ליפּן אַ טויט=קללה אויף די מענטשן אַרויסגעריסן!...

די משא איז געווען אַ גרינגע. דורך טאָג און דורך נאַכט האָט ער זי געטראָגן, און ער האָט אויסגעמידט די גרויסע שטעט מיט די גרויסע וועגן, און ער האָט געבלאָנדזשעט איבער אומבאַוואוסטע שטעגעלעך אין דער מלוכה פון די אומענדלעכע שנייען, און די קליינע פאַריתומטע הייזלעך פון די גאַסט־פריינטלעכע וואַלדוועכטער פלעגט ער זיין הונגער שטילן. און דער בליק זיינער איז שטענדיק און איין זייט געווען געקערט, און דעם וועג זיינעם האָט ער געהאַלטן אין דרום־זייט. ביי טאָג האָט אים די זון געפירט, ביינאַכט — די שטערן. און אַזוי איז ער דריי טעג און דריי נעכט אָן אַן אָפרו געגאַנגען, און קיינער האָט אים נישט אָפגעשטעלט, און קיינער האָט אים נישט געפרעגט, וואָס ער טראָגט. און אויפן פערטן טאָג איז ער געווען אַ טויט־מידער, פון קעלט אַ פאַרגליווערטער, און קוים וואָס די פיס האָבן אים געהאַלטן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, וואָס איז געשטאַנען אין פעלד, און האָט זיך אָפגערופן צו זיין באַגלייטערין:

— מיינע פיס זיינען מיד... מיין קערפער פאַרגליווערט...
און דער וועג איז אַזוי לאַנג... מיין פריינד, דו ביסט צו מיר פרייוויליק אין דעם מערדערישן לאַנד געקומען און האָסט מיט מיר צוזאַמען מיינע קייטן געטראָגן... דו האָסט מיך דעם הימל, אונזער הימל מיט זיך אין אויגן געבראַכט... דו האָסט זיך אַליין פאַר אַ קרבן אויף דעם אייזקאַלטן מזבח געבראַכט. מיין פריינט, איך פאַרלאָז דיך ניט...

און ער האָט אָנגעשטרענגט זיינע לעצטע קרעפטן, און ער איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער, און זיין פנים איז אַלץ אין איין זייט געווענדט, און די איין זייט איז געווען — דער דרום.

און בשעת עס האָבן אים מענטשן באַגעגנט, און האָבן געפרעגט ביי אים, וואָס ער טראָגט, האָט ער זיי געענטפערט:

— דאָס איז מיין געליבטע, מיין ווייב!

האָבן די מענטשן קעגן אים מיט אַ מיטלייד געשמייכלט. און בשעת די מענטשן האָבן פון אים זיין קאָסטבאַרע משא צו־

נעמען געוואַלט, האָט ער מיט אַ ציטערנדיקער שטימע אויסגע־שריען:

— מענטשן, זי לעבט! איך וועל איר אַהיים ברענגען... דאָרטן וועט זי אויפשטיין, דאָרטן...

דאַמאָלסט האָבן אים די מענטשן ערקלערן געוואָלט, דאָס אַזוי ווערט ניט געטון צווישן מענטשן, און ווי האָבן אַ קבר פאַר איר גענומען גראָבן, האָט ער זיך אַ טרייסל געטון, אַזוי ווי אַ געפאַנגענער פויגל, און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט, אַזוי ווי אַ קינד:

— מערדער! איר זאָלט זי ניט מקבר זיין... זי שלאָפט!

האָבן אים די מענטשן, ווי אַן משוגענעם אָנגעקוקט, האָבן איבערגעחזרט זיינע ווערטער, דאָס אַזוי ווערט ניט געטון צווישן מענטשן, און האָבן ביי אים זיין משא מיט געוואַלט אָפּגענומען.

דאַמאָלסט איז שוין אָנהייב פרילינג געווען.

---

דאָרט, וואו עס גייען זיך פונאַנדער צוויי וועגן צווישן די אייביקע שנייען, און איינער פירט צו די אייזקאַלטע וואַסערן פון דעם צפונדיקן אָקעאַן, און דער צווייטער פירט אין וואַרעמען דרום אַריין, שטייט אַ שטיין, פון אַן אומבאַוואוסטער האַנט אַן אַוועק־געשטעלטער און עפּעס איז אויפן שטיין אויסגעקריצט, עפּעס אַזוינס, וואָס מען קאָן ניט פאַרשטיין, — אַ סימן פון אַ מצבה, אַ גראָבע, אַן אומגעלומפּערטע, אָבער דאָך אַ מצבה. און עמעץ גייט־אַרום אַרום דעם שטיין, און אָפּטמאָל פאַלט ער אויף די קני פאַרן שטיין און האַלדזט אים און קושט אים, דעם שטיין, און זיינע ליפּן שעפּטשען עפּעס... ווער ווייסט, צו אַ ברכה.... צו אַ קללה... אָדער אפשר גאָר אַ תפילה... און בשעת עמעץ פאָרט פאַרביי, ליפּט ער אַנטקעגן אין בעט, מען זאָל פאָרן שטילער:

— אַ מענטש שלאָפט!

און די אויגן זיינע ברענען.

און כּל־זמן עס איז געשטאַנען דער קורצער, בלאַסער, קרענקלעכער זומער, פלעגט ער מיט ווייסע צפון־בלומען דעם קבר באַפוצן און קרענץ פלעגט ער פון זיי פלעכטן. און אַז עס ווידער געקומען דער קאַלטער ווינטער מיט די בלישטשענדיקע שנייען, האָט ער מיט די פינגער בלומען אויפ'ן שניי געמאָלן און „צום אָנדענקען" געשריבן. און אַז עס איז אַ צווייטן מאָל אַ שניי אַרויסגעפאַלן און האָט די אותיות פאַרשאָטן, האָט ער ווידער און ווידער געשריבן.

דער פראָסט איז וואָס פון טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, און איינמאָל ביינאַכט האָט זיך אַ שניי־זאַווערוכע פונאַנגעהוליעט, אַזוי אַז עס האָט זיך געדאַכט, דער הימל האָט אויסגעשטרעקט זיינע אייזיקע הענט און האָט די ערד אַזוי ווי מיט צוואַנגען אַרומגעכאַפט, און האָט זי געשטיקט אין זיינע אָרעמס, און דער ערד האָט אָטעם פאַרפעלט...

אויף מאָרגן האָבן די דורכפאָרנדיקע יאַקוטן אַ טויטן קערפער אַן אויסגעשטרעקטן אויף אַ שנייאיקן בערגל געפונען, זיין פנים איז געווען צו דער ערד אָפגעקערט, די ליפן האַלב אָפן, אַזוי ווי פון אַ קוש אָפגעריסענע, און אויף זיין פנים האָט אַ שמייכל גערוהט.

און די יאַקוטן האָבן אויף זייער שפראַך איינע צו די אַנדערע אַזוי געזאָגט:

— דער פרעמדער איז צופרידן מיטן טויט... זיין נשמה איז שוין געוויס אַהין, צו די אייגענע, אַוועקגעפלויגן...

---

דאָרט, וווּ עס גייען זיך פונאַנדער צוויי וועגן צווישען די אייביקע שנייען, איין איינער פירט צו די אייזקאַלטע וואַסערן פון דעם צפונדיקן אָקעאַן, און דער צווייטער פירט אין דעם וואַרעמען דרום אַריין, שטייען איינער לעבן דעם אַנדערן צוויי שטיינער, צוויי מצבות. און ווינטער זילבערן זיך שנייען אַרום און אַרום, און אַז עס קומט דער פרילינג, שענקט ער זיי אַ בלאַסן, אַ קרענקלעכן שמייכל אויף די ליפן... און בשעת עס פליען פאַרביי די פייגל פון דרום, שטעלן זיי זיך אָפ אויף די שטיינער, קוקן זיך איבער

שטיל אין פליען ווייטער, און בשעת עס גייט פאַרביי אַ פאַרטיע פאַרשיקטע אין ווייטן צפון, שטעלן זיי זיך אָפּ ביי די שטיינער, נעמען אַראָפּ די פעקלעך פון די פלייצעס, און פאַרציילן זיך איינע די אַנדערע טרויעריקע געשיכטן פון די פרעכטיקע דרום־בלומען, וואָס ווערן פאַרוועלקט און צעטראָטן אין די שנייאיקע וויסטענישן פון דעם אייזקאַלטן צפון...

---

# צו דער זון.

געבוירן אונטער אַ שטיין אין דער נעפּלדיקער טיפֿעניש פֿון אַ גרויסן געדיכטן וואַלד, לאָזט זיך באַלד דאָס טייכל ערגעץ ליפן אין דער פֿינצטער אונטער ברייטבלעטערדיקע פּאַפּאָראָטניקעס, איבער ביינערדיקע וואָרצלען פֿון הונדערט־יעריקע, אומגעלומפּערט־צעוואַקסענע שטאַמען.

און אַמאָל איז עס מיושבדיק איינגעהאַלטן, ווי עפּעס באַטראַכטנדיק, ווי עפּעס אַרומקוקנדיק. און אַמאָל פֿאַרלירט עס די געדולד, און די וועלעכלעך צעטאַנצן זיך, צעשוימען זיך פּלוצלינג מיט אומצופֿרידענעם געמורמל און הילכיגע טענות קעגן עמעצן, קעגן עפּעס, אַזוי ווי זיי וואָלטן וועלן, וואָס גיכער אַרויסרייסן זיך פֿון דעם פֿינסטערן וואַלד־כּישוף, אַן אויסגאַנג אין דער ליכטיקייט געפֿינען. אָבער וואָס ווייטער פֿאַרפּלאָנטעט זיך דאָס טייכל אַלץ מערער אין וואַלד, און אַרום זעט עס נאָר שטאַמען, פֿאַרצווייגענע מיט מאָך, אַזוי ווי מיט אַ שפּין־געוועב, נאָר געדיכטע נעפּלען, וואָס הענגען אין דער לופֿטן, אַזוי ווי פֿאַנטאַסטישע באַוועגלעכע דעכער, וואָס געוועלבלען זיך אַמאָל נידעריקער, אַמאָל העכער, און עס קומען אָפֿט חיות צום טייכל און פֿייגל קומען זייער דאָרשט צו שטילן. און דאָס טייכל איז אַ שמאָלס, אָבער גענוג טיף, און די וואַסערלעך זיינען פּעך־שוואַרץ, אָבער קריסטאָל־ריין, און די טראָפּנס בלישטשען, ווי שוואַרצע דימאַנטן.

און עס גייען יאָרן נאָך יאָרן, און די יאָרן זיינען בין־השמשותדיקע, און געדיכטע גרויע וואַסער־נעפּלען איינגעהילטע, און דאָס טייכל איז שוואַרץ און טרויעריק, עלנט און פּאַריאַיש.

און ס'פֿלעגט זיך טרעפֿן ווינטער אַמאָל — אונטן איז די ערד פֿאַרדעקט מיט אַ זילבער־נעץ פֿון פֿרעסטל־טויען; עס

איז קאַלט; דאָ און דאָרט שיסט אויס אַ בוים אַ קאַלטן פּוסטן שאָס און מאַכט ציטערן די פאַרגליווערטע לופט; אויבן איז אַ טומל, אַ רעש, פּונקט ווי גאַנצע חילות וואָלטן דאָרט איבער די שפּיצן אויף רייטוועגענער אַרומגעפאָרן. הערט זיך צו דאָס וואַסער צו דער זאַווירוכע אויבן, הייבט אַרויף זיינע שוואַרצע, אומרויִקע אויגן, און וויל עפּעס, און פרעגט עפּעס, און פּלוצלונג — אַ הייפן קלאָר-ווייסער שניי פליט געשווינד אַראָפּ אין דער נידער אַזוי ווי אַן אומגעריכטער, אַ פריילעכער גאַסט, ווערט צעפלויגן אין אַ גאַנצן זייל פון זילבער-שטויבלעך, וואָס וואַרפן זיך, איינע די אַנדערע איבעריאָגנדיק, געשיקט און שטיפעריש אין טייכל אַריין, און דערציילן איינע די אַנדערע איבערהאַקנדיק:

— אין לויטער ווייסן, לויטער זילבער פּוצן זיך די קעפּ פון די ביימער, און זיי בלאַנקען קאַלט און רויִק, שטאָלץ און רויִק קעגן דעם פאַרגליווערטן בלייערנעם הימל-געוועלב, העלער פונם הימל, לויטערער פונם הימל, און זיי חלומען דעם ווייסן ווינטער-חלום. און עס שטורעמען ווינטן, שטורעמווינטן, און עס פאַלן שנייען פון די הימלישע אוצרות און זיי בלישטשען אין די שטראַלן פון דער זון און שפּילן זיך אין די שענסטע פאַרבן-שפּילן. אַ שאָקל גיט אונז אַ פייגל פונם צווייגל, און מיר פאַלן אין דער נידער און צעפאַלען אין דער פינצטער, און מיר גייען אין פאַרגייען, ווי אַ חלום, ווי אַ שוים.

און עס פלעגט זיך טרעפן אין פרילינג אַמאָל — עס פאַלן גרינע שוואַכע בלעטעלעך פון די ביימער דורך די אומבאַקענטע פינצטערניש, פאַלן אַריין אין די פּעך-שוואַרצע כוועליעלעך, ווערן צענייפגעשרומפּן פון קעלט און גיפטיקן וואַסער-אָטעם, און שעפּטשען פלאַטערנדיקע, פאַרחלשטע:

— אויבן שווימט די זון אין איר גאָלדענער שיף און עס שווימען וואָלקן-קאַראַוואַנעס, אָנגעלאָדענע מיט זילבער-העלן הימל-פּראַכט, און ווינטלעך גלעטן דעם סאַמעט פון די בלעטלעך און דערציילן וואונדערלעכע מזרח-מעשיות אין די שפּיצן פון די ביימער, און אַ גאַנצן טאָג באָדן זיך די גרינע ביימער-קעפּ אין אַ ים פון בלויע הימל-וועלן, באַשפּריצטע מיט גאָלדענעם שטראַלן-

שרים. אַ פֿרילינגס־געוויטער האָט זיך דורכגעטראָגן דורכן וואַלד, האָט ער אונז פֿונס צווייגל אָפּגעריסן און מיר שטאַרבן, און מיר שטאַרבן...

אין האַרבסט פֿליען אָפּטער אין די געדיכטער פֿאַלן בלעטלעך, און זיי פֿליען זיין געלבע, פֿאַרוויאַלעטע, גאַנצע מחנות פֿליען זיי אַראָפּפֿאַלן, ווי טויטע געלבע שמעטערלינגען, איפּן טייכל, און פֿליען ווידער דערציילן, און ווידער דאָסזעלבע, אָבער אַנדערש פֿלעגט עס בײַ זיי קלינגען, רויִקער און שטילער פֿלעגט עס קלינגען:

— געטרונקען האָבן מיר דעם בעכער פֿון ליכט און וואַרעמקייט, אויסגעטרונקען דעם בעכער ביזן דעק, און שיכּור זיינען מיר געוואָרן פֿון שמעקעדיקע זאַפֿטן און פֿרישע ריחות. די זון האָט אונז מיט אירע ברענענדיקע לײדנשאַפֿטלעכע ליפּן געקושט, און מיר פֿאַרגייען אינם קושן, און מיר שטאַרבן, און מיר שטאַרבן...

און די פֿייגל, וואָס פֿליען זיך אַראָפּלאָזן אָנטרינקען זיך צום טייכל, פֿליען צווישן זיך עפּעס ריידן, עפּעס דערציילן, מונטער און לעבעדיק, זינ̇יק און טאַנצנדיק, און באַלד פֿליען זיי ווידער געבן אַ פֿלאַטער און צוריק אויפֿהייבן זיך אין דער הויך, און מיט זיי צוזאַמען פֿליעט דער סוד פֿון דער זון ווערן ווידער פֿאַרוויט און פֿאַרשוואונדן, פֿאַרוויט און פֿאַרפֿלויגן, אַזוי ווי אַ מעשׂהלע, אַזוי ווי זעונג.

און בײַ יעדן אַראָפּגעפֿאַלענעם בלעטל, בײַ יעדן ני־געקומענעם פֿייגל, פֿלעגט דאָס טייכל אַ ציטער טון מיט אַלע זיינע וואַכערלעך פֿונ'ם פֿלאַך ביז דער טיף, פֿון פֿון דער טיף ביזן פֿלאַך, — און וואָס אַמאָל איז אַלץ גרעסער און פֿאַריאושטער געוואָרן דאָס בענקעניש, וואָס דאָס טייכל האָט אין דער טיפֿעניש פֿון זיינע וואַסערן געטראָגן. —

דאָס טייכל האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן די זון ניט געזען.

---

טעג זיינען געגאַנגען, וואָכן האָבן זיך איף וואָכן געביטן, און אַלע זיינען זיי דיזעלבע בין־השמשותדיקע געווען. האָט זיך איינמאָל אין אַ נעפּלדיקן פֿרימאָרגן גאָר אומגעריכט דורכ=

געטראָגן אַ טעמפּער קלאַפּ אין דער לופֿטן און האָט שטום אָפּגעהילכט אין גאַנצן וואַלד פֿון עק ביז עק, און דער גאַנצער וואַלד האָט פּלוצלונג ווי פֿון אַ שלעכטן פֿאַרגעפֿיל געגעבן אַ ציטער. אָבער דער ערשטער קלאַפּ האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו פֿאַרקלינגען, ווי עס האָט זיך דורכגעטראָגן אַ צווייטער קלאַפּ, אַ דריטער און אַ פֿערטער, און וואָס ווייטער זיינען די קלעפּ געוואָרן אַלץ פֿעסטער און זיכערער — און באַלד איז ערגעץ אין דער אומגעגנט מיט אַ הודושעריי און פּיפּערײַ אַנידערגעפֿאַלן אַ בוים אויף דער ערד...

און וואָס ווייטער זיינען אַלץ פֿלייסיקער געוואָרן די קלעפּ, און ערגעץ זיינען ביימער אַלץ אָפֿטער געפֿאַלן און אַ גאַנצן טאָג האָט אין וואַלד שטאָל און אייזן געקלונגען, שטאָל און אייזן האָט דעם וואַלד פֿאַרקלונגען.

די פֿייגל פֿלעגן נאָך ווי פֿריער קומען טרינקען צום טײַכל, און חיות פֿלעגן קומען, אָבער אומרויִק פֿלעגט זיין זייער קומען, און נאָך אומרויִקער זייער אַוועקגיין — —

און דאָס טײַכל האָט מיט פֿאַרוואונדערונג און געהיימע פּלאָטערניש געהערט, ווי די קלעפּ ווערן אַלץ אָפֿטער און נאָענטער, הערן זיך שוין פֿון עטלעכע זײַטן, און דאָס פּלאָטערנדיק, אומרויִק־אָנגעשטרענגט טײַכל האָט באַמערקט און ניט באַמערקט, אַז עפּעס ווערט ווי ווייסער אין וואַלד, ווי העלער... וואָס זאָל דאָס באַדייטן? און עס ווילט זיך אים גלייבן, און עס קאָן זיך ניט גלייבן, אַז דאָס ווערט ענדלעך זיין לאַנג־געהאָפֿטער חלום אויסגעהאַפּט?

... האַק־הוק! האַק־היק! האָט איינמאָל אַ פֿרימאָרגן דאָס שלומערנדיקע טײַכל סאַמע איבער זיינע וועלעכלעך דאָס קלאַפּן דערהערט און האָט זיך אַ ציטערטעס פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט. עס עפֿנט דאָרשטיק זיינע שוואַרצע, טיפֿע אויגן פֿונאַנדער: די אומבאַקאַנטע געסט זיינען שוין האַרט לעבן טײַכל געווען. און רויטע העמדלעך, מיט הויכע בלישטשענדיקע שטיוול, מיט ברייטע בערד, אַזוי ווי די לאָפּעטעס, האָבן זיי מיט זיכערע באַוועגונגען אַרויף און אַראָפּ זייערע קרומע העק געהויבן — האַק־הוק! האַק־היק!

אין די בײמער אַרום טײכל האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן אײנס נאָכן אַנדערן און מיט יעדן נײעם אױסגעהאַקטן בױם, האָט דאָס טײכל באַמערקט, הײבן אָן די נעפּלען צעשװימען, די שאָטנס צעלײפֿן זיך, עס װערט ליכטיקער און העלער. האַק־הוק! האַק־הוק! אַ בױם נאָך אַ בױם — יאָ, דאָס איז ער, דער טאָג, װאָס האָט אַזױ לאַנג דאָרט אױבן, אין די קעפּ פֿון די בײמער פֿאַרבראַכט און ענדלעך האָט ער מיט זײַנע ליכטיקע ברײט־געעפֿנטע אױגן גלײַך אַרײַנגעקוקט אין די שװאַרצע פֿינצטערע אױגן פֿונם טײכל, און דאָס װאַסערדיקע האַרץ פֿונם טײכל האָט גענומען צאַפּלען, צאַפּלען... עס פֿאַלט נאָך אַ בױם און נאָך אײנער, און דאָס טײכל װערט מיט אײנמאָל פֿאַרבלענדט פֿון אַ גאַנצער כװאַליע גאָלדענע שטראַלן. די זון! די זון! האָט דאָס טײכל אַ פּלאַטער געגעבן פֿון פֿלאַך ביז דער טיף, און האָט ברײט פֿאַר דער זון זײַנע װאַסערדיקע אָרעמס פֿונאַנדערגעעפֿנט.

און די זון, װאָס האָט זיך מיט אַ פֿאַרפֿירערישן שמײכל איבער די באַגאָלדעטע װאַסערלעך אַראָפּגעלאָזט, האָט זיך שטיפֿעריש איפֿן גרונט אַ נורע געטאָן, און איז, אַ דערפֿרישטע, אַ צעפֿלאַמטע, אין די שלאַנקע װאַסער־אָרעמס געבליבן ליגן.

דאַמאָלסט איז אָנהײב פֿרילינג געװעזן.

אַזױ װי עס עפֿנט ברײט פֿונאַנדער זײַנע אױגן דער בלינדער, װאָס איז פּלוצלינג זעענדיק געװאָרן, כּדי אַרײַנצוזאַפּן אין זיך װאָס מער שטראַלן, אַזױ האָט זיך דאָס טײכל מיט אַלע זײַנע װאַסער־גלידער פֿאַר דער זון פֿונאַנדערגעעפֿנט. און אומגײַגנט האָבן די שנײען שנעל גענומען אָפּראַמען אַ װעג פֿאַרן פֿרילינג. זײַנען װי פֿלינקע בשׂורה־ברענגער פֿון אַלע זײַטן שטראָמענװײַז געלאָפֿן און שפּילנדיק און שאַלנדיק האָבן זײ זיך מיט לידער־כאָרן אין טײכל אַרײַנגעגאָסן, און װאָס אַמאָל איז דאָס טײכל געװאָרן אַלץ פֿולער און פֿרײלעכער און שטיפֿנדיקער און האָט זיך איבער די ברעגעס געהױבן, אַזױ װי עס װאָלט זיך װעלן פֿון די ברעגעס אַרױסרײַסן און ערגעץ צוזאַמען מיט זײַן פֿרײד פֿאַרשװימען. די אַרבעט פֿון די האָלצהעקער איז שױן לאַנג צו ענדע געװעזן. אַרום האָט זיך געליכטיקט אַ גרױס לײדיק פּלאַץ, און דאָס

טײַכל האָט געזען איפֿן װאָר די אַלע מעשׂהלעך, װאָס די פֿאַלנדיקע בלעטלעך און פֿליענדיקע פֿײגל פֿלעגן אים אָנדערציילן יאָר־אײַן, יאָר־אױס, און עס האָט געהאַלטן אין די אָרעמס די זון פֿון אױפֿגאַנג ביז אונטערגאַנג, און בײַ דער הײסער ברוסט פֿון דער זון פֿלעגט עס װאַרעמען זײַנע אײַזקאַלטע װאַסערלעך. און הױך נאַכט פֿלעגט עס מיט אומגעדולד װאַרטן, ביז די זון פֿלעגט זיך װידער אומקערן און איפֿן טײַכל אירע בליקן װאַרפֿן. אָבער װאַרטן פֿלעגט אים יעדן מאָל איבעקומען אַלץ װײניקער: די נעכט זײַנען געװאָרן קירצער, די טעג לענגער און די זון — האַרציקער און הײסער, האַרציקער און לײדנשאַפֿטלעכער. די שטראָמען פֿון אַרום זײַנען שױן לאַנג אַראָפּגעגאָסן געװאָרן, דאָס טײַכל איז אין די ברעגעס אַרײַן און די װאַסערלעך זײַנען געװאָרן אַלץ װאַרעמער און װאַרעמער, און האָבן זיך בלאַטערנדיקע אַרױף צו די הימלען, אין געשטאַלט פֿון קײַם באַמערקבאַרע װאַסער־שטײַבלעך געצױגן. —

דער זומער האָט װאָס װײַטער אַלץ זיכערער זײַנע טריט אױף בערג און טאָלן געשטעלט.

---

דאַן האָט זיך אַרום טײַכל אַ נײַ לעבן אָנגעהױבן. שטאָט די מענטשן מיט די רױטע העמדלעך און קורלאַטע בערד, װאָס האָבן פֿריער דעם װאַלד געהאַקט, זײַנען געקומען אַנדערע אין שװאַרצע לײַװנטענע העמדער מיט באָרװעסע פֿאַרשמירטע פֿיס און האָבן זיך צום אָפּגערײניקטן פּלאַץ אױף זײער איפֿן גענומען. אַפֿריער האָבן זײ די װאָרצלען אַרױסגעצױגן פֿון דער אָפּגעטריקנטער ערד, קינדער האָבן זײ אין שײַטערהײַפֿנס צונױפֿגעטראָגן און אַװעקגעלאָזט מיטן רױך, און אַז די יונגערע זײַנען מיט דער אַרבעט געװאָרן פֿאַרטיק, זײַנען װידער געקומען די עלטערע, דאָס מאָל שױן מיט פֿערד און װאָגן, און האָבן מיט זיך אָנגעפֿירט גאַנצע װעגן געצײַג מיט שטעכעדיקע שפּיצן און בלאַנקענדיקע שאַרפֿן. און דאַן האָבן זײ גענומען צוגרײטן די ערד צו אַ נײַעם, פֿרוכט־באַרן לעבן. לאַנגע, שװאַרצע באַראָזנעס האָבן זיך פֿון אײן עק פֿעלד ביזן צװײטן געצױגן, און איבער די באַראָזנעס זײַנען שװאַרצע

ראָבּן מיט האַלקעס אױסגעשפּרונגען, האָבּן אין די בּראָזנעס חיונה געזוכט. און אַז די ערד האָט דעם געהעריקן פּנים בּאַקומען, איז אַרױס אײנער מיט אַ קערבּל איבּערן אַקסל אַריבּערגעװאָרפן, האָט זיך בּײם טײכל אַװעקגעשטעלט, האָט די אױגן צום הימל איבּערגעהױבּן און האָט אַ תּפילה געזאָגט. דערנאָך האָט ער זיך צום זײען גענומען. אָבּער נאָך אײדער די פּאַרװײטע תּבואות זײנען איבּערגעגאַנגען, זײנען שױן די בּרעגן פון טײכל לאַנג בּאַדעקט געװעזן מיט אַ צודעק פון פאַרשײדנפאַרבּיקע בּלימלעך: געלע, בּלױע, װײסע, און האָבּן אײנס צו די אַנדערע מיט אַ קינדערשן שמײכל געשמײכלט. און דאָס טײכל האָט אַן אױסזען פון אַן אױסגעצירטער כּלה בּאַקומען, און האָט זיך געטוליעט צו די זון־בּאַשטראַלטע בּרעגן, און זײנע לײדנשאַפטלעכע כװאַליעס זײנען אומערמידלעך צו דער זון געװען אױסגעשטרעקט. װי פריער פלעגן פײגל קומען זיך אָנטרינקען צום טײכל, אָבּער זײ פלעגן שױן קײן נײע בּשׂורות פאַרן טײכל ניט בּרענגען, און דאָס טײכל פלעגט זײ כּמעט ניט בּאַמערקן. און אין די הײסטיקע זומער־אָװנטן פלעגן מענטשן קומען צום טײכל, פלעגן עפּעס רײדן, און עפּעס פאַרקלערן זיך, אָבּער דאָס טײכל פלעגט זײ כּמעט ניט בּאַמערקן. מיט אַ שטילן ליד פלעגט דאָס טײכל בּאַגעגענען די זון אינדערפרי, מיט אַ שטילן ליד פלעגט זיך עס זעגענען מיט דער זון אין אָװנט, און אַ גאַנצן טאָג פלעגט זיך עס מיט זײנע לופטיקע װאַסער־אָרעמס צום הימל ציען, אַזױ װי מיט פינגער פלעגט זיך עס ציען, אַזױ װי אױף פליגלען פלעגט עס שװעבּן, און דינע װאַסער־שטײבּלעך האָבּן זיך, שיכורע פון ליכט און שטראַלן, לאַנגזאַם און זיכער, לאַנגזאַם און שטראַלנדיק, צו די הימלען געצױגן.

און די פאַסטוכער, װאָס פלעגן בּרענגען צוטרײבּן דײערע שעפּן אָנטרינקען זיך צום טײכל, פלעגן זיך יעדעס מאָל מיט פאַרטראַכטע בּליקן אַרומקוקן און פלעגן טרױעריק בּאַמערקן:

— דאָס טײכעלע דאַרט.

און די פאַרבּײלױפנדיקע פײגל פלעגן מיט אַ שטילן װײטאָג בּאַמערקן:

— דאָס טײכעלע גיסעט.

און עס פֿלעגט ווערן נאַכט און ווידער טאָג, און די גסיסה איז געווען אַ ליכטיקע, אַ שטראַלנדיקע, און די וואַרעמע ווינטלעך פֿלעגן יעדן מאָל פֿאַרטראָגן אין זייערע אָרעמס גאַנצע כוואַליעס באַפֿליגלטן וואַסער-שטויב, וואָס פֿלעגן פֿאַרגיין אין די קישן פֿון דער פֿלאַם-פֿייערדיקער זון. און יעדן מאָל, ווען די זון פֿלעגט אַרויסגיין אינדערפֿרי אויפֿן הימל, פֿלעגט זי געפֿינען, עס הייבט זיך אין דער הייך, און געשטאַלט פֿון אַ ווייס-גרויען נעפּל דער וואַרעמער וואַסער-אָטעם, וואָס דאָס טייכל האָט דורך דער נאַכט אַרויסגעהויכט —

עס זיינען געשטאַנען די הייסטע זומער-טעג איבער דעם אויסגעהאַקטן וואַלד.

און אַז די פֿאַסטעכער האָבן איינמאָל אַ פֿרימאָרגן ווידער זייערע שעפּסן צום טייכל געבראַכט, האָבן זיי דאָס בעט פֿונם טייכל אַ ליידיקס געפֿונען. און דער לופֿטן האָט זיך נאָך די פֿאַרגייענדיקע נשמה פֿונם טייכל אין דעם געשטאַלט פֿון אַ לייכט פֿלאַטערנדיק וואָלקנדל צום הימל געצויגן.

דאָס טייכל איז אין די ליכטיקע הייכן פֿאַרשוווּנדן.

---

# פרוי אָדער מענטש.

אַז ער האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען, האָט דאָס האַרץ אין אים געגעבן אַ פלאַטער, און ער האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— דו האָסט אַזעלכע שוואַרצע טיפע אויגן, אַז פון ערשטן בליק דיינעם האָט דאָס האַרץ אין מיר געגעבן אַ פלאַטער, ווי אַ בלעטל אין די אָרעמס פון אַ שטורעם־ווינט.

— אַזוינס האָב איך שוין ניט איינמאָל געהערט — האָט זי געענטפערט: — ווען דו זאָגסט מיר עפּעס אינטערעסאַנטערס...

האָט ער זיך פאַרטראַכט אויף אַ רגע און געזאָגט:

— איך האָב אַ זוך געטון אין דער טיפעניש פון מיין האַרצן, און האָב מער קיין זאַך ניט געפונען. איז עס דען ווייניק אויפן ערשטן מאָל?

— אויפן ערשטן מאָל איז עס צופיל — האָט זי אַ שמייכל געטון, און האָט זיך מיט אים צעזעגנט.

און אַז ער האָט זי דעם צווייטן מאָל געטראָפן, האָט ער צו איר געזאָגט:

— איך האָב געבענקט נאָך דיינע שוואַרצע טיפע אויגן, אַזוי ווי דער טאָג בענקט נאָך דער נאַכט.

— מערקווירדיק — האָט זי געענטפערט. — דאָס אַ סך מאָל געהערטע קלינגט אויף דיינע ליפּן עפּעס אַנדערש, עפּעס נייער... דיין שטימע ציטערט...

— דאָס ציטערט אַ סטרונע אין מיין האַרצן, ליבסטע... דיין בליק האָט איר אין באַוועגונג געבראַכט.

— ניט אַנדערש דו ביסט אַ דיכטער — האָט זי געשמייכלט, און איר בליק איז געווען אַזוי טיף און דורכדרינגענדיק־קלוג.

— כל זמן איך מעסט מיט מיינע אויגן די טיפעניש פון דיינע, איז עס ריכטיק, שיינע.

— דאַן ווערט עס אינטערעסאַנטער — האָט זי געענטפערט און האָט אים געבעטן צו באַזוכן איר אין איר צימער.

— צום באַדייערן, ביסטו קלוג — האָט דער דיכטער געלאַכט: — און אַזעלכע יונגע יאָרן...

— צום באַדייערן פון דיכטער — האָט זי געענטפערט.

און דער דיכטער איז אַוועק אַ פאַרטראַכטער: און קאָפּ האָט זיך ביי אים צוזאַמענגעשטעלט אַ ליד.

---

אַז דער דיכטער איז צו איר געקומען, האָט ער זי געטראָפן, זיצנדיק איבער ביכער, דאָס קעפּל פילבאַדייטנדיק אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט.

— אַזוי אומגעפער האָב איך זיך אייך טאַקע פאָרגעשטעלט — האָט ער געזאָגט: — איר זאַמלט קלוגשאַפט פון ביכער, ווי אַ בין האָניק פון בלומען.

— אָ, איך ווייס — האָט זי געענטפערט: — דיכטער פאַרשטייען נאָר די קונסט.

— און דאָס לעבן! האָט ער צוגעגעבן.

— און דאָס לעבן? — האָט זי זיך פאַרטראַכט.

— איצט גיט מיר אייער האַנט — האָט ער צו איר אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט.

— נאַט אייך מיין האַנט.

— איצט די ליפּן.

— וואָס מיינט איר מיט דעם?

— גאַנץ איינפאַך... — האָט ער געשמייכלט.

— ניין, דיכטער — האָט זי אויסגעשריען: — דאָס איז ניט אַזוי איינפאַך! איך בין קליגער, איידער איר מיינט. איך בין ניט קיין שפּילעכל.

— און איך וואָלט געוועזן גליקלעך, ווען איר מאַכט מיר פאַר אייערן אַ שפּילעכל.

— גוט, איר וועט עס ביי מיר ווערן.

— אָ, איך דאַנק אייך! האָט ער זי גענומען פאַר די קליינע הענטלעך און האָט צוגעבויגן איר קאָפּ צו זיינע ליפּן.

— דאָקטער, איר ברויכט געוואַלד!

— שיינע, קעגן פרייען מיז מען ברויכן שטאַרק געוואַלד: קעגן נאַטירלעכערע — ווייניקער, קעגן קליגערע — מער. איר זיינט ניט איינשטימיק?

— דאָקטער, איך בין ניט אַיינשטימיק! האָט זי אויסגעשריען און אירע אויגן האָבן אויפגעפלאַקערט מיט כעס.

— איצט זיינט איר מערער פרוי, ווי שטענדיק — האָט ער געזאָגט אַוועקגייענדיק.

— איך בין שטענדיק מערער מענטש, איידער פרוי — האָט זי אים אַרויסבאַגלייט און האָט זיך ווידער אַריינגעטון אין די ביכער.

---

דערנאָך האָבן זיי זיך אַמאָל אומדערוואַרט געטראָפן ביים ים. אין אַ לבנה־נאַכט. זי איז געזעסן אַליין אויף אַ פעלזן. ער האָט איר דערקענט און איז צוגעגאַנגען.

— איר וועט דערלויבן? — האָט ער געפרעגט.

— אַדרבא — האָט זי געענטפערט: — זעצט אַייך!

— איינע אַליין, ביים ים... — האָט ער געזאָגט: — וואָס איז עס, קונסט אָדער וויסנשאַפט?

— איך האָב געלייענט אַייערע לידער — האָט זי ניט געענטפערט אויף זיין פראַגע: — זיי געפעלן מיר.

— און איך... איך געפעל אַייך? דאָס אינטערעסירט מיך מערער.

— דערלויבט מיר איצט ניט צו ענטפערן אויף אַייער פראַגע.

— אינם נאָמען פון פרילינג, פון ים, אינם נאָמען פונם קוש, וואָס איך האָב אַייך דאַמאָלסט געקושט, זאָגט, אַז יאָ! איר זעט, אַז אין אַייער געגנוואַרט ווער איך געשטימט אויפן לייכטזיניקסטן אופן...

זי האָט זיך צעלאַכט, ווי אַ קינד, וואָס מען האָט אים אַ אינטערעסאַנטע נאַיִוויטעט געזאָגט, און האָט געענטפערט:

— אינם נאָמען פון דעם אַלעמען זאָג איך אַייך, אַז ניין.

— אָ, ליבע, די לייגנט, ווי אַ פרוי...

— איך זע פֿון אײַערע לידער — אין זי האָט אים באַוויזן אויבן ביכל — אַז איר זײַנט גאָר ניט אַזוי אָפּגערפּלעכלעך, ווי איר ווילט זיך פֿאָרשטעלן. פֿאַרוואָס באַציט איר זיך אַזוי לײַכט צו דער כאַמע ערנסטער פֿראַגע פֿון לעבן — צו דער ליבע? רעדט מיט מיר ווי מיט אַ מענטש, ניט ווי מיט אַ מיידל...

— זעכט, — האָט ער זיך אָפּגערופֿן: — ווי דער ים הייבט זיך אָן ליכטיק צו כוואַליען אונטער די שטראַלן פֿון דער לבֿנה. אַזוי הייבט זיך אָן אין מיר דאָס האַרץ צו כוואַליען אין דער געגנוואַרט פֿון דער יוגנט. די יוגנט שטראַלט... לײַכט און וואַרעמט....

— בין איך נאָר אַ צופֿאַל?

— פּונקט ווי זשוליע בײַ ראָמעאָן..

האָט זי זיך ווידער פֿאַרטראַכט אויף אַ רגע.

ער האָט זיך פֿאַרקוקט אין דער ווייט אַרײַן: אין קאָפּ האָט זיך בײַ אים צוזאַמענגעשטעלט אַ ליד.

אַז זי האָט זיך צו אים אין אַ פּאָר מינוט אַ קער געטון, האָט זי געזאָגט:

— איר טראַכט אײַך, ווי איך זע. —

און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט זיך ענדלעך פֿון אים נקמה דערוואַרט.

— איך טראַכט נאָר וועגן אײַך — האָט ער זיך באַלד אַרויסגעשלאָגן פֿון די געדאַנקען.

— אָ, דיכטער, איר מיינט, אַז אײַערע געדאַנקען זײַנען צו הויך פֿאַר אַ פֿרוי... איר ווילט אײַער גײַסט מיט אַ פֿרוי ניט טיילן! זײַנט זיך מודה.

— איך בין זיך מודה — האָט דער דיכטער ערנסט געענטפֿערט און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

---

און אַ לעצטן מאָל האָבן זיי זיך אויפֿן וואָקזאַל באַגעגנט: זי איז אָפּגעפֿאָרן.

— איר זײַנט אַ געפֿערלעכער מענטש — האָט זי אים אָפּגעשטעלט: — קיינמאָל זיך ניט צו באַווײַזן! איך האָב דאָך געבענקט נאָך אײַך.

פון אומדערוואַרטקייט האָט ער ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט:

— איר זיינט דאָך אַ קלוגע, אמת? בלייבט אויף איין מינוט. מיר וועלן גיין צום ים, דאָרט, וואו איר האָט אַמאָל אַזוי פיל געטראַכט.

— ניין, האָט זי פּעמט געענטפערט: — איך מוז פאָרן.

— אָ, — האָט ער געלאַכט: — איר זיינט נאָך צופיל מענטש און צו ווייניק פרוי. איך אַכט אייך זייער.

— וואָס? — האָט זי שטרענג געפרעגט.

און אַז ער האָט געשוויגן, האָט זי צוגעגעבן:

— איר האָט פאַרזייט אין מיר דעם צווייפל, דאָקטאָר! זייט געזונט.

דער דאָקטער איז אַוועקגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער: און קאָם האָט זיך ביי אים צוזאַמענגעשטעלט אַ ליד.

# דער שפּיאָן.

אַזוי ווי אַ סטאַדע צונויפגעשפּאַרט, זיינען געזעסן אין קאַזעמאַט נומער 3 ביז פופציק מאַן, צונויפגענומענע פון די גאַסן און די פינסטערע נעכט. דאָרט זיינען געווען קעשענע־גנבים, „לאַטקעס“, גרויסע גנבים, וואָס אַרבעטן אויף שלעסער, באַנדיטן און פּאָליטישע, איבערהויפּט פּאָליטישע, יידן און קריסטן, איבערהויפּט יונגוואַרג. אַלע טאָג, פּונקט עלף דעם זייגער, פלעגן קומען נייע סאָלדאַטן, פלעגן איבערנעמען דעם קאַראַאול מיט אַ געוויסער צאָל טירן, שלעסער, מענטשן, פענסטער און אַפילו שויבן — קיין זאַך האָט ניט געטאָרט פעלן. די מענטשן פלעגט מען יעדן מאָל אַדורכיאָגן אין די קאָרידאָרן און אויסציילן, איינקוקן זיך אין פּאַפּיר — דער חשבון שטימט — פלעגט מען זיי צוריק אַריינשטויסן אין קאַזעמאַט און ווידער פאַרשליסן — קודם כּל איז געווען אָרדענונג. דערנאָך פלעגט מען צושטעלן נייע סאָלדאַטן ביי יעדער קראַטע, און די קאַזעמאַטן פלעגן באַקומען נייע באַלעבאַטים אויף 42 שעה— אַלע 24 שעה פלעגן זיך ביטן די קאַראַאולן.

עס איז נאָך אַרום האַלבן טאָג, אָבער אין קאַזעמאַט איז שוין פינסטער. דריי בלינדע נאַסע ווענט, איינגעמויערטע אין דער ערד, און קיין פּאָדלאָגע איז ניטאָ, נאָר אַ ליימענער גריבעדיקער טאָק, אַזוי ווי אין אַ שייער, וואו מען דרעשט תבואה, און אַז מען שטייט אויף אים אַ ווילע, הייבט אָן ציען אין די פיס, און אין די נאַסע וועטער, אין האַרבסט און אין פרילינג, רינט פון די ווענט; די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט נאַסקייט, וואָס כאַפּט אַרום דעם מענטשן, אַזוי ווי אַ ווייבע, אַ קאַלטע, אַ גליטשיקע באַשעפעניש מיט טויזנטער לאַפּעס, און דרינגט אַריין ביז אונטער די בגדים, ביז אונטערן העמד, און עסט זיך אַריין טיף אין קערפּער, דרינגט אַריין אין די לונגען, און עס איז שווער

צו אָטעמען, און עס איז שווער צו ריידן; און אַז מען רעדט אַ־יס אַ וואָרט, דערקענט מען ניט דעם אייגענעם קול, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז עפּעס אַן אָפּקלאַנג פון אַ געשריי פון אַזאַ איינעם, וואָס גייט אונטער ערגעץ ווייט, אין אַ געדיכטן נעפּל, און עס איז קיין רעטער ניטאָ, און קיין רעטונג... די פערטע וואַנט פאַרבייט אַ הילצערנע קראַטע, פון אויבן ביז אַראָפּ קראַטע, אַ הייכע, אַ ברייטע, אַזוי ווי אַ טויער, אַן אומגעלומפּערטע, און עס האָט אַן אייזערן פון אַ סטאַדאָלע אויף אַ גרויסן גאָסטעניץ, וואו די דורכפאָרער שטעלן צונויף אויף נאַכט די וועגענער זייערע. און דאָרט הינטער דער קראַטע שטייט טאָג און נאַכט אַ טשאַסאָוואָי. דער שיין, וואָס כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אַזוי ווי אַ גנב אין קאַזעמאַט, איז ניט אַ גלייכער, פון גאָטס ליכטיקער זון אַ געבראַכטער, נאָר אַן אויסגעניצטער, אַן אָפּגעשלאָגענער פון דער קעגנאיבערדיקער וואַנט, אַזוי ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא. ער קומט נאָר אַזוי ווי אויף צו להכעיס, מאַכט עטוואָס בלייכער דעם בינהשמשות און גיט אַ ביטערן שמייכל:

„זעט, ווי פינסטער ביי אייך איז, ווי שמוציק ביי אייך איז“...

פּאַזע די ווענט, אויף די שמוציקע נאַרעס, וואו עס וואַלגערן זיך הייפלעך אויסגעדראָשענע, אויף שטויב צעריבענע, ערטערווייז צעפּילטע שטרוי, זעען זיך באַוועגלעכע שאָטנס, אַ סך שאָטנס. איינער ליגט צוגעדעקט מיט זיין איבער־בגד און קרעכצט פון צייט צו צייט — ער איז קראַנק, און דער דאָקטאָר וועט קומען ערשט מאָרגן, ערשט איבערמאָרגן, ווען עס וועט אים איינפאַלן, און אַז ער וועט שוין קומען, וועט ער אים אין לאַזאַרעט געוויס ניט פאַרשרייבן — אויף דעם איז ער נאָך צופיל ווייט פון טויט —... דעריבער האַלט דער קראַנקער פאַרביסן די ליפּן, דאָס האַרץ איז פאַרשטיינערט, ער וואַרט אויף גאָרנישט... נאָר צייטנווייז, אַז דער ווייטאָג דערנעמט שוין צופיל, לאָזט ער אַרויס אַ קרעכץ, אַזוי זיך, אין דער וועלט אַריין, אָן אַ זין און אָן אַ ציל.... עטוואָס ווייטער זיצט אַ קופּקע מענטשן אין אַ קרייזל, און מען שפּילט אין קאָרטן — אין קאָרט שפּילן איז שטרענג פאַרבאָטן, און אין גאָט ווייסט, ווי אַזוי די קאָרטן זיינען אַהער אַריינגעקומען — זיי

זיינען אַזעלכע איסגעניצטע, אָפּגעריבענע, און דאָך שפּילט מען, אַבי די צייט צו פאַרטרייבן, און ווער ווייסט, ווי אַזוי מען דערקענט די קאָרטן, ווי אַזוי מען קליגט זיך אָנצוזאָגן צוואַנציק און פערציק, צו ציילן און דער זעלבער צייט און זאָגן: „גענוג, איך האָב שוין"...

עטוואָס ווייטער זיצט עפּעס אַ לאַטעק, אַ גנבל, וואָס איז איך אַריינגעפאַלן און אַלגעמיינעם טומל, זיצט אַ ה׳י׳ער ביי העלפט און פּאָרעט זיך מיט עפּעס אַ בגד, וואָס מען קען ניט אונטערשיידן פון דער אַרומיקער חושכניש. סאַמע ביי די קראַטן זיצט איינער און ברילן און האַלט און האַנט אַ שטיקל צעריבענע צייטונג, וועלכע איז על־פּי נס אַהער אַריינגעפאַלן, און מען ווייסט ניט, פון ווען עס איז. עס איז אָפּגעדרוקט אויף אים אַ פּאָר שטיקלעך אָרטיקעל כראָניק, ווער ווייסט פון וועלכער שטאָט. אָבער דער און די ברילן בלענדט זיך די אייגן און לעזט עס מיט אינטערעס — שוין לאַנג אַ געדרוקט וואָרט ניט געהאַלטן און האַנט.

— חברה, שפּילן מיר און פּאַטשעניש — לייגט פאָר איינער אַ יונגער קריסט, אַ הייכער, אַ געזונטער, מיט ברייטע פּלייצעס.

— שפּילן מיר — ענטפערט איינער אַן עלטערער, מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט שוואַרצע קאָלטענעוואַטע האָר — ווער ווייסט, אַ ייד צי אַ ציגיינער — און באַלד פּאָרט זיך די פינסטערניש פונאַנדער אויף צוויי זייטן, און עס שווימען אַרויס אויפן בלייכן פלעק, ניט ווייט פון דער קראַטע, אַ גאַנצע חברה גרעסערע און קלענערע, איינער זעצט זיך אַוועק, נאָך איינער לייגט צו אים אויף די קני אַוועק דעם קאָפּ, אַלע שטעלן זיך אַרום אין אַ רעדל, און עס לאָזט זיך הערן אַ קלינגענדיקער פּאַטש.

— העלדיש! כאַפּט אונטער חברה לעבעדיק.

— שוין? — פרעגט תמעוואַטע דער לאָבוס.

— שוין, שוין! פאַרזיכערט מען אים: הייב זיך!

— גאָר נישט געהערט! — זאָגט ער קאַלטבלוטיק, הייבט זיך אויף און באַקוקט די אַרומיקע מיט אַ שאַרפן בליק.

— דו — ווייזט יער אויף איינעם, וואָס איז געווען באַרימט
אַלס שאַרפֿער פּאַטשער.
אויב ער טרעפֿט, ליגט זיך יענער, אויב ניט, ליגט זיך
דערזועלביקער ווידער און ווידער.
חברה טוט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אַריין אין דעם האַלב־
ווילדן משוגעהדיקן, ספּעציעלן טירמע־שפּיל — עס ווערט אַ טומל,
אַ ליאַרעם, עס צעשפּילן זיך די אינסטינקטן. מען פֿאַרגעסט זיך,
וואו מען איז.
— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טומל! — קומט צו לויפֿן דער
אָפֿיציר מיט שוים אויפֿן מויל: צעגייט זיך, וואָרעם באַלד...
און אין הרף עין צעלויפֿן זיך אַלע אין די ווינקעלעך, פֿון
די קאָרטן אויף דער הינטערשטער נאַרע איז שוין אויך קיין זכר ניט
געבליבן, עס איז טויט שטיל, אָבער דער אָפֿיציר באַרויקט זיך
נאָך ניט.
— איך וועל אייך ווייזן, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! וואָס איז
דאָס! — ווערט ער ווידער אָנגעצונדן, ווי אַ פֿייער! — אַ צייטונג?
עפֿן!
דער ווזוואָדנער עפֿנט גלייך אויף. דער אָפֿיציר לויפֿט צו
צו דעם אין די ברילן און כאַפּט אַרויס דאָס פֿאַרשמוצטע שטיקל
צייטונג.
— וואו האָסטו גענומען?
— דאָס איז אַן אַלטע, אַ ברעקל...
— נאָך ריידן! דו ביסט נאָך גערעכט... און פֿאַרט אים אַריין
אין באַק. די ברילן פֿליען אַראָפּ פֿון נאָז, פֿאַלן אויפֿן ליימענעם
טאָק, און עס הערט זיך, ווי עס ברעכן זיך די גלעזלעך.
— שווייג, דו זשיד איינער — העלפֿט אונטער דער ווזוואָדנע־
און דערלאַנגט אים אַ שטורך אין זייט.
— שטיל זאָל מיר זיין! געדענקט! איך וועל פֿון אייך איי־
נעם קיין גאַנצן ניט לאָזן — ווערט דער אָפֿיציר שוין אַ ביסל
רויִקער און גייט אַרויס.
און אַ קורצער צייט אַרום באַווייזן זיך ווידער די קאָרטן אויף
דער הינטערשטער נאַרע, מען רעדט נאָר שטילער צווישן זיך,

דער קראַנקער קרעכצט שוואַכער און אײַנגעהאַלטענער, מער ניט דער לאַטעק, דאָס גנבֿל, טוט זיך רוק ווײַטער זײַן אַרבעט...! און אין כאַמע ווינקל, דאָרט לעבן דעם אָרט, וואו עס גייען זיך צונויף צוויי נאַסע, פֿינסטערע ווענט פֿון קאַזעמאַט, זעען זיך בליצן ווי צוויי שוואַרצע בייזע פֿײַערלעך, צוויי פֿיבערהאַפֿטע אויגן — דאָרט וואַלגערט זיך איינער אַליין, אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען, פֿאַרטריבן, פֿאַרשטויסן, שטום ווי די וואַנט, אַ מענטש, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען — שפּיאָן.

ווער ווייסט, פֿאַר וואָסערע זינד מען האָט אים אַרײַנגעזעצט אין פּעכטונג צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען אַ סך זײַנע קרבנות, משמעות, ער האָט איך פֿאַרזינדיקט אויף זײַן שטייגער...

— דאָס איז אַ שפּיאָן — פֿלעגט מען אָנזאָגן יעדן נײַעם, וואָס מען פֿלעגט אַרײַנוואַרפֿן אין קאַזעמאַט. דער נײַער פֿלעגט זיך גלײַך אָפּקערן, אויסשפּײַען, און פֿלעגט שוין מער אין יענעם ווינקל ניט קוקן...

צום ערשטן, ווי מען האָט אים געבראַכט, איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין קאַזעמאַט נומער 1, וואו עס זיצן פֿון שטענדיק אָן נאָר גנבֿים. אַרײַנגעפֿאַלן איז אַרײַנגעפֿאַלן, באַרנעם אַן אָרט און זײַ אַ גאַסט, פּלאַץ איז פֿאַראַן, אויב עס וועט אויספֿעלן אויף דער נאַרע, איז דער טאָק געניג גריז, אָבער ווי די גנבֿים האָבן זיך דערוואוסט, וואָס ער איז אַזוינס — און די טורמע דערוויסט זיך פֿון אַליין, די ווענט דערציילן, דורך דער לופֿט קומט דער קלאַנג — האָט מען זיך גענומען צו זײַנע ביינער אויף דעם שטייגער פֿון וואַיילע יונגען.

— העי נאַר, דו שפּיק, ווי קומסטו אַהער? וואָסער ווינט האָט דיך פֿאַרטראָגן? ווילסטו בלײַבן גאַנץ, זאָלסטו נעמען וועג. און איינער אַ הויכער מיט אַן אויסגעהאַקטער אויג, אָבער אַזוי, אַז די געבליבענע האָט געקוקט מיט גענוג רשעות, האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ געזונטן קלאַפּ אין כאַמע ברוסט אַרײַן:

— טראָג זיך פֿון דאַנעט אַרויס!

— גוטע מענטשן, אום גאָטעס ווילן — האָט ער זיך גע־נומען בעטן ניט מיט זיין קול, ווי אַ באַשעפעניש, וואָס זעט, אַז עס איז קיין אויסוועג ניטאָ!

— איך בין ניט קיין שפּיאָן, איך בין אַן אָרנטלעכער מענטש.

— מען קען אייך, די אָרנטלעכע מענטשן... מען קען אייך, איר כּלבים, אַ רוח אין אייך און אין אייערע טאַטעס ביז אין צענטן דור אַריין! וואַרף זיך אַרויס פון דאַנעט!

און באַוויזט אים אויף די קראַטעס.

— הער נור, דו, וואָס שרייסטו אַזוי, האַלט זיך אָקאָ־שט איין.... ווייסט... זאָגט דער טשאַסאָוואָי צום גנב און באַווייזט אים דורך דער קראַטע די שפּיז.

— אַ שפּיאָן, אַ בייזער יאָר! — פאַרענטפערט זיך דער גנב.

אַ שפּיאָן — איז עטוואָס אַנדערש, דער טשאַסאָוואָי ווערט ווייכער, אַ שפּיאָן האָט ער אַליין אייך פיינט, ווי אַ שפּין, אָבער אַלס טשאַסאָוואָי מוז ער היטן אָרדענונג:

— נו, ניט געטומלט. פונדעסטוועגן... ווייסט!

— גאַוורילאָוו — קען ער זיך ניט איינהאַלטן און מוז זיך צעטיילן די נייעס מיט צווייטן טשאַסאָוואָי, מיט וועלכן ער נאָך איינגעטלעך קיין וואָרט ניט ריידן — האָסטו געזען! אָט איז אַ שפּיאָן, זאָל איך אַזוי לעבן — זעסט אַ בריאה... אוי, וואָלט איך אים אַ טונק געטון אין זייט מיטן שפּיז, אַז ער וואָלט פליען.

און דער שפּיאָן הערט קלאָר יעדעס וואָרט...

אָבער אַריבערגיין פון קאַזעמאַט נומער 1 האָט זיך אים ניט איינגעגעבן ניט דעם זעלבן טאָג, ניט אויף מאָרגן — עס זיינען אַלץ געגאַנגען שלעכטע אָפּיצירן — ניט זייער זאַך, זיין וואו דו זיצסט. ערשט איבער דריטן טאָג איז געקומען אַן אָפּיציר, וואָס האָט מסכּים געווען אים איבערצופירן אין נומער 3, וואו עס איז פאַרהעלטענישמעסיק געווען ווייניקער מענטשן, ווי אין אַנדערע קאַ־זעמאַטן.

די וועטערן האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ מערער פאַרערגערט,

עס איז שוין געווען שפּעט־האַרבסט. אין קאָזעמאַט איז שוין אַפילו בײַ דער קראַטע פֿון טאַמע אין דער פֿרי געווען פֿינסטער. וועגן אַ זון אויף דער וועלט האָט נאָר דער זכּרון געוואוסט, אין דער פֿינסטער פֿלעגט זיך אַלע טאָג לאָזן הערן דער געשריי פֿון עלטערן סאָלדאַט: „וסטאַוואַי!" שטרענג; און נאָס האָט געקלונגען די שטימע אין דער לופֿט, וואָס איז געווען אַזוי ווי אַ שטאָם אָנגעטרונקען מיט פֿאַרפֿוילטן וואַסער פֿון די ווענט און פֿון דער פּאַדלאָגע. ציטערנדיקע פֿון קעלט פֿלעגט מען זיך שנעל אײַנהײבן און מען פֿלעגט זיך לױפֿן וואַשן אויפֿן הויף, וואָס איז פֿון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט געווען מיט הויכע זאַמדיקע ווענט, וואָס אַז מען פֿלעגט אַ הייב טון דעם קאָפּ אַרויף, פֿלעגט מען זען אַ גרויען סאָלדאַט מיט אַ ביקס פֿון איין זײַט און אַ גרויען סאָלדאַט מיט אַ ביקס פֿון צווייטן זײַט. אויפֿן הויף איז געווען נאָך נאַסער און נאָך קעלטער, אָבער דאָך איז מען צופֿרידן געווען צו שטיין אַן איבעריקע רגע אויפֿן דראָבנעם האַרבסטלעכן רעגן, וואָס האָט זיך געגאָסן, אַזוי ווי טרערן, וואָס עפּעס אַ גוטער רחמנותדיקער, אָבער אָנמעכטיקער גאָט האָט פֿאַרגאָסן אויף דער אָרימער, דער אומגליקלעכער ערד. אָבער שטיין פֿלעגט מען נישט לאָזן, וואַש זיך — און פֿורט! שנעלער! און וואַשטו זיך נישט אַזוי שנעל, איז ווידער פֿורט, נישט גערעדט, נאָך מיט אַ שטויס אין זײַט, אַ קלאַפּ אין האַרץ, אַ פּאַטש אין פּנים — ווי אַמאָל! דערנאָך פֿלעגט מען אַרויסיאָגן נאָך „קיפּיאַטאָק", און דאַן פֿלעגט זיך אַוועקציען אַ טאָג, אַ לאַנגער, אַ טרויעריקער, און די ליגסט און טראַכסט, און טראַכטן איז אַזוי שווער, דער מוח אַרבעט נישט, און די אַפּאַטיע באַפֿאַלט דיך פֿון אַלע זײַטן, נעמט דיך אַרײַן אין אירע נעגל און זויגט דאָס בלוט פֿונעם האַרץ, דעם מאַרך פֿון די ביינער, און אַזוי טעג, און אַזוי וואָכן...

דער זייגער איז שוין נאָך עלף. דער נײַער קאַראַול האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט. די אַרעסטירטע וואַרטן מיט האַרצקלאַפּעניש. שאַ, מע האָבן שוין זיך באַוויזן ווײַסע היטלעך — נאָך די היטלעך דערקענט מען גלייך, צו וואָסער פּאָלק זיי געהערן — יעדער פּאָלק האָט שוין זײַן שם: אַ בעסערן אָדער אַ אַן ערגערן. און אַ ווײַלע

אַרום עפנט זיך די טיר, עס גייט אַריין אַ קליין אָפּיצירל, ציילט איבער די אַרעסטירטע, קוקט אַריין אין פּאַפּיר און זאָגט:

— נו גוט, געדענקט, איר זאָלט זיין שטיל — ער רעדט מיט אַזאַ גוטער שטימע, פּאַזאָלינקע, ניט געבעטן, ווי צו קליינע קינדער, וועלכע מען וויל איינרייצן — ניט קלייבן זיך אין קופּקעס, ניט טומלען, ניט בונטעווען, ניט ריידן מיטן טשאַסאָוואָי, און אויב איר וועט פאָלגן, קריגט איר ביי מיר „פּראָגולקע".

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערער, אַ פינסטערער טאָג — זיינען אַלע געלעגן אויף די נאַרעס, און קיינער האָט קיין אָטעם פון לעבן ניט באַוויזן: די לאַגע איז צופיל ערנסט: אַלע ווייסן עס, אַלע פילן עס, אָבער קיינער רעדט גאָר נישט — די נערוון זיינען אָנגעצויגן, עפּעס הענגט ביי אַלעמען איבער די קעפּ אַ שאַרפס, אַ שווערס, וואָס קען ביים מינדסטן ווינטל אַראָפּפאַלן און צומזיקן אַ סך מענטשן... און אַזוי ציט זיך אַ שעה, צוויי, דריי — יעדע שעה, ווי אַן אייביקייט. חברה האָט ערגעץ באַהאַלטן אַ צייטונג — פאַר אַ רובל געקויפט — און עס ווילט זיך אַזוי לייענען, הערן עפּעס אַ פרישע וואָרט, אַ נייעס, די דומע האָט זיך די פאַבריקע וואָך ווידער אַמאָל געעפנט, אָבער מען איז פאַרזיכטיק, מען שטרענגט אָן די לעצטע קרעפטן און מען האַלט זיך איין. און עס גייט אַריבער דער טאָג, אַזוי ווי אַ שווערע כמאַרע אין אַ שטילן וועטער. עס קומט אָן דער אָוונט, און עס ווערט גרינגער אויף די הערצער, די געמיטער ווערן איפּגעלעבטע — עס איז גאָר נישט פאָרגעקומען! פאַרגעסט זיך חברה אַ ביסל — יונגעס בלוט — ווילט זיך געבן אַ שטיף, אַ שפּרונג; גיט איינער אַ העכערן געשריי, אַזוי זיך, אין גוטן מוט, ער כאַפּט באַלד צוריק, אָבער פאַרפאַלן — דאָס אָפּיצירל, וואָס האָט, ווייזט אויס, נאָר אָפּגעוואַרט די ערשטע בעקוועמע געלעגנהייט, איז שוין ביי דער טיר, און זיין שטילער קול הערט זיך שוין אַזוי געלאַסן און אַזוי רויק, ווי מען וואָלט ריידן צו קינדער, וועלכע מען האָט מורא איינצורייצן:

— ווער האָט געשריען?

שטיל. אַ ציטערניש לויפט דורך אַלעמען איבער די לייבער

פאַר דעם, וואָס דאָ קען באַלד פאָרקומען, עס ווערט פינסטער אין די אויגן, עס הייבט אָן צו קלינגען אין די אויערן, הענט און פיס הויבט אָן צו וואַרפן, ווי אין פיבער — מען ווייסט, אין וואָס דאָ גייט....

— ווער האָט געשריען? חזרט איבער דאָס אָפיציר־ל נאָך אַמאָל — עפּן — ווענדט ער זיך צום וואַכמײַסטער (?) וואָס האַלט שוין די שליסלען אין די הענט: — חברה, אַהער, לאָדט אָן!

עס לויפן זיך צונויף אַ שטיק פינף און צוואַנציק סאָלדאַטן, גוואַרדייצעס, הויכע ווי די ריזן, און עס הייבן אָן קנאַקן די ביקסן: קנאַק־קנאַק, און איין הרף עין זיינען זיי שוין אָנגעלאָדן, די סאָלדאַטן זיינען גרייט...

דער אָפיציר איז שוין דערווייל איינווייניק און פרעגט אַ דריטן מאָל מיט אַ גנבהשן קול:

— ווער האָט געשריען? איך הייס שיסן.

— ער — כאַפּט זיך פלוצלונג אַרויס איינער פון די פּאָליטישע, און ווייזט אָן אויפן שפּיאָן: — ער האָט געשריען.

אַזוי דו? קום אָקאָרשט אַהער, ברודערקע.

— ניין, ניט איך — פאַרענטפערט זיך דער פאַרציטערט־געוואָרענער שפּיאָן.

— קום נאָר, קום, וועסט נאָכדעם רעדן.

דער שפּיאָן גייט אַרויס, דער אָפיציר לאָזט אים אַראָפּ אין באַק איינמאָל און נאָך אַמאָל.

— דערלייגט אים — זאָגט ער קאַלטבלוטיק צו די סאָלדאַטן: — ער זאָל געדענקען.

און עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים עטלעכע סאָלדאַטן, שטופּנדיק איינע די אַנדערע, גראָבע, אומגעלומפּערטע, און האָבן אים אָנגעהויבן צו דערלייגן, האָבן אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און האָבן אים געבלוטיקט, געמזיקט, לאַנגזאַם, פּאַמעלעך, ניט געאײַלט, ווי אמתע הענקער, וואָס האָבן ליב זייער זאַך, און אַלע האָבן געזען און ניט געזען, וואָס דאָ קומט פאָר...

שפּעטער האָט זיך צעטראָגן דער קלאַנג איבער אַלע קאַזעמאַטן.

— אָבער ער לעבט נאָך — האָט מען זיך געטיילט מיט דער נייס: — אַ טרייפענע ביין דאָס איז קיין שד נעמט אים גאָר ניט.

און דער שפּיאָן איז געלעגן אין זיין ווינקל און האָט זיך געטוליעט אין זיינע שמאַטעס, געציטערט פאַר קעלט און געסקריעט מיט די ציין פאַר ווייטאָג:

— איך בין אַ הונט... אַ מענטשנפרעסער.... אָבער איר — איר זיינט דאָך אָרנטלעכע מענטשן... אָ—רנט—לעכע מענטשן....

און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט ער עפּעס גערעדט, געחורט, דאַכט זיך געבעטן וואַסער, אָבער קיינער האָט אים ניט געהערט און ניט איסגעהערט..

# אויפן בערגל.

עטוואָס אָן אַ זייט פֿון דער שטאָט, דאָרט וואו דער ברייטער טראַקט פֿאַרקערעוועט זיך רעכטס און אַנטלויפֿט אין די ווייטע ברייטע פֿעלדער, פֿאַרזייטע מיט תּבֿואות, אויפֿן סאַמע שפּיץ בערגל שטייט אַ רויטע לאַמטערן. און אַ גאַנצן לאַנגן זומערדיקן טאָג באָדט זיך די רויטע לאַמטערן אין אַ בלישטשענדיקן ים פֿון העלע זונענשטראַלן. און באָדנדיק זיך, דרעמלט זי, און דרעמלענדיק קוקט זי מיט אירע בלאַנקענדיקע שייבלעך אויפֿן הילצערנעם איינשטאָקיקן הויז מיטן שינדל־דאַך אויפֿן קאָפּ, וואָס שטייט עטוואָס נידעריקער אויפֿן בערגל, אויף דער סאַמע משופּעקייט, אויפֿן הויז, וואָס אַז מען קוקט אויף אים, דאַכט זיך אים, אַז עס איז פֿריער אויך געשטאַנען אויפֿן שפּיץ, נאָר עס האָט זיך אַמאָל מישבֿ געווען און האָט זיך געלאָזט גיין אַראָפּ בערגל, אַהין צום שטאָט, צו די איבעריקע הייזער, נאָר עס האָט זיך אויפֿן מיטן וועג פֿלוצלונג ווידער אָפּגעהאַלטן, און עס איז אַזוי שטיין געבליבן אין אומאַנטשלאָסנקייט — ניט אַהין, ניט אַהער... דאָרט אונטן האָבן זיך געצויגן גאַסן, און אין די סאַמע הייסע, און פֿייער פֿאַרשרפּעטע טעג, האָבן זיך מענטשן געבאַקט אויף דער זון, זיינען אומגעלאָפֿן, ווי עפּעס זוכנדיק, האָבן זיך באַגעגנט און ווידער צעשיידט, און ווידער באַגעגנט, און קוקנדיק פֿון שפּיץ בערגל אַראָפּ אויף די אַרומלויפֿנדיקע קליינע מענטשלעך, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס האָבן עפּעס שפּאַסהאַפֿטע שפּילער פֿאַרפֿירט אַ נאַרישן, צי גאָר נישט ברעננענדיקן שפּיל אין מענטשלעך, און האָבן זיי אומגעוואָרפֿן אַהין אַ מענטשל, אַהער אַ מענטשל, אַ קלאַפּ איינס אָן דעם צווייטן, און ווייטער געוואָרפֿן, און אַזוי אַ גאַנצן טאָג אָן אויפֿהער.

אָבער דאָס אַלײן האָט װײניק געקימערט דעם הײז אױפֿן בערגל און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט גאָר קײן שום שײכות ניט צו דער שטאָט און נעמט גאָר קײן אָנטײל ניט אין דעם אַלעם, װאָס דאָרטן קומט פֿאָר. אַ גאַנצן טאָג זײנען די לאָדן געװען צוגעמאַכט, און אַ גאַנצן טאָג איז אינעװײניק געװען שטיל. און קוקנדיק אױפֿן הײזל האָט איך די לאַמטערן געדרעמלט און האָט גלײכגילטיק געקוקט מיט אירע מאַט־רױטע שײַבלעך אױף דער אומרויִקער באַװעגלעכער שטאָט פֿון אײן זײט, און פֿון דער צװײטער זײט אױף די רויִקע אומבאַװעגלעכע פֿעלדער מיט די גרינענדיקע תּבֿואות, און מער ניט װען עפּעס אַ װאָגן מיט משׂא פֿלעגט הורכפֿאָרן פֿון דער װײטנס איבער דעם הילצערנעם בריקל און פֿלעגט מיט אַ טרוקענעם קלאַפּן צײלן די קלעצלעך פֿון בריקל, פֿלעגט דאַמאָלסט די לאַמטערן אָנהײבן צו ציטערן מיט די שײַבלעך, אַזױ װי װאָלט װעלן מיט דעם אױסדריקן איר אומצופֿרידנקײט, װאָס מען שטערט איר די רו אין אַזאַ הײסן, אַזאַ רויִקן טאָג.

אַנדערש איז געװען בײנאַכט. אַזױ װי עפּעס אַ כּישוף־מאַכער װאָלט מיט זײן צױבער־שטעקל אין באַרג אָנגעקלאַפּט, אַזױ װערט דאָרט מיט אײן מאָל אַלץ איבערגעאַנדערשט, און דאָס טױטע, דאָס שלאָפֿנדיקע, כאַפּט זיך באַלד אױף, און הײבט אָן לעבן, שנעל לעבן, און אײלעניש, און טומל, אַזױ װי עס װאָלט װעלן אַרײנכאַפּן דאָס, װאָס עס האָט פֿאַרשלאָפֿן, דאָס װאָס עס האָט פֿאַרפֿעלט. און די לאַמטערן עפֿנט אױף מיט אַמאָל אַ גרױס אױג, אַזױ װי מיט בלוט פֿאַרלאָפֿן, און שטעלט זיך אָן אױפֿן שטאָט פֿון איר הױכקײט, אַזױ װי עפּעס אַן אײנאױגיקער ציקלאָפּ, און נעמט קוקן מיט חוצפּה, און אַרײנדרינגען מיט זײן בליק אין די װײטסטע װינקעלעך, און װעקט אומעטום און אומעטום רופֿט, הױפּט זי מיט אַ רױטן געלעכטערל, רופֿט און ציט... מען האָט נאָר געדאַרפֿט פֿאַרשמירען די אױגן אױף אַ רגע, האָט מען קלאָר געקענט זען, װי די לאַמטערן האָט פֿאַרשפּרײט אַ גאַנצע נעץ פֿון רױטע פֿעדים, אַזױ װי אַן אומגעהײערע צאָל װעבטקעס, און זי האָט זײ פֿאַרװאָרפֿן אין שטאָט, און װאו זי כאַפּט נאָר אַ מענטשל, ציט זי אים, אַזױ װי מען ציט די פֿישלעך פֿון טײך, און עס גײען

די געפּאַנגענע, מיט ניט פעסטע טריט, אײלנדיק, מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן, און דעם שאָטן פון די פאַרקאָנעס, איבער זייטיקע געסלעך, און אַלע ווערן זיי אַרײַנגעצויגן אין די הילצערנע פאַרקישופטע ווענט.

---

אַ געריימיקער זאַל מיט אַ גרויסן טרומאָ־שפּיגל אין ווינקל, און לעבן די ווענט זײַנען אויסגעשטעלט טאַפּטשאַנעס מיט רויטע כאַמעטענע איבערציערס, מיט קליינע טישלעך לעבן זיי. אין ווינקל שטייט אַ קלאַוויר, אַן אַלטער, אָן אָפּגעריבענער, און אויף די ווענט זײַנען אויסגעהאָנגען אַ סך צענערנע געשמאַקלאָזע בילדער פון נאַריש־שמייכלענדיקע מיידלעך מיט אויסגעבלייזטע אַקסלען און פון קורצנעזיקע בחורים מיט פאַרדרייטע אויסגעשפּיצטע וואָנצעלעך. פון דער סטעליע הענגען אַראָפּ צוויי בליץ־לאָמפּן, וואָס שניידן די אויגן מיט אַ צו העלן, אומאָנגענעמען שײַן. אין שטוב און אין דאַך — און דאָך איז עס ניט געווען אײַן געזינט, וועלכע האָט דאָ געוואוינט, און עס האָט זיך דאָ קיינמאָל ניט געהערט קיין געלעכטער אָדער אַ געוויין פון קליינע קינדער און ניט קיין ביוערן זיך פון קיין עלטערע... דאָ האָבן געוואוינט פינף מיידלעך, צו פאַרשיידענע געווינטן געהערנדיקע, אויף פאַרשיידענע שפּראַכן רײדנדיקע, מיט פאַרשיידענע אינטערעסן לעבנדיקע; און צווישן די מיידלעך האָט זיך אומגעדרייט איינע אָן אַלטע, וועלכע האָט אַ־מעטום געוואָרפן אַן אויג פון אַ באַלעבאָסטע, האָט אומעטום געזאָגט איר וואָרט, און וואָס אַלע מיידלעך האָבן איר גערופן „מאַדאַם״; און אַז עס פלעגן זיך צונויפקומען מענטשן, פלעגט זי זיצן אין ווינקל זאַל, בײַ אַ טיש, און פלעגט אָפּנעמען דעם לייזונג...

דער זאַל איז נאָך דערווײַל אַ פינצטער. קיין געסט זײַנען ניטאָ. די מיידלעך פאַרענדיקן נאָך זייער טואַלעט אין די קעמערלעך, אָבער באַלד וועלן זיך שוין אָנהייבן קלייבן מענטשן, און די „מאַדאַם״ גייט אום פון איין קאַמער צום צווייטן, און אירע קליינע אייגלעך לויפן אומרויִק אַרום אין די לעכער, אַזוי ווי די מײַזלעך, און די שליסלען קלינגען בײַ איר אין האַנט מיט אַ מעטאַלע־

געם קלינג. נאָר איר אומרויִקייט איז אַן אומזיסטע, די מיידלעך זיינען שוין פֿאַרטיק, און זיי הייבן זיך שוין אָן קלייבן אין זאַל.

אַט לאָזט זיך אַריין אַלע מאָל די ערשטע מאַניע, אין אַ קורצער וואָלענער קלייד, שטאַרק דעקאָלטירט, און ווייסע שיך מיט הויכע אָפּצאַסן, אָנגעפּאַרבט די באַקן און אָנגעפּודערט. מאַניע קלערט שטענדיק איבער די פֿאַרשיידנסטע און עקסצענטרישסטע קאָסטיומען. מאַניע האָט שוין אָנגעזען אַ וועלט. אַליין אַ רוסישע, פֿון די אינערע גובערניעס, האָט זי אַ צייט געלעבט אין פּעטערבורג, איז דורך אַ צופֿאַל אָפּגעפֿאָרן, און פֿון דאַמאָלסט אָן איז דער איינציקער געדאַנק אירער ווידער געזען — פּעטערבורג. און אירע דערציילונגען, וועלכע זי פֿלעגט שטענדיק איבערחזרן פֿאַר די מיידלעך מיט אַזעלכע גוזמאות און פֿאַרשענערונגען, האָט זיך פּעטערבורג פֿאַרגעשטעלט אַלס עפּעס אַ גן־עדן, וואו די „מיידלעך" זיינען פֿריי, ווי די פֿייגל, די „געסט" רייך און שיין, די ווייִנען אַזוי פֿאַרשיכּורנדיק, און די גומענע רעדער אַזוי פֿלינק.... און זי האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו די גוזמאות, אַז זי אַליין האָט אין זיי שוין אויך געגלויבט און אַלע געדאַנקען אירע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם איינציקן וואָרט — פּעטערבורג, און זי האָט געקליבן די קליינגעלט, וואָס די בעסערע „געסט" פֿלעגן איר לאָזן, אַ גראָשן צו אַ גראָשן, געדולדיק און שפּאָרזאַם, און האָט געוואַרט שוין גאַנצע מאָנאַטן, ביז וואַנעט זי וועט צונויפֿקלייבן די עטלעכע רובל און דערנאָך — האַידאַ: ווייִנען.... גומענע רעדער... אַ לעבן!

— מאַנקע! לויפֿט אַריין מיט אַ קלינגענדיקן געשריי די אייביק פֿריילעכע וואַנדע, אַן אָפּגעגעסענע, אַ גראָבע, אַ פּוילבלוטיקע מיט אַ הויכער ברוסט. וואַנדע איז שוין אין דעם הויז גאַנצע צען מאָנאַטן כּסדר, אַהער איז זי צום ערשטן אַריינגעפֿאַלן פֿון דאָרף אַ הונגעריקע, אַן איבגעהישכטע פֿון אַן אָרעמער, קריסטלעכער געזינט מיט אַ קורנע שטוב מיט אַ גבך קינדער, וואו מען האָט זיך געשפּייזט אין די בעסערע צייטן מיט מעקענע און אין די ווינטערע — מיט קאָרע. דאָ האָט זי די אויגן געעפֿנט, דערזעענדיק די ריינקייט, די ליכטיקייט; און עסנדיק צו זאַט די ריינע, די שטאָטישע ברויט, איז זי גיך צו זיך געקומען, האָט כּוחות דערפֿילט, און גרינג איז איר געוועזן אַזאַ

לעבן אָן פּוישער אַרבעט, אָן באַוועגונג — און אַלע נאַכט פּלעגט זי זיך אַראָפּדרייען דעם קאָפּ מיט די בחורים...

בערטע גייט אַריין אַ בלאַסע און אַ שוואַרצן אָנצוג מיט אַ ברייטן ווייסן פאַרטעך, גלאַט פאַרקעמט די האָר, און קוקנדיק אויף איר דאַכט זיך, אַז אָט באַלד וועלן אַריינקומען געסט, אַזעלכע ערנסטע, אָנשטענדיקע באַאָרנטע מענטשן, מיט אַן ערנסטן שמייכל אויף די ליפּן, און גלייך נאָך זיי טראָגט מען אַריין אַ סאַמאָוואַר, אַ געלן גראָבבייכיקן סאַמאָוואַר מיט בלישטשענדיקע גלעזער, און בערטע וועט נעמען פאַנאַנדערגיסן טיי און וועט דערלאַנגען יעדערן באַזונדער מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל אויף די אומשולדיקע ליפּן...

בערטע איז אַ רויִקע, אַ געלאַסענע, טראָגט שטענדיק איינפאַכע קאָסטיומען, רעדט ווייניק און עס איז קענטיק, אַז זי טראָגט מיט זיך עפּעס אַ סוד, וואָס קיינער ווייסט ניט. בערטע זינגט אָפט לידלעך, אַזעלכע שיינע און אָנגענעמע, וועלכע די מיידלעך האָבן אַזוי ליב צו הערן, בערטע האָט זייער ליב קליינע קינדער, זי האָט זיי ליב מיט זייערע לאַכעדיקע אייגעלעך און מיט זייערע פאַרווינטע פּנימלעך. זי ציט זיי צו צו זיך מיט צוקערלעך און אַנדערע „גוטע זאַכן“, וועלכע זי קויפט אָן פאַר די געמאַכטע קליינגעלט. און די קינדער קומען צו איר פון שטאָט פאַרגנבעטערהייט אויפן בערגל... זי פאַרקעמט זיי די הערלעך, וואַשט זיי אַרום די איינגעשמירטע פּנימלעך, קושט זיי אוים די גלידער און לאָזט זיי צוריק אָפּ אַהיים, און וואַרט ביז זיי וועלן אויף מאָרגן ווידער צו איר קומען...

אָט איז איך שיינקע מיט איר פאַראומערטן פּנים, אויף וועלכן אַ געניט אויג וואָלט קענען איבערלייענען איר גאַנצע לעבנס-געשיכטע, וואָס האָט זיך אויף אים אַזוי קלאָר, אַזוי ריידעוודיק אָפּגעשטעמפּלט. נאָך אַ לאַנגען „ליבע-שפּילן“ האָט איר דער חתן אַוועקגעוואָרפן און איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, און די איינציקע ירושה, וואָס איז איר איבערגעבליבן, איז געווען אַ פּעקל ברוו, וועלכע זי האַלט שטענדיק צוקאָפּנס און היט זיי, ווי די אויג אין קאָפּ. און פאַרטאָג, ווען אַלע גייען שלאָפן, לייענט זי זיי, אַלע מאָל די זעלביקע, אַלע מאָל איבעראַנייס, און לייענענדיק באַגיסט זי זיך מיט טרערן, און צעוויינט זיך אויפן קול, און גאַנץ אָפט דערגייט עס

צו היסטעריק, און עס לויפן זיך צונויף די מיידלעך פון די שכנישע קעמערלעך און מינטערן איר...

די לעצטע איז מאַרוסיע — אַ ווייס־רוסישע אַן אײַנפאַכע דאָרפס־שיקסע, גייט שטענדיק אין ציצענע קליידלעך, גייט אַריין מיט איר הונט, זעצט זיך אַוועק לעבן שפּיגל, דער הונט לעבן אירע פיס, און הויבט אָן קוקן אין זאַל מיט אירע גרויסע אַש־גרויע אויגן, און קוקט אויף אַלעמען אַזוי גראָד און פינטלט ניט מיט די אויגן. און אַזוי זיצט זי אָפּ גאַנצע שעהן, און מען ווייסט ניט, צי זי זעט עמעצן מיט אירע ברייט־פונאַנדערגעעפנטע אויגן, צי זי זעט ניט...

---

עס עפנט זיך די טיר און עס גייען אַריין אַ פּאָר יונגע בחורימלעך און אַ „גוטן אָוונט" ביים אַריינגאַנג, פּונקט אַזוי ווי זיי וועלן שפּעטער אַוועקגיין אָן „אַ גוטן אָוונט". שטיל גייען זיי אַריין, זעצן זיך אַוועק אויף אַ טאַפּטשאַן ביי אַ טישל, נעמען אַרויס צו פּאַפּיראָסן און פאַררייכערן.

— חברים פון בורא — באַגעגנט זיי מיט אַ צופרידענעם איינגעשריי די אייביק־פריילעכע וואַנדע, אַליין ניט ווייסנדיק, וואָס עס באַדייט איר איינגעשריי, וועלכן זי רעדט אַרויס מיט אַ מאָדנעם אַקצענט, גיט זיך אַ דריי ווי אַ ווינט איבערן שטוב, גיט ביידן אַ שנעל אין די נעז אין... זיי האָבן נאָך קיין צייט ניט צו זיך צו קומען, איז זי שוין אין צווייטן ווינקל פון זאַל און ווענדט זיך צו די איבעריקע מיידלעך:

— איך ווייסט, פּאָדרוגעס, אַז אָט די בחורים וועלן באַלד הייסן קויפן ניס.

— קויפט — ענטפערט אַ בחור מיט עפּעס אַ מאָדנעם קול, וועלכן ער אַליין דערקענט איך ניט, און ווערט עפּעס אַזוי ווי צעטומלט, און כדי צו פאַרגלעטן דעם איינדרוק, גיט ער אַ הוסט און אַ שפּיי, און זאָגט נאָך אַמאָל:

— און עפּל אויך.

אָבער זיין איינמונטערן זיך העלפט ניט, דער קול קלינגט

אַזוי אומנאַטירלעך, אַז דער בחור וועט גלייך אַנטשוויגן. ער דער־לאַנגט עפּעס אַ זילבערנע מטבע און ווערט פּלוצלונג רויט.

— זע פּאַרא שעמעדיקע כּלה, זאָגט מאַניע; אַוודאי צום ערשטן מאָל.

באַלד עפּנט זיך ווידער די טיר און עס גייען אַריין נאָך מענטשן. די גייען שוין אַריין אַזוי ווי צו זיך אין אַן אייגענער שטוב, מיט זיכערע טריט, באַקוקן אַלעמען מיט אַ בליק פון עפּעס אַלטע באַ־קאַנטע, ריידן הויך, אָבער דאָס ריידן איז אַזוי אומנאַטירלעך, אַזוי שרייענדיק, און די טריט שטעלן זיי אַזוי פעסט און עזותדיק, ווי זיי וואָלטן ערגעץ אין קיין אַנדער אָרט ניט געשטעלט. און נאָך מענטשן קומען תּיכּף צו: די אַרבעט אויף די פאַבריקן האָט זיך שוין געענדיקט, הייבט אָן ווערן טומלדיקער...

פון עפּעס אַ הינטער־טיר באַווייזט זיך אַ מענטשל, אַ הויכס, אַ דאַרס, אין אַ שוואַרצן ראָק מיט פאַרשמיסענע פּאָלעס, וועל־כער הענגט אויף אים אַזוי, ווי אויף אַ הענגער, און זעצט זיך צום קלאַוויר. און באַלד רייסן זיך אויפן גאַס הויך די שפּאַרעס פון די לאַדנס און טירן הייזעריקע טענער און צעלויפן זיך, ווי פאַרוואַנדעטע פייגל אין דער לופטן, און פאַרלען לאָזן זיך אַחוץ איבערן זאַל און קלאַפּן צו מיט די פיס, און עס דרייען זיך די קליידער, אַזוי ווי אַ ווינט.

בערטע גייט אום איבערן זאַל און זינגט אויפן קול עפּעס אַליד פון צוויי ווערטער: „ראַז פּאַ—אַ—אַ—שאַ—אַ—אָל, ראַז פּאַ—אַ—שאַ—ל“ און חזרט איבער די צוויי ווערטער, אַמאָל נידעריקער אַמאָל העכער, אָן אַן אויפהער, אָן אַן אויפהער....

און פּלוצלונג דערטראַגט זיך עפּעס אַ געשריי פון אַ זייטיקן קאַמערל:

— באַצאָלן דאַרף מען אַפריער... אַז עס קומט מיין געליבטער, ריר איך זיך אויך ניט פון אָרט, איידער ער באַצאָלט ניט... אַ מאַנסביל טאָר מען ניט טרויען אויף וואָס דער האָר איז ווערט....

— ראַז—פּאַ—שאַ—אָל, ראַז—פּאַ—שאַ—אָל— זינגט ווייטער בערטע און דרייט זיך אום פון איין ווינקל זאַל אין צווייטן.

— אַ גימנאַזיסטקעלע —, זאָל איך אַזוי לעבן — זאָגט עמעצער, אָנווייזנדיק אויף בערטן: — וואָס פעלט?

מאַניע זיצט בײַ אַ בחור אויף די קני אין דער קורצער קליידל אירער, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער, און רויכערט אַ פּאַפּיראָס. זי זיצט אַזוי ווי עפּעס אַ סימבאָל פון ליידנשאַפט און שיכּרות, און באַקוקט מיט אַ שמייכל די גאַנצע קאָמפּאַניע בחורים, וועלכע זי קען שוין פון לאַנג...

וואַנדע מיט בערטן זײַנען ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן פון זאַל, און מאַרוסיע זיצט נאָך אַליין אויף איר אָרט און קוקט פאַר־טראַכטערהייט אין איין פּונקט, און מען ווייסט ניט, צי זי זעט עפּעס מיט אירע ברייט־פונאַנדערגעעפנטע, ניט פינטלדיקע אויגן, צי זי זעט ניט.

---

אָט איז איר דאָרף מיט צוויי צײַלן הילצערנע הײַזער מיט די פון רעגן פאַרשוואַרצטע שטרויענע דעכער, מיט דער איינציקער ניט געבּוּקירטער גאַס, איבער וועלכער מען טרײַבט צוויי מאָל אַ טאָג די טשערעדע אין פעלד, און אויף וועלכע עס שפּילן זיך אין פּעדלעך די דאָרפישע שקצים. אָט איז די קרעטשמע, וואו מען פלעגט זיך צונויפקלײַבן אַלע זונטאָג, און עס פלעגט קומען יאַנעק מיט דער פידעלע און עס פלעגן זיך אָנהייבן טענץ: זי פלעגט טאַנצן מיטן שמיד.... זי האָט אַזוי ליב געהאַט צו טאַנצן מיטן שמיד. זי פלעגט נאָר די ערד אונטער זיך ניט פילן — אַזוי ווי אויף פליגלען פלעגט ער איר טראָגן. אָט איז דאָס טײַכל, וואו זי פלעגט „פּראַניקן“ גרעט, און די קלעפּ פלעגן אָפּהילכן אין נאָענטן וועלדל: טאַ—טאַ—טאַ! טאַ—טאַ—טאַ! און אין וואַסער פלעגט זיך אָפּשפּיגלען איר אײַנגעבויגן פּנים מיט דער הויכער ברוסט, און דאָרט פלעגט זי זיך באָדן: אַראָפּגעוואָרפן דאָס קליידל מיטן יאַקל און אין וואַסער אַרײַן — פליִען! און גייט ווער פאַרבײַ — נאַ טרעף — געטון דעם קאָפּ אונטערן וואַסער און — ניטאָ קיין מענטש! אָט איז איר טאַטנס שטוב, עטוואָס ווײַטער די קוזניע. אין קוזניע שטייט דער קאָוואַל, דער שמיד, ער בלאָזט דעם בלאָזאַק, קלאַפּט איבערן אײַזן און זײַן קערפּער באַוועגט זיך אַראָפּ־אַרויף, אַראָפּ־אַרויף,

און אַט איז דער שייער, וואו זיי פלעגן צונויפפליגן די אָפּגעקאָשעטע היי. אַזוי שמעקעדיק ווי דאָרט איז געווען! אויף די שמעקעדיקע היי האָט זי ליב געהאַט צו שלאָפן — אַזוי קיל און ווייך זי דאָרט איז געווען, גייט זי איינמאָל אין אַ שטילער זומערדיקער נאַכט אין שייער אַריין שלאָפן, וואַכט פּלוצלונג אויף פון דער פינסטערקייט איר אַנטקעגן דער שמיד אין.... אַ ווילדער שוידער גייט דורך איבער אַלע אירע גלידער פון יענע און פון די שפּעטערדיקע נעכט אין שייער אויף די שמעקעדיקע היי... זי גיט אַ פינטל מיט די אויגן.... און אַט צייט זיך שוין פאַר איר אַ צווייט בילד. אַ רייכע הויז אין שטאָט... זי וויגט אַ קינד.... אַ געוועצלעך קינד פון רייכע אָנגעשטענדיקע עלטערן. דער דאָרף איז ווייט. דער קאַזאַל איז ווייט... עס קומען צו איר עפּעס אַ פּאָר סאָלדאַטן.... אָבער דאָס האָט קיין צייט ניט צו זיי.... זיי זיינען פון אַ פרעמדער גובערניע, רעדן מיט אַזאַ מערקווירדיקן אַקצענט... ניין, איר האַרץ ליגט ניט צו זיי... נאָך אַ פינטל מיטן אויגן — און אַט איז זי שוין אויס אַם — צוריק אין דאָרף פאַרן... אָבער זי האָט זיך שוין צוגעוויינט צו ריינקייט, גוט עסן.. ניין, זי וועט בעסער אָנקומען פאַר אַ דינסט... אָבער אַ דינסט דאַרף אַרבעטן, איז זי זיך מישב מיט אירע סאָלדאַטן. גיבן זיי איר אַן עצה.

— עס איז פאַראַן אַזאַ אָרט — זאָגן זיי איר — גיט מען דאָרט גוט עסן און טרינקען... און קיין אַרבעט איז ניטאָ, און קאַוואַלערן ווי פיל דאָס האַרץ געלוסט... און ניס... און ביר...

— וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַן אָרט? — פרעגט זי ביי זיי.

— דאָס איז שוין אַזאַ אָרט — ענטפערן זיי איר.

— מאַרוסיע! — רייסט איבער אַ „גאַסט" אירע געדאַנקען, און פירט איר אַוועק אין אַ זייטיקן קאַמער.

---

אויף אַ הינטער־הויף האָט זיך געוואַלגערט אויף אַ קופּע מיסט עפּעס אַ הונט, אַ גרויסער, אַ לאַכמאַטער. אָדער ער פלעגט ליגן אַריינגעשפּאַרט די מאָרדע צווישן די פאָדערשטע פיס און פלעגט דרעמלען, אָדער ער פלעגט גרישען ביינער — פייל, ווי עפּעס אַ פליכט וואָס וואָלט אויף אים ליגן. צופעליק האָט אים איינמאָל מאַרוסיע

באמערקט. אין דארף איז בײ זײ איך געװען אזא הונט, װעלכן זי פלעגט אלײן קארמען און ער איז זײער צוגעבונדן געװען צו איר, און בשעת זי פלעגט אים געבן עסן, פלעגט ער איר לעקן די הענט. גערופן האט מען אים — קארל.

— קארל — האט זי א רוף געטון.

דער הונט האט בליץ־שנעל א װארף געטון זײן בײן און מיט אײן שפרונג איז ער שױן געװען לעבן איר, און האט זיך אױף איר געװמען װארפן מיט דער גרעסטער צופרידנקײט. עס האט אױסגעזען, אז דער הונט האט שױן לאנג קײן מענטשלעכע אױפמערקזאמקײט אױף זיך ניט געפילט, האט ער זיך אזױ מיט דער אומגעריכטער באגעגעניש דערפרײט. מארוסיע האט געזען אין הונט אן אפשפיגלונג פון איר הײם, איר דארף, האט זי זיך צו אים מיטן גאנצן דארפישן אײנפאכן הארצן צוגעבונדן. און איבערהױפט האט זי אים ליב גע־קראגן פאר זײן נאטירלעכקײט, װעלכע זי האט אינסטינקטיװ אין אים געפילט אין פארגלײך מיט אלע מענטשן, װאס פלעגן באזוכן דעם הױז מיט די אומנאטירלעכע רײד, אומנאטירלעכע תנועות. און װאס מער זי האט פײנט געקראגן די מאנסבילן, אלץ מער האט זי ליב געקראגן דעם הונט. זי פלעגט מיט אים עסן און שלאפן צוזאמען, און שטארק אומצופרידן פלעגט זי זײן, בשעת עס פלעגט צו איר קומען א גאסט אױף א גאנצער נאכט און זי פלעגט דעם הונט דארפן לײגן שלאפן אױף דער פארלאגע. די „מאדאם“ איז אפילו אומצופרידן געװען פון דעם, װאס מארוסיע פלעגט זיך ארומשלעפן מיטן הונט, אבער אז זי האט געזען, דאס זי קען מיט איר גארנישט מאכן, האט זי געקוקט אױף דעם דורך די פינגער, און דער הונט פלעגט דאס רוב װאוינט אױך פארברענגען אין זאל.

„קארל“ איז געװען דער אײנציקער מאנסבילשער נאמען אין הױז.

---

אז מארוסיע איז צוריקגעקומען אין זאל, איז דער קלא־װיר געװען שטיל, דער הײכער מיט די פארשמיסענע פאלעס איז װידער ערגעץ פארשװאונדן. די טענצער האבן זיך פארמאטערטע, פארסאפעטע געװאלגערט אױף די טאפטשאנעס, עס האט זיך אומ־

געטראָגן אַ נעפּל פֿון פּאַפּיראָסן־רויך, פֿון שווייס און פֿון פּאַרע. מען האָט געקנאַקט ניס און געהערטלט זיך. עס זיינען אָפּגעקומען מענטשן, צוגעקומען נייע, די פּנימער האָבן זיך אָפֿט געביטן, אָבער מאַרוסיען האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז דעם גאַנצן אָוונט זיינען דאָ אַלץ איינע און די זעלבע מענטשן געווען, די זעלבע, וואָס נעכטן, וואָס איערנעכטן, וואָס אַלע מאָל. און מיטן זאַל איז געלעגן דער הונט, אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע, מיט אַזאַ ברייטקייט, אַזאַ רויִקייט, פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט געלעגן אין אַלע איבעריקע הייזער פֿון דער וועלט.

— הררר!... — גיט דער הונט פּלוצלינג אַ ברום און עפֿנט אויף אַ מויל מיט צוויי ראָנדן ווייסע שאַרפֿע ציינער גרייט צום בייסן. דאָס האָט אים עמעץ פֿון די אַריינגייער געגעבן אַ שטויס מיטן פֿוס — און אַזוי נאַטירלעך איז געווען זיין ברומען, ווי ער וואָלט דאָס געטאָן אין די רייכסטע און די אָרעמסטע, אין די פֿרומסטע און אויסגעלאַסנסטע הייזער. ער הייבט זיך אויף פֿון אָרט, גייט אונטער צו מאַרוסיען און לייגט זיך בײַ אירע פֿיס.

מאַרוסיע הייבט אים אָן גלעטן איבערן רוקן.

— מיר אויך אַ גלעט! זאָגט איינער אַ בחור מיט אַ שמייכל.

— אַ מכּה! ענטפֿערט מאַרוסיע, און גיט דעם הונט אַ קוש אין קאָפּ.

דער בחור בלייבט שטיל, אַלע מיידלעך צעלאַכן זיך.

— אַהאָ — זאָגט וואַנדע — בײַ איר דער הונט! זי וואָלט פֿאַר אים דריי פֿוד ציבעלעס ניט גענומען. זי עסט און שלאָפֿט מיט אים צוזאַמען.

---

שפּעט. די מיידלעך גענעצן. „געסט" זיינען געבליבן נאָר איינציקע. אַן אומזעבאַרע האַנט האָט אויסגעלאָשן אין הויזן דאָס היטע אויג; און די דעמערונג האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען דורך די שפּעלטעלעך פֿון די לאָדנס. פֿון ערגעץ דערטראָגט זיך דאָס קרייען פֿון אַ האָן. איבערן בריקל, ניט ווייט פֿון הויז ציען זיך שוין פֿורן, און די פֿענצטערלעך פֿון פּאַנאַר ציטערן און בעטן דך, מען זאָל זיי לאָזן צורו. די אָרעמיקע וועלט הייבט זיך אָן

אויפכאפן, און דאס הויז ווערט ווידער אריינגעצויגן ווי א טשערעפאכע אין איר שאל און עס ווערט שטילער און ליידיקער און זאל. נאך א פערטל שעה. די לאמפן זיינען שוין אראפגעדרייט, ערגעץ וואו אויף די טאפטשאנעס וואלגערט זיך א זאק, דארט א שוך. די מיידלעך זיינען שוין יעדע אין איר קעמערל. מאניע טרייסלט אויס פון די קעשענעס דאס קליינגעלט, ציילט צונויף און לייגט זיי צו די פריערדיקע — עס פעלט נאך א סך — די געסט זיינען אזעלכע קארגע, און גיבן אזעלכע קליינע מטבעות!

וואנדע, אן אנגעמאטערטע פון די טענץ און פון די סך באוועגונגען, פאלט אוועק אויפן בעט, קוים ציט געהאט אויסציטון זיך און ווערט גלייך אנטשלאפן אן שום געדאנקען, איר מויל בלייבט א ביסל אפן און... א צופרידענער שמייכל צעגיסט זיך איבער איר פנים.

בערטע זינגט עפעס א מעלאנכאלישן לידל אונטערן נאז און גיט זיך א קלאפ מיטן האנט איבער דער קעשענע, און זי איז צופרידן, ווי זי הערט דארט קלינגען עטלעכע מטבעות, וועט זי שוין האבן פאר וואס צו קויפן „גוטע זאכן" פאר די קינדער, וועלכע וועלן צו איר מארגן קומען מיט גאנצע פעק מעשיות פון שטאט, וועלכע זיי וועלן איר איבערציילן פון אנהויב ביזן סוף, און זי וועט זיי האלזן און קושן...

שענקע לייגט זיך צו אין די זאכן אויפן בעט, שלעפט ארויס איר פעקל בריוו פון איר באהעלטעניש, בינדט אים פונאנדער און הייבט אן לייענען און... גלייך הויבן אן קאפען טרערן פון אירע אויגן און נאך א מינוט, נאך איינע... און זי כליפעט שוין אויפן קול, און באלד ווערט א טומאטאכע אין הויז, אלע לויפן זיך צונויף פון די קעמערלעך, מען שפריצט איר מיט קאלטן וואסער.....מען צעשפילעט איר, און זי קומט צו זיך, ווי געוויינלעך....

אבער צופרידענער פון אלעמען איז היינט מארוסיע: זי האט ניט קיין גאסט איבערנאכט, — שלאפט זי מיטן הונט...

---

# ר ע ג נ ס.

עס הוליעט דער ווינד אין די שפּיצן פֿון די בוימער און בּרענגט פֿון עק הימל אַ כמאַרע נאָך אַ כמאַרע, וואַרפֿט זיי אײנע אויף די אַנדערע, רײסט זיי אויף שטיקער, פּליקט זיי אויף פֿײַפּיצלעך, גיט אַ ווילדן פֿײַף איבער פֿעלדער און וועלדער און פֿאַרשווינדט הינטער בּערג און הינטער טאָלן. אָבער נאָר אויף איין רגע. באַלד קומט ער ווידער צו פֿליען אויף זײַנע קאַלטע מעכטיקע פֿליגל, גיט געשווינד אַ כאַפּ אַראָפּ מיט זײַנע ריזיקע הענט אַ וואָלקן וואַסער פֿון הימל, צעהוידעט אים אין זײַנע הויפֿנס און גיט אים אַ שלײדער איפּן גאַנצן שטח פֿון האָריזאָנט בּיז האָריזאָנט, און עס צעפֿליען זיך קאַלטע געדיכטע טראָפּנס און אַלע פֿיר זײַטן און צעפֿאַלן אויף די ניט-אָפּגעקאַשעטע לאָנקעס, אויף די ניט אָפּגעשניטענע פֿעלדער, און אַזוי נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, אָן אַ ציל און אָן אַ חשבון, דורך טאָג און דורך נאַכט.

און עס הייבּן אָן שוואַרץ צו ווערן די תבואות אין די פֿעלדער און הייבּן אָן פֿוילן. די צײַטיקע קערנער שיטן זיך אויס פֿון די קעפּלעך און וואַלגערן זיך נאַסע פֿאַרבּלאָטיקטע איפּן גאַנצן פֿעלד, און עס הייבּט אָן פֿוילן אַפֿילו דער זאַנג, דער שטרוי....

וואו ניט וואו הינטער אַ פֿעלד, הינטער אַ וואַלד האָט זיך צוגעטוליעט אַ דאָרף, אַ דערפֿל. אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך וועלן באַהאַלטן פֿון ווינט און רעגן, האָבּן זיך צוגעבויגן די שוואַרצע קלײנע הײַזלעך מיט די צעפּײלטע שטרויענע דעכער נידעריקער צו דער ערד, און האַלטן אײַן זייער אָטעם... און אויף צענדליקער מײַלן אַרום און אַרום ציען זיך וועלדער און פֿעלדער, פֿעלדער און וועלדער, און עס הוליעט דער ווינט און שפּילט זײַן ווילדן שפּיל מיט רעגן, און לײַבּט אָן אויף די דערפֿער און דערפֿלעך

מיט זײַן וואַסערדיקן רײַטוואָגן און שמײַסט אין די שײַבלעך פֿון די פֿענסטער מיט דראָבנע, געדיכטע-געדיכטע טראָפּנס.

און די ערד איז שוין מיד געוואָרן אַרײַנצוזויגן אין זיך דעם מבול, און עס בלײַבן די וואַסערן שטיין אויבן, אויף די פֿעלדער, אויף די לאָנקעס, אויף די וועגן, און זיי מישן זיך צוזאַמען מיטן זאַמד. מיט דער שוואַרצער ערד, און עס ווערן לוזשעס, און עס ווערן בלאָטעס. דער נאָסשטשעניק ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ לײַמיקן טײַך, און די זײַטיקע וועלעך ווערן צעגאָסן, די טײַכלעך ווערן איבערפֿילט מיט וואַסער און פֿאַרטרינקען די ברעגן, די הריקלעך, די קלאַדקעס — אַלץ ווערט אויסגעמישט אינאיינעם. און עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד פֿון וואַסער ביז טריקעניש, פֿון ערד ביז הימל, אַלץ איז אָנגעטאָן אין אַ גראָען וואַסערדיקן רעגן-מאַנטל.

און אין דער לופֿטן טראָגט זיך אַ שרעקלעכער שאָטן פֿון דאָרף צו דאָרף, און דעם געשטאַלט פֿון אַ שוואַרצן פֿייגל מיט היבערישע אויגן טראָגט ער זיך און פֿאָכט מיט זיינע פֿליגל, אַזוי ווי אַ נישט-גוטער, און פֿאָכט אָן אויפֿן לאַנד הונגער און יקרות, הונגער און יקרות....

---

צוויי מאָל אין טאָג, אין דערפֿרי און פֿאַרנאַכט, קלינגען די גלאָקן אין קלויסטער — זיי קלינגען אַזוי לאַנגזאַם, אַזוי ימים-נוראימדיק, ווי ערגעץ הופּנדיק, ווי עפּעס צוזאָגנדיק. עס הערן די פּויערים די קלאַנגען, קריכן זיי אַרויס פֿון הינטער די קאַלטע אויוונס, ציען אָן אויף זיך די גראָבע סערמיעגעס און גייען זיך צונויף אין קלויסטער אַריין, שטילע, שווייגזאַמע, מיט ערנסטע געזיכטער; זיי צעשטעלן זיך אויף די קני און בוקן זיך נידעריק, און אַלע האָבן זיי איין געדאַנקען אין מוח, איין געבעט:

„אָ, גאָטעניו, לאָז צונויפֿנעמען די תּבֿואות, לאָז ראַטעווען דאָס לעצטע שטיקל טרוקן ברויט"....

דערנאָך קערן זיי זיך צוריק אום אין זייערע פֿינסטערע הייזלעך און שווייגן ווידער, און וואַרפֿן בליקן דורכן פֿענסטער אויפֿן ביזן, פֿאַרוואָלקנטן הימל.

אין עק דאָרף לאָזט זיך הערן דאָס בילן פון אַ הונט. עס ציען זיך הויכן דאָרף וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט סחורה, אַרומגעוויקלטע מיט זעק. לאַנגזאַם שלעפּן זיך די הויכגעהייקטע פערד, די רעדער מישן דעם קויט, און די פורמאַנעס גייען דערבײַ, אַריבערגעדעקטע מיט שוואַרצע גראָבע לײַלעכער; קיין פּנימער זעט מען ניט, מען זעט נאָר אַן אומפּאַרטיקע באַוועגלעכע מאַסע, פון וועלכער עס רינט פון אַלע זײַטן, פון אַלע פעדעם. עס פאָרן הויך די וועגענער און ווערן פאַרשוואונדן העט ווייט אין געדיכטן וואַלד אַרײַן.

און ווידער שטיל.

ווײַט־ווײַט פון וועג, איבער די מעזשעס צווישן די פעלדער, ציט זיך אַ פּראָצעסיע. אַזוי ווי באַשעפענישן פון עפּעס אַן אַנדער וועלט אַראָפּגעקומענע, גייען זיי הויך דעם וואַסערדיקן שלײַער, לאַנגזאַם גייען זיי — פון פאָרנט דער גלח, טראָגט דעם הייליקן בילד, און הינטער אים די עלטסטע אָנגעזעענסטע פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, אַכציק־נײַנציק־יאָריקע, פון דער ערד אויסגעוואַקסענע, אויף דער ערד ערצויגענע. דאָס האָבן די ייִנגערע זיי אַרויסגעשיקט אין ווינט און אין רעגן פועלן בײַ גאָט, ער זאָל אַראָפּנעמען פון זיי זײַן שטראָף און זאָל זיי פון הונגער אויסהיטן, זאָל צעטרײַבן די וואָלקן, און זאָל אַרויסשיקן די זון אויפן הימל — די ליכטיקע זון. און די אַלטע, ערפילטע מיט דער וויכטיקייט פון זייער שליחות, גייען לאַנגזאַם, ערנסט. פון איין מעזשע צו דער צווייטער, אין דער רעגן שמײַסט זיי פון אַלע זײַטן, נעצט זיי הויך ביז לעצטן פאָדים איבער לײַב, און זיי גייען און זינגען אַ תּפילה צו גאָט, ער זאָל זיך מרחם זײַן איבער זיי און איבער זייערע קינדער און זאָל אויסלײַטערן דעם הימל, זיי זאָלן קענען צונויפנעמען די הייען פון די לאָנקעס, די תּבואות פון די פעלדער. זייערע הערצער זײַנען צעבראָכן, און די שטימען צעבראָכענע, און אַזוי פיל גלויבן און ליבע ליגט אין זייערע שטימען, און זיי הייבן זייערע שוואַכע, כּמעט אויסגעלאָשענע אויגן אַרויף צום הימל, צו דערזען אַ שטראַל ליכטיקייט.... און זיי גייען ווײַטער צווישן די מעזשעס און ווערן אַלץ טיפער און טיפער פאַרזונקען צווישן די עלנטע פאַרשוואַרצטע תּבואות.

און דער שוואַרצער פויגל מיט די הויכערישע אויגן פליט ווייטער זיין וועג און פאָכט איבערן לאַנד מיט הונגער און יקרות, מיט הונגער און יקרות...

---

עס הוזשעט דער ווינט אין די שפּיצן פון די ביימער און ברענגט אַלץ נייע און נייע כמאַרעס, און וואַרפט זיי גאַנצע בערג איינע אויף די אַנדערע, און אָט גיט ער ווידער אַ כאַפּ אַ גאַנצן וואָלקן און זיינע רויקע הויפנס און גיט אים אַ שליידער פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט און עס צעפליט זיך אַ מבול פון קאַלטע טראָפּנס און גיט אַ לייג די תבואות מיט די גראָזן, און זיי בייגן זיך אַלץ נידעריקער, נידעריקער, און די קעפּלעך פון די זאַנגען ווערן אַלץ ליידיקער און שוואַרצער — עס נעצט און עס פוילט, עס נעצט און עס פוילט....

אָט איז אַ מאָהילניק. עס פאָרט צו אַ פורל מיט אַן איינגע־הויקערטן דורכגעווייקטן פערדל. פון פאָרנט שטעלט זיך אָפּ דער דיאַק אין אַ ווייסן קיטל אָנגעטאָן, מיט אַ צלם אין דער האַנט, פון הינטן גייען צו עטלעכע מענטשן מיט פינצטערע בליקן, נעמען אַרויס אַ טרומנע פון וואָגן און טראָגן זי דורכן טויער צו דער פריש־אויסגעגראָבענער גרוב, און מען לאָזט אַראָפּ די טרומנע אין דער ווייכער בלאָטע, און באַלד הערט זיך, ווי עס קלאַפּן זיך קלעפּיקע שווערע הויפנס ערד אויף דער נאַסער טרומנע אין דער טיפעניש פון דער גרוב — —

אַן אָרעמער ערד־אַרבעטער איז צו קבורה געקומען.

---

# אַ חורבן פון אַ ישוב

(קאַפּיטלען)

# אויף דער ווילִיע.

ווייניק גרייסע שטעט זעט די ליטווישע מאַמע, די ווילִיע, אויף אירע ברעגן. מערסטנטייל זיינען עס נאָר אָרעמע פּאַריתומטע ווייסרוסישע דערפער און דערפלעך, וואָס טוליען זיך צו אירע ברעגן. ערטעדווייז גיט נאָר אַ קלויסטער־קאָפּ אַ שיס אויס אין דער הויך מיט אַ שוואַרצן צלם — אַ סימן פון אַ שטעטל. און קליין איז די באַוועגונג אויף דער ווילִיע — די וועגן, וואָס שלענגלען זיך זומערצווישן מאַגערע קאָרנס און גרינע קאַרטאָפל־פעלדער, און ווינטער איבער די פּאַרשנייטע לאָנקעס און פאַרפראָרענע בלאָטעס, זיינען גריבעדיק, צעקרימט און ווערן קיינמאָל ניט אויסגעגלייכט. די פּויערישע וועגענער, איינגעשפּאַנט אין די אויסגעמאָגערטע פערדלעך, סקריפּען מיט זייערע ניט־געשמירטע רעדער פון דאָרף צו דאָרף, פון דאָרף צו שטעטל, און האָבן קיין תּרעומות נישט צו גאָט, נישט צו לייט: אַזוי איז עס, אַזוי איז עס... און פון בעסערס ווייסט קיינער נישט, און אַזוי ווי אַלע טייכלעך, וואָס ציען זיך אין צפון־מערב־זייט פון דער ליטע, פאַלן אַריין אין דער איינציקער ווילִיע אַריין, אַזוי פאַלן כמעט אַלע האָרפּס־וועגעלעך אַריין אין דעם ברייט צעלייגטן פּאָלאָצקער טראַקט, וואָס שניידט דורך אַ גרויסן טייל פון דער ליטע און שיקט איבער מיט די פּאָרער און גייער די פריינדלעכסטע גערוסן פון איין שטעטל אין צווייטן אַריין. ביז עס קומט צום שטעטל מ., וואָס זיין נאָמען איז אויף אייביק פאַרבונדן מיטן נאָמען פון האָרציקן אד״ם הכהן, און דאָרט שניידט דער טראַקט דורך די ווילִיע, און לאַנגזאַם און געדולדיק פּעקלט ער אַריבער אויף דער צווייטער זייט אַלע משׂאות און סחורות, וואָס די אָרעמע ליטע רייסט אָפּ פון זיך אַליין און שיקט עס אַזעק אויף צו מסחרן אין דער וועלט אַריין.

אַ פּאַראָם גייט אים איבערן וואַסער און פֿירט לאַנגזאַם און געלאָזן אַהין אַ פּאָר פֿורלעך, אַהער אַ פּאָר פֿורלעך. דער פּאַראָמ־שטשיק האָט געהולד, זיצט ער זיך רויִק אין זײַן הײַזל און כאַפּט אַ דרעמל, אָדער ער עסט פֿון גרויסן לײמענעם שיסל מיט דעם הילצערנעם לעפֿל מיט־נישטע ווייערס מיט מעקענע־ברויט, און אויף יענער זײַט טײַך קלײַבן זיך דערווײַל פֿאָרער און גייער, ביז עס קלײַבט זיך צונויף אַ שפּאָר ביסל. אָבער דער פּאַראָמשטשיק וואַרט אויף אַ גרעסערן עולם.... און אַז די פֿאָרער זעען, די זון האַלט בײַם פֿאַרגײן, און זיי דאַרפֿן נאָך אָנגײן אַ שײנע פּאָר וויאָרסט, צעשרײַען זיי זיך מיט אַ קול בקשה ותחנונים:

— פּאַ—אַ—אַ—ראָ—אָ—אָם!

גרינגער איז צו שרײַען „פּאַראָם" אין אַ שטילן וועטער. אָבער אַז עס צעהוליעט זיך דער ווינט און הײבט זיך אָן בײזעריק וואַרפֿן מיט שטיקער ווילגע און צעפּײַפֿט זיך אויף זײַן הילכיקן פֿײַפֿל, דאַמאָלסט מוזן זיך די פֿאָרער פֿאַרוועטן מיטן ווינט און איבער־שרײַען אים אַוודאי, מען זאָל דערהערן אויף דער צווייטער זײַט.... דער פּאַראָמשטשיק רײַסט ענדלעך אַרויס אַ שטיק פּאַפּיר פֿון דעם פֿאַר־שרײַבענעם העפֿט, וואָס דעם באַלעבאָס הרר־ייִנגל האָט אים אַוועק־געשענקט, שיט אָן אַ טרײַבל מאַכאָרקע־טאַבאַק און פֿאַררויכערט, פֿאַרציט אַ „געזונטן" צי פֿון דעם „געזונטן" פּאַפּיראָס און לאָזט זיך לאַנגזאַם גײן אַראָפּ צום פּאַראָם מיט אַ ערנסט־באַטראַכטער מינע פֿון אַזאַ אײנעם, וואָס אָן אים הענגט זיך דער גורל פֿון אַ גאַנצן געריכט־באַפֿעלקערטן געגנט.

---

לאַנג איז דער זומער און לאַנג איז דער זומערדיקער טאָג. פֿאַר די, וואָס גיסן זייער שווייס אויף די פֿעלדער פֿון פֿרי ביז בײַנאַכט. אַפֿילו אויפֿן טראַקט ווערט שטיל די באַוועגונג — די אַלטע פּתוחות ווײַנען שוין אויספֿאַרקויפֿט, קײן נײַע איז נאָך ניט פֿאַרטיק געוואָרן, די פֿעלד־אַרבעט ברענט אונטער די הענט, און די פּויערים האָבן עס פֿאַראַרים־געווען: נאָך מיט וואָכן צוריק האָבן זיי זיך אָנגעטרײַט גענוג מאַכאָרקע אויף דער היציקער צײַט, די אַקער־אײַזנס מיט די סער־פּעס האָבן זיי נאָך אָנהייב זומער און די קוסיעס אָנגעשאַרפֿט.

און זאַלן מיט שמירעכץ צו די רעדער האָבן זיי אָנגעקייפט אויף די אָנהייבזומעדיקע „קערמאַשעס“ (יערידן). איז אויף די זייטיקע דאָרפס=וועגן די באַוועגונג אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן, און טויט איז דאָס שטעטל.

וואָס טוסטו דאַמאָלסט, יונגער ייִד, וואָס קיין פעלדער האָסטו ניט און שניידן קאָנסטו ניט?

גיי אַרויס און דערפֿרי אויפן ברעג פון דער ווילִיע — די ווילִיע ווייסט ניט פון רוען, אויף אַן אָרט שטיין, און מיט איר צוזאַמען ווייסן אויך די „וואַסער=מענטשן“ ניט פון קיין רו. דער וואַסער=וועג האָט זיינע שטענדיקע זומערדיקע פּאַסאַזשירן — דאָס זיינען די פּליטן, די געהילצן, וואָס גייען אין ווילנע, און קאָוונע, און פּרייסן אַריין. דו זעסט: אַ פּליט רוקט זיך אָפּ פון ברעג און לאָזט זיך אין וועג אַריין — טראַכט ניט קיין סך, דו האָסט נאָך צייט, און כאַפּ זיך אַרויף אויף די קלעצער. צווישן צוויי ברעגן וועסטו שווימען און קיין איין רגע וועסטו אויף אַן אָרט ניט שטיין. איבן וועסטו זען הימל, אונטן וואַסער, און אויף די ברעגן פעלדער, וועלדער, לאָנקעס. פּויערים באַאַרבעטן די ערד, עס פּאַשען זיך שעפּסן, אַ פּאַסטוך שפּילט אויף אַ פּייפל — ניט דיין דאגה — די ווילִיע טראָגט דיך ווייטער, ווייטער, און זוך ניט קיין געפאַרן אויף דער ווילִיע. פאַרגעס אָן ים און אָן שטורעמס, אַ שטילע איז זי, די ליטווישע מאַמע, אַליין אַ באַשיידענע, אָבער אַ קלאָרע, אַ הערצליכטיקע, און ליב זאָלסטו זי האָבן מיט אַ שטילער, האַרציקער ליבע.

עס קומט אָן דער פאַרנאַכט. די זון זעצט זיך אין מערב=זייט. די ווילִיע ווערט ערנסטער, טיפער און שוואַרצער. אַנטקעגן, זעסטו, פאָרן צוויי פישער=שיפלעך אַרויס, מיט אַ נעץ צווישן די פישער=שיפלעך פאַרשפּרייט — דאָס טיילט זיך די ווילִיע מיטן לעצטן ביסל אָרעמקייט, די פיש, מיט אירע באַזיצער. זאַמדיקע פעלדער פון איין זייט און שיטערע סאָסנאָווע וועלדלעך פון דער צווייטער זייט. דאָ און דאָרט טוליען זיך צו דער ערד הייזלעך מיט טונקל=געוואָרענע ווענט און שוואַרצע אונטערגעפוילטע שטרויענע דעכער. אָבער עס שאָדט ניט: הער זיך צו — פון דער ווייטן דערטראָגט זיך אַ צעצייגענער, אָבער אַ מונטערער געזאַנג — דאָס גייען די שני=

טשעקעס נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט צו זייערע „באַלעבאָטים" אויף אָפּרו. קיין ווערטער הערסטו ניט, צו ווייט איז פון דיר דער קול, און אַ ביסל פרעמד איז דיר די שפּראַך, אָבער דו ביסט זיכער, אַז זיי זינגען:

— וואָס אַרט אונז, וואָס די ערד איז אַן זאַפט, וואָס די דעכער פון אונזערע הייזער זיינען שטרויענע און די ווענט צעהאַקטע — מיר טוען וואָס גאָט האָט געבאָטן: קיין מי שפּאָרן מיר ניט, און דאָס איבעריקע איז אַ גאָט-זאַך, איז אַ גאָט-זאַך....

---

אַז דו קומסט צו זיך אַ ביסל, זעסטו — פאַרגאַנגען שוין די זון און עס קומט צו דיר פון ברעגנדיקן וועלדל די נאַכט מיט אירע שוואַרצע טיפע אויגן, און עס באַפאַלט דיך אַן אומרויקייט. אָבער עס שאַדט ניט: נאָך איידער די זון איז פאַרגאַנגען, האָט זי באַשטעלט די פולע בלאַסע לבנה אויף איר אָרט, און דו זעסט — די לבנה טוט, וואָס זי קען, באַלייכט דעם וואַסער-וועג, ווי זי קען. צי מען וועט זיך אָפּשטעלן אויף נאַכטלעגער? פרעגסטו.

— ניין, מען וועט זיך אויף נאַכטלעגער נישט אָפּשטעלן, וואָרעם צו אַ קרעטשמע איז נאָך ווייט, און די נאַכט איז אַ ליכטיקע, איז אַן עבירה די צייט — און מען ווייזט דיר אויבן ביידל, וואָס הייבט זיך אין מיטן פּליט: קריך אַריין און לייג דיך שלאָפן.

דו קריכסט אַריין אין שטרויענעם ביידל, וואָס איז איבערגעבעט מיט שמעקעדיקן גראָז און צוקאָפּנס ליגט אַ סערמיענגע, דו פאַרמאַכסט די אויגן און מיינסט, אַז באַלד שלאָפסטו איין — לאָך דיך אויס! די לבנה קוקט אַריין דורך די שפּאַלטן פון דיין סוכּה און זי הייבט דיר אָן וועבן דעם פאָדים פון דיינע אַלטע-אַלטע נע-ונד געדאַנקען:

— אין דער ליטע ביסטו געבוירן, אָבער אַ פרעמדער ביסטו אין דער ליטע, און וואו דו זאָלסט ניט קומען, ביסטו אַ פרעמדער, און דו ביסט געגליכן צו די וואַסערלעך פונם טייך, וואָס האָבן ערגעץ אַמאָל אַ היים געהאַט און האָבן אים ניט מער, און זיי שווימען צווישן צוויי ברעגן, דורך טאָג און דורך נאַכט שווימען זיי, און פון קיין אָפּרו ווייסן זיי ניט — —

עס גיט דיך אַ הייב־אויף פונם שמעקעדיקן גראָז — ניט דו האָסט אים געקאָסעט, ניט דו האָסט אים געטריקנט, און כאָטש אַנגענעם, אָבער פרעמד איז דיר דער ריח — —

אָט זילבערט זיך אין לבנה־שטראַלן אַ דערפל, און אַ ביסל ווייטער זילבערט זיך אין די לבנה־שטראַלן אַ מאָהילניק. דאָס איז ער, דער צווילינג־סוד פון לעבן און טויט. דאָ האָבן די לעבעדיקע אַ היים, און די טויטע האָבן אַ היים, און שכנים זיינען די לעבעדיקע מיט די טויטע, און פון דער זעלבער ערד, פון וואַנען זיי זיינען געקומען געוואָרן, צו דער זעלבער ערד וועלן זיי זיך אומקערן.

אָבער דו, אָבער דו, אייביקער וואַנדערער! ווייסט דען אַ וואַנדערנדעס וועלעכל איפן טייך, וואו דער שטורעם וועט אים אויף וואַסער־שטייבלעך צעברעקלען? ווייסט דען אַ עלנטעס לופטיקס וואַסער־שטייבל, וואוהין עס וועט אים פאַרטראָגן דער הימלאָזער ווינט?....

# דער אלטער רענדאר.

א וויארסט צען פון פאלאצקער טראקט, דארט, וואו די ווילע באגעגנט זיך מיטן גרויסן געדיכטן וואלד, וואס ציט זיך, שווארץ און געדיכט, אויף גאנצע לאנגע מיילן פון שטעטל מ. ביז דער גרויסער שטאט וו., שטייט דאס הילצערנע הייזל פון אלטן רענדאר ר׳ שמואל-יעקב. און זע — די ווענט זיינען פארשווארצט פון רעגנס, שנייען און ווינטן, צעקרימט פון יארן, און שטייען, אנגעשפארט אויף די פאדפארעס, אזוי ווי א הינקעדיקער אויף קוליעס: דער שטרויענער דאך איז באוואקסן מיט א גרינעם מאך. און אזוי קוקט דאס הייזל שוין א סך צענדליקער יארן מיט פארלאשענע אייגן ארום זיך, און זעט פון איין זייט דעם גרויסן געדיכטן סאסנעוואלד, וואס קוקט מיט שטרענג-פארזארגטע בליקן, אזוי ווי א טאטע ארום זיך, און פון דער צווייטער זייט—די מאמע-ווילע מיט די ווייכע מילדע אייגן, און קוקט אזוי יארן נאך יארן, און טראכט זיינע טראכטונגען:

שוין דריי דורות האט עס אין זיינע ווענט דערצויגן — זיידעס, טאטעס און אייניקלעך; אבער ווייניק זיינען אין די צעקרימטע פארמהיערטע ווענט געבליבן. אומדאנקבארע! די זיינען זיך נאך אין די יונגע יארן אין אמעריקע צעלאפן, די אנדערע האבן זיך נאר אויף די פיס געשטעלט, האבן זיי חתונה געהאט אין דער פרעמד און האבן זיך פארגעסן אפילו אמאל צו געסט צו קומען, א גערוס צו שיקן, און יענע האבן זיך מישב געווען און גאר יונגערהייט געשטארבן, און זייערעביינער האט מען אין שטעטל מ. אויפן טויטנפעלד אוועקגעפירט.

קליין איז דאס געזינד, וואס איז טריי געבליבן דעם שטיבל: דער רענדאר ר׳ שמואל-יעקב, אן אלטער, א ביסל אן איינגעהויקערטער ייד, וואס זיצט טאג און נאכט מיט א יארמולקע אויפן קאפ ביים

ווינקל פֿון גרויסן, ווייסן, סאַמנאָון טיש און לערנט; דער אַלטער מלמד, וואָס האָט צוויי הורות דאַוונען, תּפֿילין־לייגן און אַנדערע יידישע זאַכן אויסגעלערנט; רבֿקה, די שטילע טויבּ, ר׳ שמואל־יעקבֿס טאָכטער, די איינציקע און די יינגסטע, וואָס איז איינע מיטן פֿאָטער געבליבן; און ענדלעך — דער פֿאַראַמשטשיק, וואָס האָט זיך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פֿון אַ פֿאַרטיע דורכפֿאָרנדיקע אָרעמעלייט אָפּגעשטעלט, און איז ביי ר׳ שמואל־יעקבֿן אייביק פֿאַראָם פֿאַרבליבן.

שטייט אַזוי דאָס שטיבל פֿאַרטרויערט, און נאָר צייטנווייז, אין אַ שטילן זומערדיקן פֿאַרנאַכט, ווען די זון זעגנט זיך פֿאַרן שלאָף מיטן וואַלד און מיט דער ווילע, צינדן זיך אָן זיינע פֿענצטער־איינן מיט אַ גאָלדענעם פֿייערל, און זיי בלישטשען, און זיי שמייכלען, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך פֿלוצלונג עפּעס פֿריילעכס דערמאָנט פֿון די יונגע יאָרן, פֿון די אַלטע יאָרן.

און אָפֿט קומען יידן־געסט אין פֿאַרשמירטע קאַפּאָטעס מיט בלויע און שוואַרצע שירעמס אין די הענט צו באַזוכן דעם אַלטן ר׳ שמואל־יעקבֿ אין זיין אייַנגעהויקערטן שטיבל. דאָס זיינען שדכנים פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. אַזוי ווי ראָבן, וואָס האָבן עפּעס אַ רויב דערפֿילט אין דער נאָענט, פֿליען זיי אָן יעדן מאָל מיט זייערע קאַלטע אויסגעלאָשענע בליקן און שאַרפֿע צינגלעך, ווילן ביים אַלטן זיין איינציק געבליבן קינד אין דער פֿרעמד צונעמען, צו שווער און שוויגער אַוועקפֿירן.

— ניין, — זאָגט דער אַלטער רענדאַר — אַן איידים זאָלט איר מיר אַהער ברענגען, און איבערנעמען זאָל ער די אַרענדע ביי מיר, און דאָס שטיבל זאָל ער איבערנעמען. וואָרעם איך וועמען וועט מיך מיין טאָכטער איך דער עלטער איבערלאָזן?

און די שדכנים האָבן געזוכט און האָבן געפֿונען, און האָבן אַ חתן אין אַלטנס שטיבל געבראַכט — אַ לערנער פֿון וואָלאָזשינער ישיבה איז עס געווען, און דער חתן האָט די שטילע טויבּ דערזען, איז שוין זייער ווייניק צו ריידן געבליבן....

עס איז אַריבער עטלעכע יאָר, און דאָס אַלטע פֿאַרשטומטע שטיבל איז פֿול געוואָרן מיט קינדערשן געוויין און געלעכטער.

די בהמות פלעגן פרײלעכער פאַר די קינדערלעך װײער מילך פון פעלד אַהײם ברענגען, דער זײדע פלעגט מיט די אײניקלעך און פערדלעך שפּילן און זײ מעשׂיות פון קב־הישר דערצײלן. דער אַלטער רבי פלעגט מיט זײ סדור און חומש לערנען.

דער טאַטע, דער אײדעם, האָט נאָך אַלץ אין װאָלאָזשין אין דער ישיבה געלערנט, און אַהײם פלעגט ער נאָר אױף די בין־הזמנים קומען.

---

לאַנג ציט זיך דער װינטער אין דער טיפענײש פון דער ליטע, אױף די ברעגן פון דער שטילער, פאַרגעסענער װיליע. װאָס װיליע, דער װיליע, ניטאָ מער קײן װיליע! עס איז פאַראַן נאָר אַ לאַנגע װײסע, אײזיקע שטרעקע, װאָס קומט פון דער װײט, ציט זיך צװישן צװײ ברעגן און פאַרשװינדט װידער אין דער װײט. און דער פּאַראָם שטײט עלנט, אַזױ װי אַן איבעריקער, שטום־פאַרפרױרן, צוגעטוליעט צום ברעג אין אַ װינקעלע, און נאָר צײטנװײז, װען דער פראָסט שטאַרקט זיך שױן צופיל, גיט ער אַ טרוקענעם קרעכץ מיט זײנע פאַרגליװערטע ברעטער און — װידער שטיל. דער פּױער קײקלט זיך אַראָפּ פון באַרג אין זײן שליטל, גיט אַ שמײַץ דעם פערדל, לױפט דורך פײל־אױסן־בױגן איבער דעם פאַרמױערטן טײך און — װערט פאַרשװאונדן. דער פּאַראָמשטשיק הט זײן װינטער־רו, שלאָפט גאַנצע טעג אױפן טאַפּטשאַן. נאָר צװײ מאָל אין טאָג, אינדערפרי און פאַרנאַכט, גיט ער קאָרמע דעם פערד און די קו. דער דאַך פון שטיבל איז געדיכט אַרומגעהאַנגען מיט „ליכט", װאָס בלישטשען אױף דער שטרענגער װינטערדיקער זון מיט טױזנטער קאָלירן, און די פענצטערלעך זײנען באַמאָלט מיט די שענסטע ניט־װעלקנדיקע װינטער־בלומען.

אין קאַמער זיצן די קינדער און לערנען מיט אַ ניגון חומש מיט רש״י. אין די לאַנגע אָװנטן, אַז מען צינדט אָן פײער און מען גיט אַ קוק דורכן פענסטער אין דרױסן אַרױס, זעט מען אָפּט — עס בלישטשען בלאַנזשענדיקע פײערלעך אין װאַלד, און אַ ציטער גײט דורך איבערן לײַב:

— װעלף האָבן זיך אױף געיעג אַרױסגעלאָזט....

און אָפּטמאָל צעטראַכט זיך און די ווייסע לבנה־נעכט אַ שאָס איבערן וואַלד — דאָס האָט מכאַש דער יעגער, וואָס שטעלט אים אויפן שניי הייפעלעך האָבער־זאַנגען אַריינצונאַרן די האָזן, אַ האָז דערשאָסן.

און, גרויסער גאָט, וויפיל געשעענישן עס פּאַסירן און דער אומגעגנט פאַר דעם לאַנגען אַייז־באַדעקטן ווינטער! וויפיל מענטשן עס ווערן פאַרפרוירן, וויפיל קי עס ווערן פון וועלף צעריסן, וויפיל פערד עס ווערן צעגנבעט! — אָבער גאָט שיקט אַראָפּ זיינע גוטע מלאכים אָפּצוהיטן פון בייז דעם אַלטן רענדאַר, מיט זיין קו, מיט זיין פערד — הורכן לאַנגען בייזן ווינטער.

ר׳ שמואל־יעקב האָט זיך זיין אַלמער ספרים, זיינע גראָבע סידורים מיט די תהלימס מיט די קב־הישרס, וועלכע ער קויפט צו יעדן מאָל גייע, ווען עס פאָרט נאָר הורך אַ מוכר־ספרימניק איבערן טייך, און ווער ווייסט, וויפיל מאָל ער האָט שוין פאַר זיין לאַנגן געהיישלאָזן לעבן דורכגעבלעטערט די געלבע פאַרוועלקטע בלעטער, אין וועלכע ער קוקט אַריין אין די לאַנגע ווינטערדיקע אָונטן מיט די „שפּאַקולן“ אויף די אויגן, מיט אַ וועקסענעם ליכטל אין דער האַנט....

עלטער ווערט ר׳ שמואל־יעקב און וואָס אַמאָל שוואַכער, און האָס אַמאָל קרעכצט ער אַלץ מערער, און די לעצטע צייט איז דער שלאָף פון זיינע אויגן אַנטלאָפן. מען האָט שוין אַ פּאָר מאָל געבראַכט צו פירן דעם דאָקטאָר פון שטעטל.

דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן רפואות, האָט זיך דעם אַלטן אין בעט געהייסן ליגן; אָבער דער אַלטער האָט זיך אין בעט ניט געלייגט, און האָט נאָר אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— גאָרנישט.... גאָרנישט.... גאָט וועט העלפן.

און ר׳ שמואל־יעקב האָט וואָס אַמאָל אַלץ מערער געלערנט, אַלץ מערער געזאָגט, און אָפּטמאָל פלעגט ער דערציילן זיינע אייניקלעך אַ מעשה וועגן אַ תנא, וואָס זיין צייט צו שטאַרבן איז געקומען, און דער מלאך־המוות האָט אים זײַן לעבן געוואָלט צונעמען. אָבער דער תנא איז כסדר געזעסן און געלערנט, האָט אויף אים דער מלאך־המוות קיין שליטה ניט געהאַט....

---

# אויף אַ קאַלמאַשקע.

ווייניק שהיות האָט גאָט געמאַכט, אַז ער האָט געהאַלטן בײַ דעם שטיקל ערד, וואו עס ליגט די צעוואָרפענע, צעשטרײַטע ליטע. אַזוי ווי כּלאחר־יד, האָט ער אַ שמיר געטאָן אַ טאָל, אַ באַרג, אַ בערגל, און אין מיטן אַ טײַכל. און איבן האָט ער אַ צי געטאָן אַ שטיק פאַרחושכטן צוגעלעגענעם הימל — אַבי פון דער האַנט אַרויסגעלאָזט, און דאָס איבעריקע — קערעוועט אײַך שוין אַליין און זאָלן זיך אײַערע פּאָעטן אָן עצה געבן, ווי זיי קענען. נאָך ווייניקער אַכט האָבן לײַט געלייגט אויף דער ליטע, און אַבי זיי האָבן דורכגעלייגט אַ שטיקל וועג, אַבי זיי האָבן אַוועקגעלאָזט אַ קאַלמאַשקע אויפן וועג. און הענן עפּעס בעסערס, באַקוועמלעכערס האָבן זיי אַפילו ניט אַ טראַכט געטאָן. ווייסט די ליטע, אַז זי האָט זיך נישט מיט וואָס איבערצונעמען, פון תּרעומות צו גאָט איז ניטאָ וואָס צו ריידן; ליגט זי אַ שטילע, אַ פאַרטרוילעכע, אַזוי ווי אַן עלנטע יתומה, אין די אָרעמס פון דער קאַפּריז־פולער נאַטור, ווי איינער זאָגט:

— אַפּריער ה׳, און נאָכדעם גאָט — דו ביסט מײַן איינציקער פאַרזאָרגער.

און די אָרעמע ליטווישע נאַטור קערעפּעט זיך ווי זי קען: ווינטער טוליעט זי די ערד צו איר אײַזקאַלטער ברוסט, שוין אמת אַ ביסעלע צו שטאַרק, ווי דאָס וואָלט, למשל, געווען אַ שטיף־מאַמע, וואָס מיינט כּלומרשט נאָר יענעמס טובה, אַזוי אַז עס גייט דורך אַ ציטער דורך דער שטיף־טאָכטערס לײַב, און קוים־קוים האָט זי כאַפּט אָפּ איר פאַרגליווערטן אָטעם. זומער באַווײַזט שוין די נאַטור כּלומרשט אַ פרייערע מינע און קוקט אויף איר זיגלינג מיט ליבלעכערע אויגן און שענקט איר אַ מתּנה אַ ביקעט פון דראַבנע

פֿעלד־בלומען, גרייט איך צו אַ סעודה אויפֿן פֿעלד, אַזוי ווי אויף אַן אָרעמער חתונה, קאַרטאָפֿל געבראָטענע אויף אַ פֿייער, טאַקע דאָ אין פֿעלד גופֿא, און גרינע אַרבעס־סטרוטשקעס לרוב, און די אָרעמע ליטע נעמט אַלץ אָן פֿאַר גוט און באַחנט און באַשיידן איז איר שמייכל, און זי דאַנקט און זי קען זיך נישט אָנדאַנקען פֿאַר די ליכטיקע טעג און קילע נעכט פֿון דעם זומער. אָבער אין פֿרילינג און אין האַרבסט עפֿנט פּלוצלונג די נאַטור אַלע אירע זאַסטאַווקעס און וואָס זי האָט נאָר ערגעץ אַ וואַסער, לאָזט זי אים אַרויס הוליען איבער דער פֿרייער וועלט און עס ווערן פֿאַרפֿלייצט די גערטענער, די וועגן, דער זאַמד צעשווימט זיך אין אַ שיטערער בלאָטע, און פֿאַרט וואָס אַ פֿורל, קריכן די רעדער ביז איבער העלפֿט אין דער בלאָטע אַריין און דאָס פֿערדל פּאַכט מיט זיינע איינגעפֿאַלענע זייטן און קען זיך קיין עצה ניט געבן. ווערט איבערגעריסן די באַציִונג צווישן דאָרף און דערפֿל, דאָרף און שטעטל. און ווער רעדט אויף אַ ברעג פֿון אַ טייך, אָדער אַ טייכל אַפֿילו, קענסטו אָפּשטיין טעג און וואָכן זיך אויף דער צווייטער זייט ניט קענען אַריבערפּעקלען. און פֿאַלט מיר: ווען די פֿאַרפֿלייצטע פֿאַרשוואומענע ליטע האָט אירע חשבונות מיט די בלאָטעס און געוויסערן, רירט זיך דאַמאָלסט בעסער ניט אַרויס פֿון דער היים!

מיר זיינען געפֿאָרן אויף אַ געדונגענער קאַלמאַשקע, אונדזערע דריי פֿאַרשוין: איך, אַ יינגל פֿון פֿינפֿטן שיעור אין ראַמאַילעס ישיבה — אויף פּסח אַהיים, אַ היגער דאָרער ייד מיט אַן אונטערגעשוירן בערדל און אַ פֿאַרשמאָלצענער קאַפּאָטע אויף דעם נייעם פֿאַפּירענעם קראַגן מיט אַ ווייסן באַל־שליפֿל, מיט אַ נייעם קאַפּעליוש אויפֿן קאָפּ — אַ ברחן, וואָס האָט געדאַרפֿט נאָך דעם זעלבן טאָג אָנציען אין לאַטיעלע צו אַ רייכן ישובניק אויף אַ חתונה, וואָס ער האָט געדאַרפֿט באַקומען — האָט ער זיך באַרימט — צען זילבערנע רובל פֿאַר „באַזועצעניש" און פֿאַרן זאָגן ביים טיש וועט ער ביי דער חופּה־וועטשערע שטעלן באַזונדער אַ טעלער. דער דריטער פֿאַרשוין איז געווען אַ ירושלמי, אַ משולח פֿון אַן ארץ־ישׂראלדיקער ישיבה, מיט לאַנגע געקרייזלטע פּאות און מיט אַ שיטער אויסגעצאַפּטער בערדל. ער האָט געהאַלטן אַ גריסן בלויען שירעם אין דער

האנט, האט אלע ווײלע געשמעקט טאבאק פון זײן פידקאנטיקן פאפירענעם פאקעטל, האט גענאסן און כסדר געשוויגן, ווי אײנער זאגט: מעג זײן וואס עס איז.... איך גיב זיך מיר א שמעק טאבאק און גיב איך מיר א ניס: אפטשי! אפטשי! און דאס איבעריקע, האס די צדקה=פושקע וועט זאגן.

עס איז געווען א וואך אין ניסן. דאס יאר איז געווען אן עיבור, האט זיך די זון נעאײלט — שוין אזוי איך פארשפעטיקט—אפרימען די שיריים פון די אפגעניצטע ווינטערדיקע בגדים אויף דער וועלט און ארויפציען אויף איר אן אנדער איבערשלאק לכבוד יום=טוב. האט די געטריבן דעם שני, ער זאל מאכן וואס גיכער א ווארע און עס זאל עפעס ווערן א שטיקל טאלק מיט די פעלדער, מיט די וועלדער און מיט דער גאנצער זינדיקער וועלט. דער שני האט זיך לאנג נישט געלאזן בעטן — א בריה האט ער געהאט — איז ער געפלויגן פײל פון בויגן אינם געשטאלט פון א שטראמיקן וואסער פון וואלד און באת און האט פארגאסן וועג און שטעג. אבער ניט אומעטום: וואו ער האט נאר געהאט א מקום=מקלט אין די גריבער און אין די שאטנס, וואו די זון האט קײן צוטריט ניט געהאט, איז ער געלעגן, אזוי ווי אן אויפאר — א פאראײזטער, א צעבלײטער, ווי אײנער זאגט: און טו מיר עפעס! און עס האט גע=האט א פנים—אויף לײטישע געלעכטער!—ווי שמוציק=ווײסע לאטעס אויף א שווארצן בגד. אין דער לופט זײנען געפלויגן די פרײע פאטריאטן פון די ליטווישע וועלדער, די פײגל, מיט א ליארעם, א געפילדער, ווי פון עפעס א גוטן יאריד, אזוי ווי זײ וואלטן דא די גרעסטע מציאות אײנגעהאנדלט.... אבער דער וועג איז געווען — אמתע קאטארגע.

פון וואקזאל זײנען מיר ארויסגעפארן אײנס נאך האלבן טאג. בײ א גוטן וועג זײנען מיר אין האראנע א זײגער זעקס, און אין לאטיעלע זיבן. דער וועג איז אבער דא און דארט געווען הרב=גערוסן, די בריקלעך אראפגעטראגן, די קלענסטע טײכלעך און רינעס, וואס זומער האבן זײ הדך=ארץ פאר דער קלענסטער אנצוהערעניש פון דער זון, זײנען געווארן גאנצע ים=טבע=דאמס, און ווער רעדט נאך בײם איסמײדן זיך, ווען מען האט געדארפט אראפפארן

באַטש אויף אַ שפּאַן פֿון שליאַך אַראָפּ, האָט עס געצויגן אַלץ טיפֿער אין דער בלאָטע אַריין, ווי אַ קליפּה רחמנא־לצלן. היינט, גיי שריי: קאַראַאַול!

— באַטש אויף דער חתונה ניט פֿאַרשפּעטיקן! — האָט זיך געבעטן ביי עמעצן דער בדחן, אַזוי ווי ביי אַ גזלן, צורעכטמאַכנדיק זיין באַליאָזן שניפּסל און אַרומווישנדיק דעם נייעם קאַפּעליוש מיטן פֿאַרשמאַלצענעם אַרבל.

— אַבי אַ שנאַפּס זאָל ניט פֿעלן! — האָט געזאָגט דער בעל־עגלה און האָט אַ שמועס געטאָן מיטן פֿערדל מכּוח:

— נאָ, פֿאַדלע מיינע, נאָ!

אָבער דער מכּוח האָט ווייניק געהאָלפֿן. אויף וויפֿיל דאָס אייג האָט געקענט פֿאַרכאַפּן, האָט די בלאָטע געפּלישטשעט, ווי אַ כאַליעווע פֿון אַ שטיוול, וואָס מען האָט נאַר־וואָס אויסגעשמירט און מען האָט אים אַרויסגעשטעלט אויף דער זון צום טריקענען. דער ווינט איז געשווינט אומגעפֿלויגן דאָ און דאָרטן, אַזוי ווי מען וואָלט אים באַצאָלט דערפֿאַר, און האָט געטריקנט דעם וועג.

— ווען איר פֿאָרט מיט איינע צוויי־דריי טעג שפּעטער, וואָלט איר דאָך געפֿאָרן, ווי די גראַפֿן — זאָגט דער בעל־עגלה.

אַ חכם אַ ייד, זיצט מען און מען שווייגט אַ שעה, און צוויי, און דריי, מען ווערט זיך נאָך אַנגעריידן: דער וועג ציט זיך, ווי דער יידישער גלות.

— וואָ — איז אַרויס דער שווייגנדיקער משולח מיטן לשון: — שטעלט אָפּ דאָס פֿערד.

מהיכא־תיתא. אָפּגעשטעלט דאָס פֿערד, דער משולח איז אַרויס־געקראָכן פֿון דער קאַלאַמאַשקע, האָט זיך איינגעבויגן, אַ שמיר גע־טאָן די הענט אין אַ שיטערער בלאָטע און האָט אָנגעהויבן:

— נ־נ־נא, אַשרי יושבי ביתך....

דער בדחן האָט זיך, ווייזט אויס, מתקנא געווען אין דעם משולח, וואָס האָט זיך ענדלעך אויסגעפֿונען אַ שטיקל צייט־פֿאַרטרייב און האָט גענומען אונטערברומען אונטער דער נאָז אַ ליד פֿון אַליקום צונזערס לידער. וואָס איז שייך מיר, בין איך פֿאַרזאָרגט געווען מיט אַ מלאכה אויפֿן גאַנצן וועג. אַלס דער יינגסטער אויף דער

קאַלמאַשקע, וואָס איך האָב פאַרנומען דעם שמאָלן פּאַסיקל אָרט צווישן די איבעריקע צוויי פּאַרשוינען און האָב שוין עטלעכע מאָל איינגעשלעפערט אַ פּיס, האָב איך געהאַלטן אין איין „פּאַרהאָרעווען" עפּעס אַ בעסערע פּאָזיציע אויף דער שטרויענער „סעדזעניע".

מיר זיינען דורכגעפאָרן דערפער, דערפלעך, הינט האָבן גע־בילן, הענער האָבן זיך נאָך הינער געיאָגט, חזירים זיינען אָפּגע־קומען זייער גן־עדן אויף דער וועלט, פּייערים האָבן זייערע הענט אָנגעשטעלט איבער די אויגן: וואָס זיינען דאָס פאַר אַוועלכע? — די אַלטע באַקאַנטע אומציכטיקע פּיזאַושן, וואָס גאָט האָט מיט דעם אומערפאַרענעם פּענזל אין די יונגע יאָרן זיינע כוחות געפּרוווט....

די זון האָט זיך דערווייל מיישב געווען, אַז מאָרגן איז אויך אַ טאָג ביי גאָט, האָט זי זיך גענומען אַראָפּזעצן נידעריקער, דער ווינט האָט חרטה געהאַט אויפן גאַנצן געשעפט — צו וואָס לוינט דאָס אים — און איז אַוועק שלאָפן.

דער משולח האָט שוין לאַנג זיין מנחה אָפּגעדאַוונט. דער בעל־עגלה האָט ווידער אַרויסגענומען זיין הילצערנע טאַבאַק־פּושקע מיט די ביבעלע־פּאַפּיר און האָט גענומען צונויפדרייען אַ פּאַפּיראָס, האָט דער משולח אויך אַרויסגענומען זיינע שמעק־טאַבאַק און האָט מכבד געווען זיינע נאָזלעכער מיט אַ שיינער פּאָרציע, יעדערע באַ־זונדער, קיינע ניט באַעוולט.

— אַפּטשי! אַפּטשי! וויפיל האָבן מיר נאָך ביז וואָראָנע?

אָנשטאָט אַן ענטפער, נעמט דער בעל־עגלה אַרויס פון שטרוי אַ פּעקל, און אַ רויטע פאַטשיילקע איינגעוויקלט, און הייבט אָן פּאַ־מעלעך אויפצופּאַקן: אַ האַלבן לאַבן קאָרענע ברויט, עטלעכע גע־בראָטענע קאַרטאָפל, אַ זויערע אוגערקע און פון כאַלעווע ציט ער אַרויס אַ קוואַטירל 75קער.

— לחיים, ייִדן!

עס איז שוין געווען פינסטערלעך, אַז מיר זיינען פאַרביי־געפאָרן אַ מאָהילניק, דערנאָך אַ גריבליע און מיר זיינען ענדלעך געקומען אין וואָראָנע.

דאָ האָט מען זיך געמוזט אַ ביסעלע אָפּרוען, עפּעס איבער־

כאַפּן „און די „פּאַרלע" — זאָגט דער בעל-עגלה — וויל איך אַ ביסל כעטשקען.

איפּגענומען האָט מען אונז, ווי געווינטשטע געסט.

— אורחים!

דער קרעטשמער האָט פֿאַר אונז אויסגערעדט זיין גאַנצע האַרץ:

— זימען האָט ער דאָ געהאַט צו קויפן עטלעכע טעפּ און אַ דערפּל, קען ער זיך פֿון אָרט ניט רירן — אַ שפּאַס די בלאָטע!

— אונזערע בלאָטעס דאַרפֿט איר וויסן — האָט ער מיט גדלות געזאָגט — האָבן אַ שם אין דער וועלט.

און ער דערציילט אונז אַ לאַנגע מעשה, ווי אַזוי דאָס דערבייקע שטעטל האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געדונגען אויף ימים-נוראים אַ חזן, וואָס האָט געדאַרפֿט הורכפֿאָרן דורך וואַראָנע.

— און אין וואַראָנע, דאַרפֿט איר וויסן, איז ביי אונז שבת און יום-טוב אַ מנין, טאַקע דאָ אין קרעטשמע. האָבן זיך אָבער עטלעכע ישובניקעס מישב געווען, אַז זיי פֿאָרן אויך אין שטעטל הערן דעם חזן.

— כּטייטש, יידן, איר צעשלאָגט דאָך אַ מנין!

זאָגן זיי:

— איר וועט דאַווענען מיט אַ צירוף.

וואָר אַ צירוף? אַז עס זיינען געווען געציילטע צען מענטשן. אָבער וואָס, ווען? זיי ווילן ניט הערן. צוויי דאָזיגער האָבן פֿאַר-נומען ווייב און קינדער און — האָבן זיך אַפֿילו ניט געזעגנט. איז אָבער גאָט אַ טאַטע און שיקט אונז צו צוויי אָרעמעלייט אויף יום-טוב. איז דאָך שוין דאַכט זיך גוט. הערט-זשע ווייטער. זיינען מיט אַמאָל געוואָרן די וועטערן שלעכט און ערגער, דאָס טייכל האָט זיך צעגאָסן, אַז עס איז ניט מעגלעך געווען אַריבער-צופֿאָרן. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז צוויי טעג פֿאַר יום-טוב. עס פֿליזכעט פֿון אינדערפֿרי ביז ביינאַכט. און מיט אַמאָל — מזל-טוב! עפּעס אַ ייד איז אָנגעפֿאָרן מיט אַ פּאָר יינגלעך.

— דער חזן מיט די משוררים?

— אוודאי.

אַ שײנער ייִד מיט אַ ברײטן קאַרק און אַ האַלז, זעט זיך אָן, אַ כּלי. װערט אַ רײד װעגן פֿאָרן װײַטער. אָט — טראַכטן מיר — װעלן דאָס דאָרטן אונזערע הנאה האָבן! — געהאָפֿן אַגוי און נאָך אײנעם — װאָ? סכּנת נפֿשות, קײנער װיל זיך ניט אײַנשטעלן אַריבערצופֿאָרן דאָס טײַכל. װאַרט נאָך אַ טאָג, װערט ערבֿ־יום־טובֿ, דער רעגן האָט זיך נאָך געשטאַרקט. דער חזן קוקט אין הימל אַרײַן, װי אַן אָפּגעמשפּטער. דערװײַל האַלט שױן בײַ מעריבֿ. מילא, צו מעריבֿ משפּעט אים קײנער ניט, מען זעט בחוש, אַז דאָס האַרץ איז אים פֿאַרביטערט. אָבער איך מאָגן, װי עס איז נאָר געקומען צו „המלך", טראָגט אים אונטער דער שמש אַ קיטל:

— אַזױ און אַזױ, רבֿ חזן, דער עולם בעט, װײַזט עפּעס פֿײַנקײט.

— מילא־מילא, צײַט װאַראָגנע איז װאַראָגנע...

נאָך יום־טובֿ קומען אונזערע ישיבֿניקעס אַהײם, שעמען זיך די אײגן צו װײַזן.

— אָ, װאָס װעט איר זאָגן עפּעס גוטס?

— מילא. װאָס װערט דערפֿון? אפֿשר װאָלט מען זיך שױן װײַטער געלאָזט? — דערמאָנט דער בדחן.

— אַװדאי װעט מען פֿאָרן, און אַנדערהאַלבן־צװײ שעה אַרום זײַנען מיר אין לאַטיעלע.

דער בדחן האָט אַרױסגענומען אַ קלײן שפּיגעלע, האָט פֿאַרריכט דאָס שניפּסל, האָט נאָכאַמאָל אַ רײַב געטאָן דעם קאַפּעלידוש מיטן אַרבל, האָט אַ דרײ געטאָן אַ װאָנס.

— נו, געגאַנגען.

און גײענדיק, האָט ער זיך באַצײַטנס גענומען מסדר זײַן איפּן קול און מיט אַ ניגון:

אַזױ װי אַ שײנע האַזאָנע

האָסטו געבליט און געבליט...

עס איז שױן געװען נאַכט, אָבער לאַטיעלע איז געװען ניט װײַט, אַ פּאָר װאָרסט. מיר האָט דערעסן מלחמה צו האַלטן פֿאַרן זינדיקן שטיקל אָרט צװישן די צװײ פֿאַרשײנען, האָב איך זיך געזעצט לעבן בעל־עגלה אױפֿן פֿאָדערשטן ברעטל. עס האָט װידער געבלאָזן אַ װינט, אָבער שױן אַן אַנדערער, אַ קאַלטער, אַ פּראָסטי=

קער. דער עולם האָט זיך אַיינגעדרייט אין די פּלאַשטשן און האָט געשוויגן, ווי איינער זאָגט: לאָמיר זען איך טשיקאַוועס, מיט וואָס דאָס וועט זיך אויסלאָזן. דער בעל־עגלה איבן פאָדערשטן ברעטל האָט גענומען דרעמלען — 75קער איז ניט קיין וואַסער. — און די פּאַרשוינען זיינען איבערגעבליבן אויף גאָטס באַראָט און דער פּאַרלעס יושר, און אַזוי ביי אַ שעה, און אפשר מער.

איך, וואָס איך בין געווען אַ ביסל באַקאַנט מיטן וועג, גיב זיך פלוצלונג אַ כאַפּ און עס איז מיר קשה: ווי קומט אַהער אַ וואַלד?

— רב בערל — וועק איך דעם בעל־עגלה — עפּעס געפעלט מיר ניט דער וואַלד.

גיט ער זיך אַ כאַפּ פון שלאָף:

— אַוודאי, ווי אַזוי קומט אַהער אַ וואַלד? די פּאַרלע מיינע האָט מיר שוין ווידער אָפּגעטאָן.

— נאָ, פערדל, נאָ — גיט ער אַ שמיץ דעם פערדל איבער די אויסגעדאַרטע ביינער.

— וואָס? פאַרבלאָנדזשעט? — גיט זיך אַ כאַפּ דער בדחן ניט טויט ניט לעבעדיק. — אוי־וואַ, דאָרט גייט מען שוין געוויס צו דער חופּה.

— נישקשה — מאַכט דער בעל־עגלה אַ פריילעכע מינע — אַבי מיר וועלן אָנציִען צו דער חופּה־וועטשערע.

הורכגעפאָרן דאָס וועלדל, האָט זיך דער בעל־עגלה אַ כאַפּ געטאָן:

— איך קען שווערן, אַז דאָס איז פּאָרט אונזער וועג.

אָבער זיין רויִקייט איז באַלד ווידער פאַרשוואונדן:

— וואָס פאַר אַ פּאַהיבעל... דאָס שטיקל וועג האָבן מיר שוין לאַנג געלאָזן הינטער זיך.

און טאַקע אַזוי: נאָך אַ האַלבע שעה פאָרן זיינען מיר ווידער געווען אין וואַראָנע, ביי דער קרעטשמע, וואו עס איז שוין געשטאַנען אַ צווייטע קאַלמאַשקע.

— אַ קרעטשמע טאָר מען ניט אויסמיידן, דאָס איז אַ כלל — זאָגט דער בעל־עגלה, — און מיר גייען ווידער אַריין אין דער קרעטשמע.

אַרײַנגעגאַנגען, האָבן מיר געפֿינען די באַלעבאָטע שטײט מיט פֿאַרקאָשערטע אַרבל און זעצט גרױסע לאַבנס ברױט און אױזן, בײם טיש זיצן אַ פּאָר אורחים און דער באַלעבאָס דערצײלט:

— געקומען צו „המלך", גײט צו אים צו אונזער שמיש:

— אַזױ און אַזױ, פֿאַניע חזן....

דאָס האָט דער קרעטשמער װידער איבערדערצײלט, װער װײסט צום װיפֿילטסטן מאָל פֿאַר די עטלעכע יאָר, דעם נס פֿון די גרױסע בלאָטעס און װאָראָנע.

---

# „פּאָליציע“.

ווייט פֿון דער באַן און פֿון גרויסע וועגן איז געלעגן דער ישוב, און זעלטן ווען עס פֿלעגט זיך דאָרט באַווייזן עמעצער מיט אַ קאָקאַרדע אויפֿן היטל און קיינער האָט קיינמאָל ניט געקענט אונ־טערשיידן צווישן אַ „פֿעלדפֿעבל“ ביז אַ פּריסטאַוו — פֿאַר אַלעמען גלייך פֿלעגט מען נאָך פֿאַר אַ מייל ווייט אַראָפּכאַפּן דאָס היטל.

וועגן גובערנאַטאָר האָט די ישובניצע רבֿקה, למשל, געהערט — די עלטערע גויים פֿון די אַרומיקע דערפֿער פֿלעגן דערציילן, אַז ער איז אַמאָל דורכגעפֿאָרן און די געגנטן — זיי זיינען דאַמאָלסט נאָך פּאַסטעכער געווען. אָבער די יינגערע — גרויסע סקעפּטיקער — האָבן אין דער גאַנצער געשיכטע ניט געגלייבט:

— די אַלטע באַרימען זיך — פֿלעגן זיי שמייכלען.

און ביי די „פּאָליטניקעס“, וואָס פֿלעגן טרייבן איבער דער ווילי̇ע דאָס געהילץ אין דער גובערניע אַריין, פֿלעגט מען אָפּטמאָל אויך פֿרעגן אויף משיקאָוועס:

— צי האָבן זיי אַמאָל ניט געזען דאָרטן דעם גובערנאַטאָר?

— יאָ, עס איז פֿאַראַן — פֿלעגן זיי זאָגן — אַ סך דרייען זיי זיך אַרום איבער די גאַסן מיט קאָקאַרדעס אויף די היטלען. אָבער וועך פֿון זיי אַלע איז דער גובערנאַטאָר, דאָס קען מען ניט וויסן.

און דער גרעסטער פּריץ און אומגעגנט איז געווען דער פּריסטאַוו.

אַז חיים־יונה האָט איבערגענומען נאָכן שווער, עליו־השלום, די באַלעבאַטישקייט מיטן פּאַראָם אויף דער ווילי̇ע, האָט אים רבֿקה גענומען לערנען, ווי צו באַגיין זיך מיט „פּאָליציע“ — זי האָט די אַלע זאַכן איבערגענומען בירושה פֿון איר טאַטן, עליו־השלום: אַ געניטער מענטש געווען!

— ראשית=חכמה — האָט זי געזאָגט — איז דער פּריסטאַוו: — עס איז דער פּריץ איבער אַלע פּריצים.

און מען האָט אָנגעלאָדן אַ פולן וואָגן מיט קאָרן, האָבער, אייער און עופות — עס האָט זיך גראָד געמאַכט אַ פּאָר האָן צו קויפן, האָט מען איינגעהאַנדלט אויך די האָן, און חיים=יונה איז מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן אַוועקגעפאָרן אין סטאַן אַריין.

און רבקה, מיט די קינדער, מיטן לערער, מיטן פּאַראָמשטשיק האָבן איבערגעלעבט אַ אומרויִקן טאָג, ביז אין אָוונט איז חיים=יונה צוריקגעקומען מיט אַ ליידיקן וואָגן, אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער, מיט אַ גוטער בשורה אויף די ליפּן:

— צוגענומען!

דאַן האָט ער אָנגעהויבן דערציילן די מעשה פון אָנהייב, ווי אַזוי, און וואָס, און ווען — אַז דעם פּריסטאַוו אַליין האָט ער ניט געזען, עס זיינען אַרויס דער לאַקיי מיטן דיעסיאַטניק, האָבן אויסגעליידיקט די זעק און שטעלט אַוועק פאַר — אָפּגעגעבן די זעק צוריק.

— זעט זיך אָן, אַ גוטער גוי — האָט אַריינגעשטעלט זיין באַמערקונג דער לערער, צורעכטמאַכנדיק די ברילן אויף דער נאָז.

— זייער אַ גוטער! — איז חיים=יונה אַריין אין התפּעלות — און, ווייזט אויס, זייער אַן איידעלער: עס איז אַרויסגעגאַנגען איינע אין הייסן — איר וואָלט זען אַ פּאַניענקע! — האָט אַ טאַפּ געטאָן די האָן און געזאָגט „ספּאַסיבאָ“, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן. איך האָב אַ קוש געטאָן די האַנט, געזעגנט זיך שיין=פיין און פאַרקערעוועט דאָס פערד אַהיים.

דער צווייטער פּריץ איז געווען דער ממונה איבער די בהמות און ברייזלעך — דער אַקציזניק. זי פלעגן זיך אָבער זייער אָפט בייטן און די גענייטע רבקה האָט צו זיי אויך ניט געקענט קלוג ווערן. גיי ווייס, ווער עס נעמט יאָ און ווער עס נעמט ניט, אַז אויבן שטייט איז ניט אָנגעשריבן!

קומט איינמאָל אַ נייער אַקציזניק צו חיים=יונהן. געריכט האָט מען זיך אויף אים שוין פון עטלעכע טעג, האָט מען דאָס פעסעלע מיטן בראָנפן („מען קען זיך באַגיין אָן בראָנפן צווישן גויים“?

מיט דער קאַראַפקע, מיט די קעליִשקעס פאַרוואָרפן ווייט אין די קאָרן אַריין — און שאַפּע איז קיין סימן ניט געבליבן. געקומען — האָט רבקה אַרויסגענומען די שענסטע פאַרבייסנס פון אונטערשטן שופלאָד — צוקערלעקעך מיט איינגעמאַכטס, און חיים־יונה האָט זיך גענומען צום באַמאָוואַר אויף זיין שטייגער: אַראָבגעכאַפּט דעם שטיזל פון דעם רעכטן פוס, און אונטערן אימפּעט פון דער ברייטער לאַנגער כאָלעוועֹ האָט זיך דער פייער באַלד צעפלאַקערט, ווי אַ גזלן; אָבער אַז מען האָט דערלאַנגט דעם פריץ די ערשטע גלאָז טיי, האָט ער זיך אָפּגערופן בלשון בתמיה:

— טיי אַ געטראַנק? ספּיריטוס...

— אָבער, האַרינקע, מיר טאָרן דאָך ניט — האָט מיט אים איינגעטענהט רבקה.

— פאַר אַ גאַסט דאַרף זיין — זאָגט דער אַקציזניק.

האָט חיים־יונה געוואָרפן אַ בליק אויף רבקהן:

-- כמעט, אַז דער ערל איז גערעכט.

און דער אַקציזניק האָט זיך באמת גענומען חידושן:

— אַ שטוב און אַ ביסל ספּיריטוס...

האָט זיך חיים־יונה נאָך אַמאָל איבערגעקוקט מיט רבקהן:

— אין פלוג איז דער ערל טאַקע גערעכט.

— אויב אַזוי — האָט ער זיך אָפּגערופן צום אַקציזניק — דאַרף מען גיין אַ זוך טון, אפשר אויפן פריצס מזל...

חיים־יונה איז אַרויס אין הויסן, האָט מיט פאַרקאַטשעטע פאָלעס אַריינגעבראָדשעט אין די קאָרן, האָט דערטאַפּט אַ פלעשל בראָנפן מיט אַ קעלישעק און האָט זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין:

— אַז דער פריץ הייסט....

האָט זיך דער אַקציזניק אַ כאַפּ געטאָן:

— וואָט, זשיד־מאָשעניק! נו, גיס אָן. איצט ברענג אַ טינט־און פעדער, וועל איך אָנשרייבן דעם פּראָטאָקאָל.

— האַרינקע, וואָס רעדסטו! — איז חיים־יונה געבליבן אַ טויטער מענטש.

— איך לאָך דאָס, איך לאָך דאָס — האָט אים באַרויקט דער

אַקציזניק — אָבער איך קען אַזעלכע װאַסער ניט טרינקען, שטאַר־קערע.... ספּיריטוס....

— עס װעט שוין זײַן, האַרצקע, עס װעט זײַן — האָט אים רבֿקה באַרויִקט: — מיר האָבן ניט געװוּסט.

—! נו, װי גײען די געשעפֿטן בכלל? — האָט זיך דער אַק־ציזניק גענומען נאָכפֿרעגן.

„אָ, ער נעמט" — האָבן גליקצײַטיק אַ טראַכט געטון חיים־יונה מיט רבֿקהן און עס איז זײ באַלד לײַכטער געװאָרן אױפֿן האַרצן, װי זײ װאָלטן די גרעסטע רעטעניש געטראָפֿן.

און אַז דער אַקציזניק האָט געהאַלטן בײַם אָפּפֿאָרן, האָט ער זיך געזעגנט:

— נו, געדענקט, חיים־יונה, איצט װײס איך, אַז איר האַנדלט מיט בראָנפֿן, װאָלסטו זיך היטן. כאַפּ איך דיך בײַ דער אַרבעט, װעסטו זיך ניט אַרױסדרײען.

הײנט גײ און גלײב די דאָיִקע לײט!

און דאָך האָט מען פֿון דאַמאָלסט אָן שטענדיק בײַ חיים־יונהן געהאַלטן אָנגעגרייט אַ קאַראַבקעלע ספּירט פֿאַרן אַקציזניק, װאָס קינער פֿלעגט זיך צו דעם ניט צורירן; סײדן עמעצן פֿלעגט שטאַרק־שטאַרק אָנהײבן „רײַסן די צײן", פֿלעגט מען נעמען אַ ביסל אין מױל אַרײַן!

פֿון אַקציזניקס בראָנפֿן.

אָבער אָפֿטער פֿון אַלעמען פֿלעגט קומען אױפֿן ישוב דער „שליסל", װי מען האָט גערופֿן דעם אוריאַדניק. דער דאָזיקער האָט קײן גדלות ניט געפּראַװעט. אַרײַנגײענדיק אין שטוב, פֿלעגט ער זאָגן „זדראַסטע" און פֿלעגט געבן חיים־יונהן די האַנט. „דער אוריאַדניק װאַקסט דאָרט, װוּ מען זעט אים ניט" — זאָגט רבֿקה, און שטענדיק הערט מען זיך צו אױפֿן ישוב, צי עס הערט זיך ניט קײן קלינגעניש פֿון הינטערן בערגל — נאַטשאַלסטװע פֿאָרט שטענדיק מיט אַ גלאָק.

פּאָליעט אײנמאָל אַזױ רבֿקה אַ באַהעטעטע די בײטן אין גאָרטן, דערהערט זי — עס קלינגט, װאַרפֿט זי אַװעק דעם הױפֿן אָנגע־

קליבענע גראָז אױפן בײט און לױפט גלײך אין חדר אַרײן, װאָ
עס האָבן געלערנט די קינדער מיטן װילנער לערער:

— דער „שליסל“ פאַרט!

די קינדער װײסן שױן, װאָס זײ האָבן צו טון. דאָס ײנגעלע, װאָס האָט געהאַלטן אין מיטן אַ פּסוק פּאַטײטשן, האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן װאָרט, אַזױ װי מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן, און אײנס און צװײ איז אַלץ פאַרטיק געװאָרן: דער לערער — שױן אַ געפּראַקטיקירטער — האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט פון טיש, אַזױ װי אַן אונטערגעשאָסענער און האָט געמאַכט אַ „ויברח“ דורכן אָפענעם פענצטער — טו ז דורך די הױכע געדיכטע קאָרן אין קאַזיאָנעם װאַלד אַרײן. און די קינדער האָבן באַלד אַלץ אין אָרדענונג געבראַכט, און אין אײן הרף-עין זײנען די ביכער, מיט די ספרים, מיט די העפטן געפלױגן אַרױף אױף דער שאַפע, אַראָפּ אונטער די בעטן, און תכרה איז שױן באַלד צעשאָטן געװען אין אַלע װינקעלעך.
רבקה איז אױך נישט געשטאַנען אָן אַרבעט און האָט שנעל געצױגן די שיך אױף די באָרװיסע פיס — פאַר „פּאָליציע“ דאַרף מען דרך-ארץ האָבן.... און חיים-יונה האָט שױן לאַנג אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ און האָט אױסגעװישט די האַנט אָן קאַפּאָטע: באַלד העט ער זי דערלאַנגען דעם אוריאַדניק! די האַנט איז שױן געװען אַזױ אױסגעמושטירט, אַז זי האָט זיך שױן אַלײן געהױבן אַנטקעגן אין אַ שלום-עליכם — „זדראַסטע“.

און אַז דער אוריאַדניק גײט אַרײן, הײבט זיך ערשט אָן די רעכטע אַרבעט: חיים-יונה בעט אים אַרײן אין „חדר“ און רבקה דעקט דעם טיש מיט אַ רײנעם סערװעט:

— האָבער דעם פערד! — טוט חיים-יונה אַ קאָמאַנדעװע צום פּאַראָמשטשיק, און רבקה שטײט שױן בײם פּריפּעטשאָק און מאַכט פײער אונטערן דרײפוס — דער אוריאַדניק איז געװען אַ גרױסער ליבהאָבער פון מילכיקע בלינצעס.

— רבקה, גיב די קאַראַפקע!

און אַז דער אוריאַדניק װערט אַ ביסל פרײלעכער, נעמט ער אַראָפּ די שאַשקע און טוט אױס די שינעל:

— סאָגרעלסיאַ — זאָגט ער באַטעמט.

די קינדערלעך זעען פֿון די ווינקעלעך, אַז דער אוריאַדניק איז כּמעט אַ היימישער מענטש, הייבן זיי זיך אָן אַרויסרוקן אויפֿן שטיב. שלמהקע גייט צו צו דער שאַשקע און הייבט זי אָן אַרומטאַפּן מיט איין פֿינגער:

— טאַטע, עס שיסט?

— אַני, שליאַמקאַ — ווערט רעדעוודיקער דער אוריאַדניק — זאָג מיר נאָר, וואָס זיינען עפּעס בײַ דיר די פֿינגער אײַנגעשמירט אין טינט?

דאָס קינד ווערט בלאַס, ווי די וואַנט; אָבער חיים־יונה שטעלט זיך איין פֿאַר אים:

— גאָספּאָדין אוריאַדניק, דאָס האָט ער זיך געבאַלעוועט מיטן טינטער.

— נו — פֿרעגט זיך נאָך דער אוריאַדניק — און וואָס איז דאָס בײַ אײַך דער קאָרן אויסגעלייגט הינטערן פֿענסטער?

רבקה זעט, אַז דער שמועס נעמט אָן אַ צו ערנסטן כאַראַקטער, געפֿינט זי פֿאַר נייטיק זיך אַליין אַרײַנצומישן אינם שמועס:

— האַרינקע, דאָס האָט דאָס קעלבל אויסגעדראַטעוועט. האָסט דען אַ באַגריף אינם קעלבל? לייגט איים אַלע תּבֿואות.

— נו יאָ, איך ווייס — זאָגט דער אוריאַדניק: — עטאָ רעבע. מען האָט מיר דערציילט.

— עט — הופּט זיך אָפּ רבקה — אַ דאגה האָסטו. נעם בעסער נאָך אַ ביסל בראָנפֿן.

— בראָנפֿן — ענטפֿערט ער — איז גוט. אָבער דו ווייסט, חיים־יונה, איך האָב באַלד קיין האָבער ניט פֿאַרן פֿערד.

— שטייט שוין אָנגעגרייט פֿון צוויי וואָכן — זאָגט מיט גדלות חיים־יונה: — מיר וועלן דען לאָזן אונזער אוריאַדניק אָן האָבער?

און אַז דער אוריאַדניק זיצט שוין אויפֿן וואָגן מיט די צוויי זעק האָבער און הייבט זיך אָן זעגענען, רופֿט זיך אָפּ רבקה צו חיים־יונהן אויף לשון־קודש:

— חיים־יונה, דבּר אים וועגן די שקים, נאָך גאָר נייע שקים, זאָל ער זיי אָפּפֿירן.

— פֿאַר דיר פּאַסט עס בעסער צו דבּרן. דו ביסט אַ ייִדענע.

— ביסטו דאָך אַ מאַנסביל, קענסטו זיך גיכער אָסמעליעחען.

דערווייל גיט דער אוריאַדניק אַ שמיץ דעם פערד און באַלד איז ער שוין נישטאָ. אָבער רבקה באַקלאָגט נאָך אַלץ די זעק אויף לשון־קודש:

— אַזעלכע צוויי טייערע שקים, כמעט ניט קיין געניצטע.

אָבער חיים־יונה הערט שוין נישט מער, און די קינדער לויפן שוין פאַזע טייך און שרייען:

— לערער! לערער! שוין אַוועקגעפאָרן!

אָבער רעכט צערעדט מען זיך וועגן לעצטן באַזוך ערשט ביי מיטאָג, און חיים־יונה, וועלכער פילט נאָך אויף דער רעכטער האַנט דעם אוריאַדניקס „זדראַסטע", נעמט אויבערגעבן זיינע איינדריקן:

— אַ גאַנץ איידעלער גוי, נאָר אַ ביסל אַ שיכור.

— גאָר אַ גרויסער שיכור! — שטעלט אַריין רבקה איר באַמערקונג: — ניט איינעם האָט זי שוין אויפן לעבן איבערגעזען — זי טרייסלט זיך פון אַרבל.

— און דער לערער איז אַזוי ווייט אַנטלאָפן! — זאָגט שלמהקע — קיים געפונען.

— דאָס איז פון מורא — זאָגט דער פאַראָמשטשיק — נאָך צו „פּאָליציע" נישט געווינט.

— וואָס מורא? — פּאַסט נישט דעם לערער און ער פאַרענטפערט זיך — נאַרעלע, דאָס איז דאָך פון אימפּעט, — אַ שפּאַס, אַזאַ שפּרונג!

רבקה שמייכלט:

— אַ סך ווייסן זיי, די שטאָטישע!

# די פערד־הענדלער.

נאָכדעם, ווי חיים־יונה האָט אויסגעביטן ביי די ציגיינער אויפן „קערמאַש“ זיין אַלטן פאַרלעוואַטן פערדל, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיין שווער עליו־השלום, אויף דעם איינגעטייטן „סיוואַק“, האָט ער זיך איינגעפּראַוועט אַ ליטישן שפּאַן מיט אַ רימענער בייטש און האָט זיך אַפילו פאַרגונען אָנצוטשעפּען דעם סיוואַק בראַזגינעס אויפן האַלז. און אַז ער פלעגט אַרויספאָרן, איז עס געווען מיט גאַנצן קנאַק, און דאָס האָט ער טאַקע געמיינט. אָבער צוזאַמען מיטן קנאַק, איז אים צוגעקומען אַ נייע דאגה אויפן קאָפּ.

פאַר דעם פריערדיקן פערדל איז גענוג געווען די אַלטע לעכערדיקע סטאַדאָלע מיט דעם אָפּגעריסענעם דאַך און דעם אויסגעקרימטן טויער, וועלכן מען פלעגט פאַרלייגן מיט אַבי אַ העגל: דאָס פערדל פלעגט זיך היק קייען זיינע סעטשקע, און ר' שמואל־יעקב פלעגט רויק זאָגן זיין תהלים, אָדער דרעמלען — פאַר אַ לאַטעקל אַ גנב איז אַ דרענגל אויך גענוג, און אַ רעכטער גנב וועט זיך אויף קיין „אויסגעמולעטע“ פעל גאָר ניט „קוואַפּען“. מיט אַ גוטן פערד איז אָבער אויפן ישוב שוין נישט אַזוי פריילעך —

לעבן דער נייער שטיב, ביי דער זייט פון דער קיך־טיר, האָט חיים־יונה צוגעבויט אַ „טשיבציאַן“ — אַ נייע סטאַדאָלע פון דריי ווענט, און אויפן דעמבאָוון טויער, וואָס האָט זיך פאַרשלאָסן פון אינעווייניק, האָט ער אויפגעהאַנגען אַ צען־פונטיקן שלאָס מיט גאַנצע קונצן, וואָס איידער מען שליסט אים אָפּ, דאַרף מען געבן אַהין אַ דריי און אַהער אַ דריי, און ערשט דערנאָך קען מען נאָך אַלץ ניט וויסן, וואו מען דאַרף אַריינשטעקן דעם שליסל. און טאָמער איז דער שלאָס נאָך ווייניק, האָט אים דער באַבושער שמיד צו-

געמאכט אן אייזערנע זאוואלע איף דער גאנצער ברייט פון טויער. און דאך איז חיים=יונה ביינאכט נישט רויק, און כסדר עס דאכט זיך אים, עמעצער גייט, עמעצער גנבעט זיך. אבער א יונגער מענטש, איז ער גרינג איף די פיס. כאפט ער זיך אראפ פון בעט א פאר מאל אין דער נאכט, גיט אן עפן די טיר אין סטאדאלע אריין און הארכט. אבער עס שאדט ניט. ווארעם די זומערדיקע נעכט זיינען קורץ און ווינטער איז דער שניי א מסור: ערשטנס, לייכט ער, צווייטנס, נעמט ער אראפ א מאס פון די פיס, ווי דער בעסטער שומער, און גייט עמעצער וואו מען דארף ניט, גייט ער אים נאך מיט די שליאדעס. — ערגער איז אין אסיען. די נעכט זיינען לאנג און פינסטער, און אז גאט פיילט זיך ניט, שיקט ער נאך צו זיינע אנשיקענישן — א פליך=רעגן מיט א ווינט, קלאפט עס אין די שויבן. ווי מיט פינגער, און איפן שינדל=דאך שיט עס, ווי ארבעס=היפנס, און אז דו גיסט אן עפן די טיר, גיט זיך א שטעל אין די אויגן אריין חושך=מצרים, — הייבט גיי, זיי א נביא און טרעף, צי דאס שטייט ווער, צי דאס גייט ווער, אדער דאס איז גאר די פינסטערניש גופא, וואס לאזט דיר א טומאן אין די אויגן אריין און שיקט אן איף דיר פארשיידענע אנשיקענישן, רחמנא=לצלן. און די וועלט מיינט נאך, מי=יודע ווי רייך ער איז. ניט אומזיסט האט זיך חיים=יונה איינגעשאפט אן אמתן פיסטאלעט — פארט א כלי=זיין. שיסט ער אויס א פאר מאל אין דער נאכט, גיט עס א קלונג אין דער לופטן, ווי „פון אן הארמאט“, און זאל די וועלט וויסן, אז חיים=יונה האט זיך פיינט צו פארלאזן אויף ניסים. די פערד=גנבים מעגן עס אויך וויסן. ווארעם די ק.—ער פערד=הענדלער האבן שוין ניט איינמאל זיך סקוואק די ציינער געקוקט, און דעם עק גענדרייט, געשאצט, איף בלויזע מבינות, נאטירלעך.... אלע האבן אבער גוט געוואוסט, אז די דאזיקע האבן גאר א נאענטע שייכות מיט די זאלאזוער... און ווער קען עס נאך אזוי גוט וויסן, ווי חיים=יונה? ווארום צו זעמען, אויב ניט צו אים, קומט מען אן אין א נייט? זאל ער אזוי פיל גוטע יאר האבן, וויפיל מאל עס טרעפט זיך, חברה פליט אן אין מיטן דער נאכט; מען גייט אריין צו חיים=יונהן איף די שפיץ=פינגער אזש אין שלאפצימער

אַריין און מען רוימט אים איין אין אויער אַ סוד, וואָס באַשטייט נאָר פון צוויי איינציקע ווערטער:

— חיים־יונה!

חיים־יונה ווייסט, אַז אין די צוויי ווערטער ליגט באַהאַלטן אַ גאַנצער פאַרוויקלטער געדאַנק, וואָס אַז מען זאָל אים דאַרפן אויס־דריקן אין ווערטער, וואָלט עס אָפּגענומען אַ סך איבעריקע צייט און פּוסטע „רייד", ווי, למשל:

— חיים־יונה, אַן עבירה די צייט, וואָרעם די נאַכט איז קורץ. וועק נישט דעם פּאַראָמשטשיק, וואָרעם מענטשן, ווייסטו דאָך, האָבן לאַנגע צינגער. זיי זיך מטריח און כאַפּ אויף זיך עפּעס אַרויף, — און וואָס ווייניקער גערעדט, איז אַלץ גלייכער.

און אַז חיים־יונה פירט זיי אַריבער אויף יענער זייט טייך מיט די פערד, וואָס ער דערקענט אַוודאי גלייך, פון וואַנען זיי שטאַמען, גיבן זיי אַ זאָג נאָך אַמאָל, שוין העכער ווי פריער, אָבער נאָך מער פאַרסודעט:

— חיים־יונה?!

און לייגן אַרויף די פינגער אויף די ליפּן.

איצט האָט שוין „חיים־יונה" ווידער אַן אַנדער באַדייטונג.

אָבער חיים־יונהן דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט לייגן, און ער ווייסט, אַז מיט דער חבֿרה טאָר מען ניט אַיינרייסן. און אַז עס פליען אויף מאָרגן דער „ריטער קאָלנער" מיטן „שליסל" מיט אַ גאַנצער מחנה דיעסיאַטניקעס און סאָטניקעס, נעמען זיי באַלד חיים־יונהן „אויפן צימבל":

— זאָג אונז אָקאָרשט, חיים־יונה, ווען האָסטו הייַנטיקע נאַכט אַריבערגעפירט?

— אַריבערגעפירט? — פרעגט חיים־יונה און דער שטערן הייבט זיך אָן בײַ אים שטאַרק צו קנייטשן, און ער סטאַרעט זיך פון אַלע כּוחות צו דערמאָנען זיך, ווען אַזוינס ער האָט דאָס הייַנט בײַ נאַכט פליצלונג געקענט אַריבערפירן?

— אַריבערגעפירט? ניין, קיינעם ניט. דער פּאַראָמשטשיק איז איך געשלאָפן, ווי אַ געהרגעטער.

און „פּאָליציע" בלייבט שטיין פאַרחידושט:

דער שליאַד פירט דאָך פאָרט אַהער!

און חיים=יונה — וואָס זאָל ער טאָן? ערשטנס, האָט ער מורא פאַר זיי, צווייטנס, האָט ער אַליין אַ פערד. און ביי זיי אַרויס=גנבענען אַ פערד — איז ווי אַ האָר פון מילך: אַזעלכע מעשיות האָבן שוין געטראָפן — אָי, אָי.

און אַז פאַליציע פאָרט אַוועק, ווערט אים רעכט גרינגער אויפן האַרצן, און ער גייט אַרויס צו זיין סיוואַק און סטאַדאָלע, ווי איינער, וואָס וואָלט זיך וועלן מיט אים אַדורכריידן מכּוח אַ סך זאַכן, און איבערהויפט טאַקע מכּוח דעם ענין פון די פערד=הענדלער. אָבער די מעשה איז דאָך אַזוי: וואָס פאַרשטייט אַ בהמה?

און אויף מאָרגן, אַז חברה קערט זיך אים צוריק אַ בליאַסק אויף טאָג, שוין אויף איין=איינציקן נעבעכדיקן פערדל, און חיים=יונה דערציילט זיי פון דער גאַנצער געשיכטע, באַקומען זיי שוין גאָר אַן אַנדער לשון, און זיי צערייצן זיך שוין אַפילו אַ ביסעלע צופיל:

— נו, וואָס, חיים=יונה, האָט דיר דיין סיוואַק נאָך אַלץ נישט דערעסן? מיר וואַרטן דאָך, זאָלסט אים ביי אונז אויסבייטן. וועסט קריגן עפעס צוגאָב.

— וואָס רעדט איר — בעט זיך חיים=יונה — גאָט איז מיט אייך!

ענטפערן זיי רויק:

— ווי דו פאַרשטייסט. מיר עצהן דיר וואָס גלייכער.

און חיים=יונה זעט באַשיינפערלעך, אַז עס ברענען זיי די אויגן, ווי אויף אַ שׂרפה. אָהאָ, אַזעלכע, אַז זיי דערזען עפעס רעכטס...

און דאָ טרעפט זיך אַמאָל, עס פאָרן דורך די זאַלאָווער בור=לאַקעס און גיבן יעדן מאָל הינטערווילעכטס אַ קוק אויף דער סטאַדאָלע.

— עפעס געפעלט מיר נישט — זאָגט רבקה — וואָס די זאַלאָווער קוקן אויף דער סטאַדאָלע.

אָבער חיים=יונה פאַסט זיך מיט און זאָגט:

— לאַך דיך אויס!

אָבער אין האַרצן איז חיים־יונה כּלל ניט רויק: אַ קלײניקײט, גנבים, אַז עס צעקאָכט זיך אין זײ דאָס בלוט!

וואָס־זשע טוט מען?

און חיים־יונה זוכט עצות און עס קריכן אים אין קאָפּ פאַרשײדענע געדאַנקען, אײנער קרומער פון אַנדערן. שלאָפן אין סטאָדאָלע אויף דער „דראַבינע" איז אוודאי אַ פּלאַן. אָבער דער פּאַראָמשטשיק טויג ניט, ער האָט אַזאַ יוניִשן שלאָף, אַז מען קען פון זײנעטוועגן די גאַנצע שטוב צעטראָגן. אַלײן ליגן זיך? איז פאַר אים צו קאַלט, און בכלל אַ ייִד אַ באַלעבאָס, קען מען זאָגן... אַלא וואָס? איבערבײטן די „יוצרות", די בהמות אַרײַנשטעלן אין סטאָדאָלע און דעם פערד אָפּגעבן די שטאַל? קען עס אָבער לײַכט צעפּיקט ווערן איבער די אַרומיקע דערפער, און די גוים וועלן חוזק מאַכן פון דעם „יונגן אַרענדאַר" — זײ האָבן אַזוי אויך פאַר אים קײן דרך־ארץ נישט, און אַז ער פאָרט דורך אַ דאָרף, שטעקן אים די שקצים אַרויס אַ לאַנגע צונג אַנטקעגן: „זשיד, חאַלאַמײַ"... בײדן אַרײַננעמען דעם סוואַק צו זיך אין די צימערן אַרײַן — אָט וואָס פאַר אַ געדאַנקען עס פאַלן אײַן אַ ישובניק, ווען ער האָט אַ גוטן פערד!

— באמת, משוגע צו ווערן — טראַכט חיים־יונה און בינו־לבינו בלײַבט ווידער, ווי געווען.

קומט אײנמאָל חיים־יונה צו פאָרן אַהײם פון דאָרף, שפּאַנט אים דאָס פערדל און לײגט זיך צו אַ ווײַלע מיטן געדאַנק, אַז כּל־זמן דער סוואַק וועט זיך אָפּקילן, וועט ער כאַפּן אַ קלײנעם דרעמל. דערנאָך וועט ער אים געבן טרינקען — חיים־יונה ווײסט, ווי אַזוי מען באַגײט זיך מיט אַ פערד!

אָבער אַ געזונטער מענטש, אַן אָנגעהאָרעוועטער, אַז ער האָט זיך איבערגעכאַפּט, איז שוין געווען ליכטיקלעך, און עפּעס האָט אים גלײַך אין האַרצן אַ צופּ געטאָן: אַזוי פאַרשלאָפן זיך! חיים־יונה כאַפּט אַרויס דעם פּיסטאָלעט פון אונטערן קישן און פליט צו דער סטאָדאָלע. אָבער מער ווי ביזן טיר איז ער נישט דערפלויגן: דער טויער פון דער סטאָדאָלע איז געווען ברײט פונאַנדערגעעפנט און דער ווינט האָט אים פּאַוואָלינקע אומגעדרײט אויף

די זאַװיעסעס אַהין און אַהער. חיים־יונה האָט צװײ מאָל איבערגעשלאָגן גלאָט אין דער װעלט אַרײַן און האָט נאָר פֿונאַנדערגעװעקט די צעשראָקענע קינדער. די סטאַדאָלע איז געװען ליידיק. חיים־יונה גיט הייב דעם קאָפּ אין דער הייך — אַװדאי! די שינדעלען פֿון דאַך זײַנען צענומען: מען איז, הייסט עס, אַרײַנגעקומען דורכן דאַך. און עס איז קיין זכר ניטאָ, ניט פֿון סיװאַק, ניט פֿון שפּאַן — ואַפֿילו די בראַזגונעס האָט מען צוגענומען. אױפֿן מיסט האָט זיך נאָר פֿאַריתומט געװאַלגערט די רימענע בײַטש.

חיים־יונהן האָט זיך אָנגעהויבן מישן אין קאָפּ: װאָס טוט מען? און דער ערשטער געדאַנק זײַנער איז געװען זײַער אַ היציקער: פֿליִען, לויפֿן, כאַפּן, יאָגן, שיסן! אָבער װאו? גרינג צו זאָגן — פֿליִען, אַז עס איז אַפֿילו נישטאָ װעמען אײַנצושפּאַנען. איז דער צװייטער געדאַנק זײַנער געװען: אָנטון זיך און גיין.... גיין, זוכן, פֿרעגן, דערװיסן זיך. און אַז ער האָט זיך שוין געהאַלטן אין אָנטאָן, איז פּאַװאָלינקע געקומען דער דריטער געדאַנק, װאָס האָט אים אַ ביסל באַרויקט:

— אַ סוף און עק מיט דער ציטערניש: טאָמער גייט מען, טאָמער שטייט מען. אײנמאָל פֿאַר אַלע — אױס: נישט מען װעט שוין מער גיין, נישט מען װעט שוין מער שטיין, נישט מען װעט שוין מער גנבענען.

און װידעראַמאָל: גרינג צו זאָגן — נישטאָ װאָס צו גנבענען. קען מען דען אױסקומען אָן אַ פֿערד אױפֿן ישוב?

עפּעס איבערגעכאַפּט, האָט ער זיך צורעכט געמאַכט די װאָלענע שאַלקע, אָנגעטאָן דעם קעסטלדיקן מאַנטל מיטן סותּישן קאַפּישאָן, האָט גענומען די פֿאַריתומטע בײַטש אין דער האַנט אַרײַן, און אױפֿן װעג האָט ער זיך נאָכגעפֿרעגט אין די דערפֿער און דערפֿלעך:

צי װי װידיעלי, עמעץ זאָל האָבן געפֿאָרן הײַנטיקע נאַכט אַדורך אַזאַ געגנבעטן פֿערד, אַזאַ סיװאַק, אַ געזונטן...

יאָ, פֿערד האָט מען געזען — רױטע, שװאַרצע, אײנעם אַפֿילו אַ װײַסן, אָבער קיין סיװאַק האָט מען אין די אױגן נישט אָנגעזען.

און אַז ער איז ענדלעך געקומען אַ פֿאַרסאַפּעטער אין ק. און

איז אַרײַנגעפאַלן צו די פערד=הענדלער, האָט ער זיך גענאַיילט אױסצורײדן פאַר זײ דאָס האַרץ פאַר דער גאַנצער עוולה, וואָס זײ האָבן אים געטאָן:

— וואָס איז, חיים=יונה?

— איר גנבעט מיר צו דעם פערד און איר לאָזט מיך, ווי אָן הענט.

— טאַקע צוגעגנבעט? — מאַכן זיך יענע פלומרשט ניט וויכנדיק: — באמת אַ שאָד, אַזאַ פערד. אָבער געדענקסט, חיים=יונה, מיר האָבן דיר געעצהט. בעסער, אַז מען פאָלגט.

— אפשר זײַט איר טאַקע גערעכט — זאָגט הכנעהדיק חיים=יונה: — אָבער אַזוי אָפּטאָן, אַזוי אָפּטאָן....

ענטפערן יענע:

— מילא, מען קען עס דערגײן, פאָרט אַן אײגענער מענטש. ווײַל פאַר דיר וועט עס קאָסטן אײן פינף=און=צוואַנציקער.

ווערט חיים=יונה ווידער פריילעכער, און דאָך מאַכט ער זיך קאַלט:

— מילא, מסכים.

— אָדער ווײסט איר גאָר וואָס — גיט זיך חיים=יונה אַ כאַפּ צוריק: — גיט מיר אַ פופציקער, און דאָס פערד איז אײַערס. קערט מיר נאָר אום דעם שפּאַן.

— מילא, רעכט — זאָגט אַ פערד=הענדלער מיט אַ מינע פון אַזאַ גוטן, וואָס לאָזט זיך שנײַדן ביז אין בײן: — וואָס טוט מען ניט צוליב אַ גוטן ברודער? און דעם שפּאַן וועט מען אַריבקריגן צוריק: אויך מיר אַ שפּאַן!

חיים=יונה האָט אפילו שטאַרק געהאַלטן פון זײַן שפּאַן, און עס האָט אים אַ ביסל פאַרדראָסן — ער וועט זיך דאָך מיט זײ אָבער איצט ניט גײן שפּאַרן, אַדרבה:

— אַוודאי, — זאָגט ער — איז דער שפּאַן קײן שפּאַן ניט.

גיט זיך באַלד יענער צוריק אַ כאַפּ:

— עס איז אַפילו יאָ אַ שפּאַן.

— אַוודאי איז עס אַ שפּאַן — איז ווידער מסכים חיים=יונה — באשר איר זאָגט אַזוי.

— אָבער פאַר אונז איז עס קיין סתירה ניט.

— מילא=מילא. וואָס=זשע ווערט מיטן פופציקער?

— דאָס יאָ. דעם 25קער, וואָס אים קומט נאָך אַריס, וועלן זיי אים דערלייגן.

— וואָסער פינף=און=צוואַנציקער?

— הערסטו דאָך: מען זאָל דיר אומקערן צוריק דעם סוואַק, גיבסטו 25 רובל. *אַזוי האָסטו געזאָגט*. מאָל דיר, אַז די האָבסט שוין אײַנגעצאָלט דעם 25קער, באַקומסטו צוריק דײַן 25קער און נאָך 25 — האָבסטו דאָך דעם 50קער. קענסט דאָך עפּעס חשבונען, חיים=יונה.

אַוודאי, על=פּי חכמת=החשבון זיינען זיי טאַקע גערעכט, אָבער על=פּי יושר....

— איך ווייס דאָך אמתע גזלנים — טענהט חיים=יונה — עס איז ווייניק....

— ע — האָט אים אָבער גענומען „סטראַמירן" דער פערד=הענדלער: — הי זאָלסט דרייען? ביסט דאָך אַליין מרוצה געוואָרן.

אַבריה האָט ער געהאַט? אַז דאָס פערד איז בײַ יענעם! און ער האָט זיך געמוזט אונטערשרײַבן, אַז ער האָט באַקומען 50 רובל פאַרן סוואַק, ווײַלן ער האָט פאַרקויפט א. אַז. וו.

און חיים=יונה האָט מיט אַן אַ־אָפּגעלאָזענעם קאָפּ ווידער אַוועק־געשפּאַנט צו זיך אויפן ישוב. און איין האַנט האָט ער, ווי פריער, געהאַלטן די פאַרחתומטע בייטש און אין דער צווייטער האָט ער גע־קוויטשט די עטלעכע פּאַפּירלעך, וואָס ער האָט באַקומען בײַ די פערד=הענדלער, און אויפן האַרצן איז אים געווען שווער —

און חיים=יונה האָט געשטעלט זיינע טריט זייער לאַנגזאַם, און ער האָט געוואָלט דערווײַלע אַ ביסל צו די רעיונות קומען, וואָרעם דאָ האָט ער זיך שוין באַשײַנפּערלעך גענומען אַרומזען, אַז ער האָט אַ ביסל צוגעאײַלט צו *קריטיקירן* זיין שווער, וואָרעם צו פירן אַ באַלעבאַטישקייט, זעט ער זיך אַרום, איז טאַקע ניט אַזוי גרינג, ווי דאָס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט נאָך זיצנדיק אין וואָלאָזשין.

און די פעד־הענדלער? אז זיי האבן אפגעבראכט דעם שבאן, האבן זיי געפונען פאר נייטיק איינצעתיין מיט רבקהן — איינרייסן מיט רבקהן איז אויך קיין שכל ניט — כדי צו דערווייזן איר, אז אייגנטלעך האט מיט זיי חיים־יונה געמאכט גאר א גוט געשעפט: זיי מעגן זיך ווינטשן אזא גוט יאר — האבן זיי זיך אפגעשווארן.

— ווארעם — האבן זיי געזאגט — פופציק רובל פאר אזא נישטיקן פערדל....

— ווי אזוי פופציק? — האט רבקה נישט פארשטאנען.

— הערט איר דאך, ווי אזוי די מעשה איז געווען.

און זיי האבן איר גענומען ערקלערן באריכות די גאנצע געשיכטע פון דאמע אנהייב. אבער רבקה האט יעדן מאל ווידער איבערגעהאקט אין מיטן מיט א שטילן קול:

— איך זע נאר 25.

דאן האבן זיי זיך אוועקגעזעצט ביים גרויסן טיש מיט די בילשטן אין די הענט און האבן איר אנגעהויבן צו דערקלערן די זאך על־פי־שכל, און עס האט זיי גארניט דערעסן ווידער אנצוהויבן די געשיכטע פון אלף. אבער אז זיי האבן געזען, רבקה נעמט צונויף די טעלער פון טיש און קלייבט זיך אוועקציען אין קיך, האבן זיי עס געמאכט שוין גאר בקיצור:

— באשר, רבקה, איר קענט ניט חשבונען — האבן זיי פארענדיקט מיט א מאך פון ביטול: — אייער מאן פארשטייט שוין בעסער אין עסק.

און די גערעכטע זיינען זיי געבליבן.

---

# זומער אופן ישוב.

פֿרי שטייט אויף די זון אין די קילע, זומערדיקע פֿרימאָרגנס, אָבער וואָס אַרט מיך? — די שקצים און שיקסעס פֿון די אַרומיקע דערפֿער און דערפֿלעך קלינגען זיך איבערצוכיטרעווען די זון, און קיים עס גיט נאָר אַ שאַריע אין מזרח־זייט, שטייט שוין דאָס דאָרפֿישע יונגוואַרג אויף יענער זייט ווילע מיט קאָשיקעס אין די הענט און זי רייסט זיך אויף די געזונטע העלזער:

— הו־הו! פֿאַראָם! הי־הו!

קאַרג איז די ליטווישע ערד, וואָס נעמט צו אַזוי פֿיל שווייס און גיט אַזוי ווייניק, אָבער מיט שוועמלעך רעגנט זי ממש הורכן זומער, ווי יענער קאַרגער זאָגט: דאָס זעסטו יאָ! לויף, כאַפּ און קלייב און דאָס איבעריקע, ווי די פֿאַרשטייסט אַליין. קלייבן גאַנצע דערפֿער שוועמלעך הורכן זומער, און נאָר די ערגערע פֿאַרגינט מען זיך אויפֿצועסן. די בעסערע טריקנט מען אין אויוון, מען ציט זיי אָן אויף שנירלעך און מען הענגט זיי צונויף ביז אַ צייט אויף טשוועקעס אין אַ ווינקל, און אַז עס קומט דער האַרבסט, לויפֿן שוין אָן די סוחרימלעך פֿון די אַרומיקע שטעטלעך — דו פֿאַרשפּאָרסט זיי צו הופֿן — מיט די לאַנגע אַלטמאָדישע בעזמענס אונטער די אָרעמס, מען וועגט אויפֿן בעזמען און מען צאָלט מזומנע רובלס. דאַן בלייבן ליידיקע טשוועקעס אויף די פֿאַרוויכערטע ווענט און עס בלייבן די פּאָר רובל, איינגעוויקלט ערגעץ אין אַ שמאַטע אויפֿן דעק פֿון דער בלוי־רויטער איינגעקאָוועטער „סקריניע" — מאַלט אײַך, עס וועט שוין אויף עפּעס צונויף קומען.

קומט עס אָבער אָן ניט אַזוי גרינג. וואָרעם זומער איז ניט קיין שפּילעכל — אַקערן, זייען, שנײַדן און קאָסען קען מען ניט אַוועקמאַכן אונטער דער האַנט, און ווי לאַנג דער טאָג זאָל ניט זײַן,

קען מען פֿון אים קיין צײַט ניט אָפּרײַסן — רײַסט מען אָפּ אַ שעה־צוויי פֿון שלאָפֿן, און מען שטייט אויף צוזאַמען מיט די הענער.

אָבער ווי פֿרי מען זאָל נישט אויפֿשטיין און אַוועקלויפֿן אין וואַלד אַרײַן, וועלן שוין דאָרט אַוודאי זײַן מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך פֿריִער „געפּעדערט". אָבער דער וואַלד איז גרויס — אויף גאַנצע ווערסטן ציט ער זיך — און שוועמלעך האָבן ליב צו שפּילן אין באַהעלטעניש; וואָס איינער דערזעט ניט, דערזעט אַ צווייטער, און עס טראָגן זיך אום קאָשיקעס צווישן די ביימער, קעפּ בויגן זיך אַראָפּ און מעסערס בליצן. דאָס שנײַדט מען די וואָרצלען אויף אָן אָרט און מען קלײַבט, ווי עס גייט, און די קאָשיקעס ווערן באַלד פֿול, און מען לויפֿט אַהיים, ווי די פֿאַרסמטע — די רעכטע פּראַצע וועט זיך ערשט אָנהייבן.

און אַז די שקצים מיט די שיקסעס קערן זיך אום צוריק פֿון וואַלד, איז נאָך סאַמע די רעכטע צײַט, עס גייט ערשט אויף די זון, און דער פּאַראָמשטשיק האָט עס אַרבעט אומצופּאָרן אַהין און אַהער. און ער פֿאַרשילט דעם זומער, מיט די שוועמלעך, מיט זײַן הינטישן מזל, וואָס ער האָט קיין רו ניט בײַטאָג, ניט בײַנאַכט, און ער האָט נאָך קיין צײַט ניט אָן אויג צו פֿאַרמאַכן, ערשט מען רײַסט זיך שוין ווידער אויף די העלזער:

— פּאַ־ררר־אַ־אָם!

רבקה שטייט אויף צוזאַמען מיט דער זון און גייט מעלקן די בהמות — באַלד וועט זי דער פּאַסטעך אין פֿעלד אַרײַן נעמען. חיים־יונה כאַפּט זיך אַרויס אין סטאַדאָלע צום פֿערד און שיט אים אַרײַן אַ טעפּל האָבער — ער האָט הײַנט אַ ווײַטע יאַזדע צו פֿאָרן — און ער לייגט זיך נאָך צו אַ ביסל. נעמט רבקה די „גאָסלע" מיט די צוויי עמער אויף דער פּלייצע און לאָזט זיך אַראָפּ צום טײַך נאָך וואַסער. דערנאָך גייט זי מיטן גרויסן קאָשיק אין גאָרטן אַרײַן אָנגראָבן קאַרטאָפֿל —

ביז חיים־יונה כאַפּט זיך ווידער אויף — די דאגות לאָזן נישט שלאָפֿן, ער האָט אַוועקגעשטעלט די באַלעבאַטישקייט אויף אַ ברייטן פֿוס, דרייט אים טאַקע מער דער קאָפּ. — די בעלי־חובֿות באַגייען

זיך טאקע גאנץ איידל, דאך מאנען זיי, און מען מוז געבן דעם א ביסל, יענעם א ביסל.

שטייט ער אויף, טוט אן דעם טלית און תפילין און גיט א דאוון, מאכט עס איינס און צוויי, און אט זיצט ער שוין ביי די הייסע קארטאפל מיט די קאלטע זויער־מילך.

עס שטייט אויף דער לערער, טוט אויך אן די תפילין פון יוצא־וועגן, און א גראמאטיקע האלט ער אין דער האנט — דאן זעצט ער זיך אויך צו די קארטאפל.

רבקה זעט, ווי די מאנסבילן מאכן דעם דאווענען אויף לייטישע געלעכטער, פארדריסט עס איר — פארט שטיקלעך יידן! און זי דערמאנט זיך אן איר טאטן, דעם אלטן ר׳ שמואל־יעקב, עליו־השלום, וואס איז אויסגעגאנגען מיט א ספר אין דער האנט, און פון זיין דאווענען דערמאנט זי זיך, און פון זיין „זאגן“, פון זיינע תעניתים אלע מאנטאג און דאנערשטאג, פון זיינע ספרים, וועלכע ליגן פארשטייבטע אויף די פאליצעס, און קיינער עפנט זיי אפילו ניט פונאנדער, און עפעס טוט איר וויי דאס הארץ.

אפגעגעסן, הייסט חיים־יונה שפאנען דאס פערדל, ער גיט א שמיץ מיט דער בייטש, און נישטא חיים־יונה — עס טראגט זיך נאך א שטויב אין דער לופטן. עס שטייען אויף די קינדער, דאווענען אפ א האלבן דאווענען, דערנאך זעצן זיי זיך צום טיש לערנען, און עס ציט זיך אוועק דער לאנגער זומערדיקער טאג.

נאך מיטאג. די קינדער זיינען ארויס א ווילע אפרוען זיך, שפילן זיי זיך באָרוועסע אויפן „טרעסניק“. רבקה פארעט ארום א באָרוועסע אין גארטן — די בייטן זיינען פארוואקסן מיט אזוי פיל גראז, מוז מען זיי אויסיעטן. פלוצלונג דערזעט זיך א שטויב פון הינטערן באַרג און עס באווייזט זיך א קאפ פון א פערד. די קינדער צעשרייען זיך:

— א ייד פארט!

ווארפט רבקה אוועק די ארבייט אויפן בייט און לויפט אין שטוב אריין, אנצוטון די שיך אויף די באָרוועסע פיס. אהא, די יידעלעך, מען באַרעדט זי שוין אזוי אויך, גענוג אין די ארומיקע שטעטלעך, אז זי איז אן אמתע גויע: טראגט קיין פאריק נישט, און פון אונטער

מיכל וועט זיך אַרומען די אייגענע האָר, און אַז זי קומט ראש־השנה, יום־כיפּור אין פּאַטאַקער מנין, דאַן איז זי איך ניט יוצא פֿאַר דער וועלט, וואָרעס זאָגן קען זי ניט... איר טאַטע, עליו־השלום, האָט פֿון קיין מיידלשער תורה ניט געהאַלטן, האָט זי אַפֿילו קיין תחינות ניט געקענט. זי פּלעגט זיך נאָר אָפּקערן צו דער וואַנט און גוט אויסוויינען זיך — פֿאַר גאָט פּלעגט זי אפֿשר טאַקע יוצא זיין, אָבער פֿאַר לייטן איז עס ווייניק געווען.

כאַפּט זי אַרויף די שיך אויף די פֿיס, הויקט אַראָפּ נידעריקער דאָס טיכל, און דאַן גייט זי אַרויס שוין גאַנץ יידישלעך, אַנט־קעגן די יידן; לאָזן לייטישע מיילער ניט האָבן, וואָס צו ריידן!

שטיל אין דרויסן. די זון ברענט. עס פֿאַרעט. דאָ און דאָרט גיט זיך אַ פּלעסקע אַ פֿישל אויף דער ווילע, גיט אַ גלאַנץ מיט זיינע זילבערנע שופּן אויף דער זון און פֿאַלט צוריק אַריין אין וואַסער — אַוודאי, עס וועט רעגענען. מען דאַרף טאַקע אַ רעגן. רבֿקה יעט די בייטן אין גאָרטן, זעט זי טאַקע, ווי אַלץ איז פֿאַרשרפּעט. פֿון מ.—ער זייט ציען זיך פּלוטן מיט די שטריינגע בידלעך און מיטן אין פֿאַרשווינדן אַראָפּ וואַסער הינטער מוזשלי.

עס פֿאָרן אָן אַ פּאָר שיכורע גויים פֿון שטעטל און צעשריען זיך:

— פּאַראָם, גיכער, פּאַראָם! פּאַ—ראָ—אָם!

און טאָמער רירט זיך דער פּאַראָמשטשיק נישט אַזוי גע־שווינד, הייבן זיי אָן סטראַשען:

— נעבאָס, חיים־יונה, באַלד וועלן מיר האָבן אַן איינענעם פּאַראָם. דער גלח האָט שוין וועגן דעם אין קלויסטער גערעדט, אויף מוזשלי וועט מען פֿאָרן.

און אַז זיי דערהערן, ווי די קינדער לערנען אין קאַמער, פֿאַרנעמט עס זיי ביים האַרצן פֿאַר דער עולה:

— ראַבינס וועט ער מאַכן פֿון זיינע קינדער, און אַזאַ שטוב האָט ער זיך אויסגעבויט, און אַ פֿערד, און בהמות... ער, חיימאָזע, גיב כאָטש אַ גלעזל בראָנפֿן. צו דיר האָבן מיר נישט, דיין טאַטע איז אַ ליטישער טאַטע געווען, אָבער דיין מאַן גע־פֿעלט אונז נישט — ער האָט שוין צו פֿיל פֿאַנאַבעריע אין זיך.

חימאווע גיט צו גלעזלעך בראנפן — וואס זאל זי טון?— עס שאדט ניט, וואס זיי ריידן, עתגער זיינען יענע, וואס שווייגן. עס דערגייען שוין לאנג צו זיי קלאנגען, אז עפעס טוט זיך אין דער „פאראפיע", עפעס קלייבט זיך א כמארע איף זייער הויז, די גויים ווערן אלץ ערגער, פארגינען ניט דעם ביסן ברויט, וואס מען עסט, די ליפט, וואס מען אטעמט, און צייט דער נייער גלח איז אנגעקומען אין פאראפיע, האבן זיך ביי אלעמען די צינגער אייפגעבונדן — און קליינע שקצימלעך, אז חיים־יונה פארט דורך א דארף, באגלייטן אים מיט אויסגעשרייען: „זשיד, זשיד, כאלאמאיי!"....

עס קומט צו פארן חיים־יונה, הייסט ער אויסשפאנען דעם פערד און גייט אריין צו די קינדער — זען, ווי זיי לערנען, און פארהערט זיי פון בלאשטיינס גראמאטיקע און יעווטושעווסקיס זאדאטשניק; אבער נאר פון יוצא־וועגן — זיין קאפ איז מיט אנדערע געדאנקען פארנומען.... איבערן טייך, פארביי די פענסטער ציען זיך לאנגזאם צוויי שיפלעך, קוים־קוים וואס זיי רירן זיך, און א נעץ צווישן די שיפלעך; חיים־יונה קוקט איף די פישער, און ער דערמאנט זיך אן די קלאנגען, וואס גייען אום צווישן די גויים, אז זיי קלייבן זיך צו מאכן נאך א פאראס סאמע דערביי, כדי צו קאנקורירן מיט חיים־יונהן, און זיין בליק ווערט, ווי מיט א וואלקן פארצויגן: איינער אליין, צווישן אזוי פיל גויים, עלנט און פארוואָרפן, און פון די גרויסע שטעט דערגייען אזעלכע משונהדיקע קלאנגען:

— ווער ווייסט, וואס ביי די גויים אין הארצן טוט זיך?

און חיים־יונה פארטראכט זיך שטארק. אבער רבקהן זאגט ער ניט קייןווארט. למאי זאל ער איר אומזיסט שרעקעניש פארשאפן? און אזוי גייט ארום חיים־יונה באזונדער און רבקה באזונדער, ווארפן זיך דורך מיט געציילטע ווערטער וועגן אלע אנדערע זאכן, אבער דעם עיקר פארשווייגט מען, און ביידע ווייסן, וואס מען פארשווייגט.

— עס תיקט זיך אן א בורע — זאגט חיים־יונה צום פאראמשטשיק — בינד צו דעם פאראם צום ברעג.

דער ווינט האט געזעצט, עס איז קורץ די צייט, האט ער געשווינדט א צי געטון דעם בליי־שווארצן וואלקן פארן ברעג, וואס האט זיך פון יענער זייט הימל געזעצט, און האט אים א ווארף געטון

איבער די קעפּ. עס האָט אַ פּלאַטער געטאָן אַ בליץ, אַ קנאַק געטאָן אַ הינער, און עס האָט אַ גאָס געטאָן אַ רעגן — קוים וואָס רבקה האָט צייט געהאַט צונויפצוטרייבן די הינער אין סטאַדאָלע אַריין און צונויפ־נעמען דאָס בעטגעוואַנט, וואָס האָט זיך איפן פּאַרקאַן געלופטערט.

ווען דער רעגן גייט איבער, איז שוין שפּעט נאַכט. חיים־יונה פּאַרלאָזט זיך נישט איפן פּאַראַמשטשיק, ער לאָזט זיך אַליין אַראָפּ צום טייך זען, צי דער פּאַראָם איז צוגעבונדן, צי דאָס שיפל איז איפן ברעג אַרויפגעשלעפּט — ביינאַכט וועט זיך אוודאי הייבן דאָס וואַסער, מוז מען זיך באַוואָרענען, עס זאָל קיין היזק ניט זיין.

די אָפּגעפרישטע לופט איז מחיהדיק, עס הערט זיך פון גאַרטן אַ געשמאַקער ריח — דאָס בליט שוין דער באָב מיט די גורקע, אמתע האָניק, אָבער חיים־יונה טראַכט עפּעס אַנדערש. אַראָפּ וואַסער קוקט חיים־יונה, דאָרט זעט ער מוזשלי פון דער ווייטן, און עס גייט אים פון קאָפּ דער געדאַנק ניט אַרויס — —

און גייענדיק צוריק איפן באַרג, טראַכט ער מיט אַ צעקלעמטן האַרצן:

— ניט געטאָרט איינרייסן מיטן גלח, ניט געטאָרט. דאָס מאָל איז שוין רבקה געווען גערעכט!

---

# אין שטאָט אויפן ברוק.

שוין צוויי חדשים צייט חיים־יונה האָט פאַרלאָזן זיין פאַרחריבטן ישוב אויפן ברעג פון דער ווילִיע און איז מיט ווייב און קינדער געקומען צו שווימען אין שטאָט אַריין מיטן וואַסער מיטן חסד פון אַ באַקאַנטן פליטניק, וואָס האָט זיי אַלע גענומען צו זיך אויפן פליט און האָט זיי צייט הדיי טעג מיט הדיי נעכט געבראַכט אין דער גרויסער שטאָט ווילנע אַריין. חיים־יונה האָט זיך באַזעצט אויף איינער פון די רוישנדיקסטע און שמוציקסטע גאַסן, וואו עס איז פאַראַן אַ סך אָרעמקייט, און אַ סך מענטשן דרייען זיך אום איבער די גאַסן, און עס איז פאַראַן אַ האָפענונג צוצושלאָגן זיך צו עפּעס. וואָרעם דער חשבון איז געווען אַ ריכטיקער: רבקה וועט מאַכן אַ גאָרקיך און וועט קאָכן עסן פאַר מענטשן — אויף דער און אויף די דערבייִקע גאַסן האָט מען געבויט עטלעכע הייזער, איז געווען אַ סך אַרבעטער, און אַרבעטער, אַז זיי אַרבעטן, מוזן זיי עסן — דאָס איז אַ כלל.

האָט רבקה אַיינגעקויפט געפעס: פלאַטשיקע טעלער, בלעכענע גאָפּלען מיט ציינענע לעפל און האָט איינגעפראוועט אַ קעכל מיט אַ פליטע. אָבער גרינג צו זאָגן אַ פליטע, אַז רבקה חיים גאָרניט, ווי אַזוי מען באַגייט זיך מיט אַ פליטע, און זי איז געוויינט צום גרויסן באַק־אויוון אויף צוואַנציק שיטלעך האָלץ, מיט אַ קוימען, מיט אַ זאַסלינקע, וואו מען פאַרהיקט טשאָלנט און מען באַקט ברויט — —

ווי מאַדנע דאָס איז רבקהן פאָרגעקומען אַרויסצוגיין יעדן פריִמאָרגן און קויפן אַ פאָר פונטלעך ברויט. און פעדל־גרויפן פאַר דריי גראָשן, און ציבעלעס פאַר אַ גראָשן — אויפן ישוב פלעגט רבקה איינבאַקן צוויי הונדערט פונט ברויט פאַר אַמאָל — אַ שפּאַס, רבקהס ברויט! — אַלע אַרומיקע ישובים האָבן געקענט איר ברויט.

אָבער אַ סך פֿאַרשטייען זיי, די שטאָטישע! זי, רבֿקה, קען גאַ־
זייער בריט ניט עסן! און ווײַטע חלה האָט דען אַ פּנים? פֿרישער־
הייט איז עס ווייך, ווי קאַשע און עס לייגט זיך אין מאָגן, פּונקט,
ווי אַ שטיין, און קוים ליגט עס אָפּ אַ האַלבן טאָג, ווערט עס אַזוי
האַרט, אַז מען קען די ציינער צעברעכן. קאָכט זי אָפּ אַ טעפּעלע
קאַרטאָפּל פֿאַר זעקס גראָשן — געציילטע צוויי קאַרטאָפּל (איך
מיר קאַרטאָפּל!) פֿאַר זיך מיט די קינדער איף איבערבייסן. דאָרט
אין וו.. פֿלעגט זי אַ בלאָסן איף טאָג אַרויסגיין אין גאָרטן,
אָנגראָבן פֿרישע קאַרטאָפּל צוויי פֿולע קאַשיקעס און דערנאָך פֿלעגט
מען שיילן און קאָכן, קאָכן און שיילן ביז אין האַלבן טאָג אַריין —
איז טאַקע גענוג געווען, אַ פֿאַר זיך, אַ פֿאַרן פֿאַראָמשטשיק —
אַ גרויסער עסער! — און אַז עס פֿלעגט זיך מאַכן אַן אורח אָדער
גאָר אַ פֿאַרטיע אַרעמעלייט — פֿלעגט פֿאַר זיי אויך ניט פֿעלן.
דערנאָך איז געווען אַ היטע קו, מיט אַ שוואַרצער, מיט נאָך אַ
שוואַרצער, האָט מען געמאָלקן בהמות, איז געווען פֿרישע מילך
פֿאַר די קינדער, מיט פּוטער, מיט קעז, און אַז עס פֿלעגט הרכּפֿאָרן
אַ מיתה און מען פֿלעגט אַראָפּנעמען אַ קעזל פֿון בוידעם, פֿלעגט די
פּוטער אַראָפּרינען פֿון אַלע זייטן. און אַן עוף קוילן? אַ קאַטשקע?
און פֿיש? נאָך לעבעדיקע, נאָר וואָס פֿון טייך — אָדער מען פֿלעגט
אַליין אָנכאַפּן אָדער די מוזשיקעס פֿישער פֿלעגן אַ מתּנה ברענגען.
און איצט אַז מען איז אין גלות, קומט מען אָפּ מיט שהי־פּהי, און
רבֿקה שטייט אָפּ אַ גאַנצן טאָג בײַ דער פּליטע און טשאַד און אין
היץ, ברענט זיך און בראָט זיך, און עס הייבט אָן דרייען אין
קאָפּ און אירע שוואַכע אויגן ווערן וואָס אַמאָל ריטער — אָבי
זי פּטרט אָפּ די עסער — סטאַרעט זיך צופֿרידן שטעלן יעדן
באַזונדער. און בײַנאַכט, אַז זי ציילט צונויף דאָס קליינגעלט, זעט
זי, אַז זי האָט קוים אויסגעלייזט אַ העלפֿט פֿון דעם, וואָס זי האָט
אַליין אויסגעגעבן איף ברויט, מיט פֿלייש, מיט ציבעלעס. מער
ווי העלפֿט עסן איף באָרג צעטיילט.

— גיט גיט, — זאָגט מען איר פֿון אַלע זייטן — קיין עבֿי־
וואָרג באָרגט מען ניט. היינט אַרבעטן זיי דאָ און מאָרגן שוין איף
אַן אַנדער גאַס. מאָרגן דערקענען זיי שוין אַיך ניט.

— הײנט װי אַזױ — טראַכט רבֿקה — גיט מען יענעם ניט עסן? איר טאַטע, עליו־השלום, דער אַלטער ר׳ שמואל־יעקבֿ, איז אַזאַ מכניס־אורח געװעזן.... נײן, דאָס קען זי ניט!

---

און חײם־יונה, װי גאָר ער שטײט אױף, װיקלט ער זיך אַרום די האַלז מיט דער אַלטער אָפּגעבליאַקעװעטער שאַלקע, װאָס ער האָט נאָך באַקומען בירושה פֿון זײן שװער און מען דערקענט שױן אירע פֿאַרבן ניט, און ער הײט זיך אַװעק אין גאַס אַרײן. און דער זעלבער חײם־יונה, װאָס האָט אַלעמאָל אַזױ פֿיל געשטעלט אױף זיך, האָט קריטיקירט דעם שװער און װען רבֿקהן פֿלעגט ער יעדן מאָל טראַכטן „װאָס פֿאַרשטײט אַ ייִדענע״, קומט שױן גאַנץ אָפֿט צו רבֿקהן אין קיך אַרײן זיך אַן עצה האַלטן:

— אַדרבה, װאָס זאָגסט די?

רבֿקה גיסט אָן אַ טעלער זופּ פֿאַר אַן אורח און ענטפֿערט מיט אַ גוטער מינע:

— קינד אײנער, װאָס קען איך דיר זאָגן — איך בין דען אַ שטאַטישע?

חײם־יונה װיל טאָן עפּעס אַזױנס, אַז רבֿקה זאָל זען, װי ער פֿאַרדריסט אים אױף אַ סך זאַכן, װי טײער זי איז בײ אים און װי ער האָט חרטה, װאָס ער האָט זי קײנמאָל ניט געפֿאָלגט. אָבער װאָס? דאָס שטיבל איז פֿול מענטשן, אַקאָרשט פֿון דער אַרבעט אַראָפּ. אין קיך איז היציק און טשאַדנע, און רבֿקה דאַרף אַלעמען ענטפֿערן. װיל חײם־יונה אַזױפֿין טון, אָבער ער האַלט זיך אײַן. פֿאָרט אַמאָל חײם־יונה געװעזן, מיט אַ פֿערד, מיט אַ שפּאַן, מיט בראַזגענעס, מיט אַ לאַנגער קנאַקעדיקער בײטש, מיט אַ פּחרישן קאַפּיזשאָן איבער קאָפּ, און אַז ער פֿלעגט אונטערפֿאָרן „פֿאָר גאַנעק״, האָט די ערד געציטערט אונטער די רעדער. פֿאַרבײַסט ער די ליפּן און דרײט זיך װידער אַװעק אין גאַס, טאָמער װעט זיך פֿאָרט עפּעס מאַכן....

טרעפֿט זיך אַמאָל, ער באַגעגנט אין גאַס אַ גױ פֿון זײנע אַמאָליקע גוטע גױים און אַ רױטן פּעלץ מיט אַ רײן־אױסגעװאַשענער אָנגעפּאַקטער טאָרבע. פֿליט הערך אַ שמײכל איבער זײן צעקנײטשטן פֿאַר־

עלטערטן פּנים — דאָס פאַרלאָרענע ניט אַ בליק פאַר די אויגן. דריקט ער שטאַרק דעם גוי די האַנט, ווי אַ גוטן־גוטן חבר, און דער גוי זאָגט צו אים:

— פּאָסטאַרעל, חיים־יונה, שווער צו דערקענען, און די באָרד איז אייך שטאַרק אויסגעוואַקסן, און גרויע האָר...

פאַרהאַפט ער דעם גוי צו זיך אין שטיבל אויף אַ גלעזל וואַרעמס און רופט אַרויס רבקהן:

— זע נאָר, וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבן!

— אַ, מיכאַש דער ווינקלדיקער — דערפרייט זיך „חיימאָזע״ ניט אויף אַ געלעכטער, און ווען זי שעמט זיך ניט, וואָלט זי אים דאַכט זיך אַרומגעכאַפּט און געקושט.

— וואָס טוסטו דאָ אין שטאָט?

— אָט — זאָגט ער — אַ וואָגן עפּל געבראַכט צו פאַרקויפן.

— און וואָס האָסטו דאָ אין דער טאָרבע?

— אָט — זאָגט ער — כאָרטש אויפן וועג, שוואַרצע ברויט מיט קאַרטאָפל געבאַקטע.

ווען זי שעמט זיך ניט, בעט זי ביי אים אַ שטיקל שוואַרץ ברויט צו פאַרזוכן... שניידט זי אָפּ אַ שטיק, „פאַרביטקאָזע״ ברויט פון אירע שטאָטישע און הייסט אים אײַנפּאַקן — אַ גאָסטיניעץ פאַר די קינדער.

און כּל־זמן מיכאַש טרינקט די טיי, פרעגט זי ביי אים פונאַנדער, וואָס הערט זיך דאָרט אין ז., ווער האַלט איצט דעם פּראָם און אַרענדע, וואָס מאַכן עפּעס דאָרט די אַלטע „פּאַניענקעס״ און צי ווייסט ער ניט אַמאָל, וואָס מאַכט דאָרט איר הייטע קו, וואָס זי האָט פאַרקויפט אַ בעל־הגוף אין פאַטאָקע — אַ שאַרפע קו געווען!

— יאָ, יאָ — זאָגט מיכאַש — אַמאָל האָט חיימאָזע אַליין תבואה געשניטן אין פעלד, און באָרזעם געפאַנגען, און אַזוי שיין געווען. נעבאָס, איצט וואָלטסטו שוין קיין סערפּ אין האַנט ניט גענומען און מיט אונז כאַמיעס קיין עסק ניט געהאַט, און דעם פּראָם ניט געצויגן.

„אָ, וואָלט זי געצויגן״ — טראַכט רבקה, אָבער זאָגן זאָגט זי גאָרניט, און זי פרעגט נאָך, וואָס הערט זיך הײַ־יאָר מיט די

תּבֿואות, צי זיי זיינען געראָטן און צי מען האָט שוין איינגעהאַקט דעם וואַלד אין וואַראָנע.

— נו, און וואָס טוט איר אין שטאָט? — פֿרעגט דער גוי.

— אָט אַזוי — זאָגט חיימאָווע: — מען גיט מענטשן עסן.

— יאָ — זאָגט ער — חיימאָווע האָט אַלע מאָל מענטשן עסן געגעבן. דאָס ווייסט מען. אָבער פֿון וואַנעט־זשע לעבט איר?

אַ גוייִשער קאָפּ, פֿאַרשטייט ער ניט, ווי אַזוי מען לעבט פֿון יענעם עסן געבן!

---

און די קינדער? די עלטערע צוויי האָט מען מיט דער הילף פֿון די קרובים „פֿאַרשיקט“ אין אַמעריקע, גליקן צו זוכן, און צו די ייִנגערע האָט מען צוגענומען אַ לערער אויף אַ „שטונדע“. קומט ער צוגיין, דרייט זיך אום איבער דער שטוב און איז שוין ווידער ניטאָ. די דירה איז אַ ענגע, און עס קלייבן זיך מענטשן, מאַכט ער דאָס וואָס גיכער. יאָגט מען די קינדער צוריק אַהיים אויף דער גאַס, זיי זאָלן פֿריי מאַכן די שטוב, וואַלגערן זיי זיך אין רינשטאָק און חברן זיך, איין גאָט ווייסט מיט וועמען. וואָס־זשע איז דער תּכלית? פּירט מען אַ שמועס וועגן אָפּגעבן דעם עלטערן צו אַ בעל־מלאכה אָדער אין אַ געשעפֿט, דערנאָך אַמעריקע! ווי שטיפֿט מען נאָר אַריבער די פּאָר יאָר, ביז זיי וועלן אויסוואַקסן... אַ שפּאָס די הוצאה.... דירה־געלט אַליין איז אַ באַרג — מען זעט זיך ניט אַהום, ווי דער חודש פֿליט אַוועק און ציל ווידער די בלוטיקע רובלס. אַ גאַנץ לעבן אין אייגענע הייזער געלעבט, און מאָדנע האָט זיך רבקה געפֿילט: זייער שטוב האָבן זיי פֿאַרן אַרויספֿאָרן פֿון ישוב פֿאַרקויפֿט עפּעס אַ ייִדן, אַ האָלץ־סוחר, וואָס האָט זי טאַקע אויף פּליטן אין דער זעלבער שטאָט אַריבערגעפֿירט און האָט זי אויף אַן אייגענעם פּלאַץ אויף אַ נטאָקאָליע אויפֿגעשטעלט. און אַן אַנדערן געהער די שטוב, און רבקה קען זי נאָר זען פֿון דער ווייטן. אַמאָל גייט זי טאַקע זען, און דאָס האַרץ באַגיסט זיך איר מיט בלוט — אָ־וואַ־ וויפֿיל זי האָט זיך דאָס אָנגעמוטשעט מיט די קינדער הורך דער צייט, וואָס מען האָט די שטוב געבויט! יאָ — דערמאָנט זיך רבקה — באַלד וועלן מענטשן קומען וועטשערע עסן,

גייט זי אַטוואַרעמען דעם קעסל. זי אַליין טרינקט קיינמאָל ניט קיין טיי פֿון קעסל, און עס בענקט זיך אָפּטמאָל אַזוי שטאַרק נאָך אַן אמתע גלעזל טיי. בלויז טיי אַפּנים? אַ טרונק וואַסער, אַז עס דורשט זי, קען זי ניט טרינקען — ניטאָ יענע וואַסער! הייסיק יאָר האָט זי וואַסער פֿון דער הילע געטרונקען, און אַז עס פֿלעגט זיין גאָר פֿריילעך אויפֿן האַרצן און עס פֿלעגט זיך גלוסטן אַ וואוילטאָג זיך אָנטון, פֿלעגט מען אַריבערפֿאָרן אויף יענער זייט טייך מיט אַן עמער, אונטערשטעלן דעם עמער אונטער דער קרעניצע, וואָס איז געפֿלאָסן פֿון אונטער אַ שטיין — פֿלעגט עס זיין קאַלט, ווי אייז, און כאַמע רעכטן ברען און קלאָר, ווי קרישטאָל -- אמתע הוין! פּריצים, אַז זיי פֿלעגן הרכפֿאָרן, פֿלעגן זיי זיך אָפּשטעלן און בעטן אַ טרונק פֿון דער קרעניצע — און טאָמער פֿלעגן איר די אויגן אָנהייבן ווי טון — רבקה האָט געהאַט שוואַכע אויגן — אַ ירושה פֿון דער מאַמען — פֿלעגט זי אײַנגעצן אַ טיכל און צוליגן, פֿלעגט באַלד ווערן מחיה־נפֿשות. איצט אין היך, אין טשאַד זיינען איר טאַקע די אויגן געוואָרן, ווי די ראַקעס, קוים וואָס זי זעט.

הרך דער גאַס, וואו חיים־יונה האָט זיך באַזעצט, ליגט דער וועג צום בית־עולם, פֿאַרט הורך עטלעכע מאָל אין טאָג דער שוואַרצער וואָגן פֿאַרביי די פֿענסטער און דערמאָנט וועגן טויט — די שטאָטישע זיינען געוויינט, אָבער רבקה — ווען האָט זי עס געזען? געציילטע מאָלן אויפֿן לעבן, און יעדן מאָל דערמאָנט זי זיך וועגן אַלטן טאַטן מיט דער מאַמען, אַז זייערע ביינער ליגן אַזוי ווייט, פֿאַר אַ סך, אַ סך מייל, און זי קען צו זיי אויף קבר־אָבות ניט קומען. און אַז זי וועט שטאַרבן — זי טראַכט וועגן טויט אָן שרעק, וואָרעם וויפֿיל, משטיינס געזאָגט, לעבט אַ מענטש? וועט זי ליגן דאָ, און זיי דאָרטן, צעריסן און צעפּליקט, און אין מזשלי האָבן די גויים אַן אייגענעם פֿאַראָם געמאַכט און זיי פֿירן האַלב־אומזיסט — אַבי אַרויסגעשטופּט אײַדן פֿון ישוב. און די רויטע קו, וואָס זי האָט אויף די אייגענע הענט אויסגעהאָדעוועט, האָט זי צו אַ פֿרעמדן בעל־הגוף און אַ פֿרעמדן דאָרף פֿאַרקויפֿט — אַליץ צוזאַמען ווערט ביי איר צונויפֿגעפֿלאָנטערט אין אַ שווערן־שווערן קנויל. און אַזוי ווי זי שטייט איבער דער פּליטע, קאַפּען איר טרערן פֿון די אויגן, און זי

הערט ניט, ווי עס איז אַריין אַ מענטש און בעט שוין צום דריטן מאָל:

-- אָבער באַלעבאָטסטע לעבן, פאַר צוויי ברויט און פאַר דריי געהאַקטע לעבער!

---

אַ זומערדיקער שבת נאָכמיטאָג. דער ברוק איז אַזוי ווי אָנגעהייצט, כאָטש נעם און באַק אויף אים ברויט. די פאַרשטויבטע, פאַרהויכערטע ווענט אויף דער זון זיינען אַזוי ווי אָפּגעסמאַליעטע, אַזוי ווי נאָך אַ שריפה. ביים פענסטער, וואָס גייט אויפן רינשטאָק אַרויס, זיצט רבקה מיט די קינדער און קוקט שטיל אַרויס אויף דער גאָס. חיים-יונה שלאָפט דערביי אַיינגענורעטערהייט אויף דער קאַנאַפּע.

און רבקה טראַכט:

— וואָלט כאָטש אַ גרעזל געגרינט! ווי איך להכעיס האָט מען אַזוי פיל שטיינער אָנגעלייגט און דאָס גראָז קען זיך קיין עצה ניט געבן.

— איר זעט — זאָגט זי צו די קינדער — אָט אונטער די שטיינער איז פאַראַן אַ סך גראָז, עס וואָלט אפשר אויסגעוואַקסן מאָן מיט בלויע קעפּלעך אָדער גאָר פלאַקס. איך האָב אַליין געזען אַ זעקל זוימען האָט זיך דאָ אויף דער גאָס אַמאָל צעשאָטן, זיינען אַוודאי קערנער איבערגעבליבן, וואָלט געוועזן גרין און עס וואָלט געשמעקט. ביי אונז אויפן ישוב — זאָגט זי — איז איצט אַ מחיה. מען גייט אַרויס אין וועלדל, אין שאָטן, איז אַזוי קיל און די ביינער גייען אָפּ. און ביים טייכל פּאַשען זיך בהמות און אין וואַסער פּלושקען זיך פישלעך.

— וואָס פּלושקען זיי זיך עפּעס? — פרעגט דער קלענסטער פון די קינדער, וואָס געדענקט שוין ניט דעם ישוב.

— ביי בעטן אויף רעגן — זאָגט די מאַמע — שוין לאַנג טאָקע קיין רעגן ניט געווען. אַלץ איז פאַרשרפעט. דאָ דאַרף מען ניט קיין רעגן, אָבער דאָרט דאַרף מען נייטיק-נייטיק.

— אויף וואָס דאַרף מען רעגן, מאַמע?

נאָך אַ רעגן וואַקסן די תבואות. און וואַלד וואַקסן שוועמלעך.

— וואָס איז דאָס שוועמלעך?

און רבקה ערקלערט, ווי זי קען, און אַז זי שטעלט זיך אָפּ בעטן שוין די עלטערע:

— דערציייל, מאַמע, דערציייל.

און די מאַמע דערציילט, ווי זיי איז אַמאָל גוט געווען אויפן ישוב, ווי זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע שטוב, אַ גרויסע און אַ שיינע.

— וואַסזשע איז אונזער שטוב?

— טאַקע דאָ, אין דער זעלביקער שטאָט — דערציילט רבקה־אַ ייד האָט זי אָפּגעקויפט. אויפן ברעג פון דער הילע שטייט זי הידער, אָבער אַנדערע וואוינען אין איר.

און עס טרעפט זיך אַמאָל אַ שבת פאַרנאַכט נעמט רבקה אויפן אַקסל די גרויסע פאַטשיילע, וואָס זי האָט מיט זיך פון ישוב געבראַכט, נעמט די קינדער און זי פירט זיי אויף אַנטאַ־קאָליע.

און ווי זי דערזעט נאָר די שטוב פון דער ווייטן, שווימט אַזוי פיל, אַזוי פיל אַרויס פון זכרון, און עס דאַכט זיך איר, אַז זעפּעס וויכטיקס האָט אַמאָל געלעבט, און איצט גייט זי עס אויף קבר־אָבות....

און זי קוקט אויף דער שטוב פון דער ווייטן און זי טראַכט מיט ווייטאָג:

— ווי אַלט געוואָרן, ווי שוואַרץ! מען האָט געמוזט אַרומ־שאַלעווען, שאַלעוועט מען נישט אַרום — אַ סך ווייסן זיי, די שטאַטישע, ווי צו באַגיין זיך מיט אַ שטוב!

און צו די קינדער זאָגט זי, אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער:

— אָט האָב איז זי, אונזער שטוב, מיטן שינדל־דאַך.

— אונזער שטוב? — פרעגט איבער דער קלענסטער: — פאַר־וואָסזשע וואוינען מיר נישט אין איר?

— אוי, סאַראַ נאַר ער איז — שרייט אים דער עלטערער, וואָס ווייסט שוין אַ סך זאַכן און איז אַ „קלוגער יונגעלע": — אַז ער האָט קיין שכל נישט, אמת, מאַמע?

— אַוודאי — זאָגט די מאַמע — און גיט אַ ווישׁ די אויגן מיטן ברעג פון פאַטשיילע.

די מעשה איז דאָך אַזוי: וואָס פאַרשטייט אַ קינד....

# אויסגעקאָנקורירט.

די ישובניצע רבקה, וועלכער מען האָט אַזוי אויסגעריכט פֿון איר שטילן דאָרפֿישן לעבן אָפּגעריסן און אויף די האַרטע ברוק-שטיינער פֿון שטאָט אַרויסגעוואָרפֿן, האָט זיך קוים צו אַ שטיקל פּרנסה צוגעשלאָגן — אַ בּיליקע גאַרקיך האָט זי געעפֿנט. אין אַ גאַנצן טאָג דרייט זיך אַרום רבקה אין דער ענגער קיך, בּראָט זיך בּיי דער פּליטע, בּריט זיך בּיי די טעפּלעך, בּלענדעט זיך די קראַנקע אויגן אין דער פֿינסטערער קיך און שלינגט אַש אין זיך אַ גאַנצן העלן טאָג. און דערבּיי טראַכט זי ניט איינמאָל:

— וואָ, פֿון וואָס אַ שטאָט מאַכט זיך דאָס אַ פּרנסה! ווייניק מענטשן האָט זי דען איבּערן ישוב עסן געגעבּן? „גייט וואַשט זיך“. איינגעפֿירט נאָך פֿון איר טאַטן געוועזן. ניט אומזיסט האָט ער רבקהן גיט איינמאָל דערציילט די געשיכטע, ווי אַזוי אברהם-אָבינו האָט געהאַט פֿיר טירן אין זיין הויז, אָפֿן אין אַלע פֿיר זייטן, כּדי דער אָרעמאַן זאָל ניט דאַרפֿן זוכן דעם אַריינגאַנג, און אַז עס פֿלעגט זיך מאַכן, קיין אורחים פֿלעגן ניט קומען, פֿלעגט ער זיך שטאַרק מצער זיין...

אַזוי טראַכטנדיק, פּאַרעט רבקה אַרום אַ גאַנצן טאָג. אָבער די עיקר-אַרבּעט טוט זי נאָך אָפּ „בּלחוך-השור“, ווען די גאַנצע גאַס שלאָפֿט נאָך.

— מיכאַלקע דער פּאַסטעך האָט נאָך דאָרטן אוודאי די בּהמות אין פֿעלד ניט אַרויסגעטריבּן — טראַכט זי אויפֿשטייענדיק און זי הייבּט אָן טראָגן עמערס וואַסער פֿון הויף און אָגיסן אַפֿריער דעם גרויסן קעסל, דערנאָך דעם קליינעם, שפּאַלט האָלץ, הייצט אונטער די קעסלען, לויפֿט אין גאַס אײַנקויפֿן, און אַז די גאַס כאַפּט זיך אויף און עס בּאַווייזן זיך די ערשטע מענטשן, איז שוין בּיי

רבקהן פֿאַרטיק אַ גלאָז טיי, אַ גלאָז מילך, אַ באַרשטשט און נאָך עפּעס אַזוינס — אַ סך געריכטן קאָכט זי ניט: ניט אַזעלכע עסער....

אַזוי אַרבעט רבקה, פֿון שבת צו שבת און איין איינציקע טרייסט האָט זי: ווען עס כאַפּט זיך אַריין אַן אָרעמאַן, האָט זי קען אים געבן אָפּעסן אומזיסט און די מצוה פֿון הכנסת־אורחים פֿאַרדינען, אַזוי ווי איר גאָטס־פֿאַרכטיקער טאַטע האָט זי געלערנט.

זעט חיים־יונה, ווי זיין רבקה אַרבעט שווער און ביטער און עס באַפֿאַלן אים טרויעריקע רעיונות: אַזאַ טומל, אַזאַ געלאַף! ער האָט זיך גאָר ניט אויסגעוויזן, ווי זי, אַ ייִדענע, איז גאָר די פּרנסה־געבערין געוואָרן; וויל ער זיך אויך איינשפּאַנען אין דעם עול פֿון פּרנסה, וויל אויך עפּעס פֿאַרדינען — פֿאַרט מאַנצביליש כוחות און האָט ניט קיין שלעכטן קאָפּ אויף זיך — דרייט ער זיך אום איבער די גאַסן, מעסט אויס טויזנטער טרעפּ, קלאַפּט אָן אין הונדערטער טירן און טרעט אָפּ צענדליקער שוועלן — אָבער וואָס? רויק און געלאַסן איז חיים־יונה אין זיין ריידן, זיין קער און זיין רייד איז געלאַסן און באַטראַכט — ווי־זשע קען ער זיך מיט די ווּעמאַ־טישע פֿאַרזוועטן? און חיים־יונה פֿלעגט זיך יעדן מאָל אַ הערשלאָגענער צוריק אַהיים אומקערן. פֿלעגט ער זיך געבן אַהין אַ דריי, אַהער אַ דריי און פֿלעגט זיך ניט ווילנדיק צוריק אַוועקדרייען אין גאָטס אַריין, און פֿלעגט זיך אַוועקלאָזן צו דער מ.—ער אַבסגיה: טאָמער וועט ער אַן אַלטן באַקאַנטן דערזען — פֿאַרט אַמאָל אַ „ראָלע" געשפּילט צווישן די גיים אין דאָרף, צווישן די אָרעמע ישובניקעס. און „מנין" אַ האַוונער געזען, אַ בעל־קורא, פֿלעגט אַנדערע צו דער תורה אויפֿרופֿן, און זיך אויך ניט פֿאַרטיילט, און דאָ — ער געדענקט שוין די צייט ניט, ווען ער איז „עולה־לתורה" געווען!

---

און די גאַרקיך איז אַ גאַרקיך. רבקה שווייגט און מיט איר אַרבעט און טרייסט נאָך אָפּטמאָל חיים־יונהן:

— גאָט וועט העלפֿן!

איז אָבער די שטאָט גרויס, מענטשן — ווי פֿיש אין אַ ים, יעדערער איז דעם צווייטן גרויס אין די אויגן און יעדערער באַמאַרעט זיך איבערצוקלייגן דעם צווייטן.

צווי פֿאַרשוינען זיינען אַמאָל צו רבֿקהן אין גאַרקיך אַרײַנגעקומען און האָבן זיך געהייסן דערלאַנגען פֿון די בעסטע — און סאַמע טומל איז דאָס געווען, ווען די מענטשן גייען אַראָפּ פֿון דער אַרבעט און כאַפּן זיך אַריין איבערקייען. די פֿאַרשוינען האָבן געגעסן פּאַוואָלינקע, מיט געאיילט זיך, און האָבן אַזוי הינטער־אַרום גענומען איבערפֿרעגן רבֿקהן, ווי אַזוי עס גייט דאָס געשעפֿט און ווי איז דאָס לייזונג און צי זי גיט אויף באָרג —

און רבֿקה דערציילט, ווי דער אמת איז:

— מען לייזט אַ ביסל, אויף באָרג גיט מען אויך. אַ גראָשענער געשעפֿט — ניט צו פֿאַרזינדיקן מיט די רייד.

— ווייזט אויס, ניט קיין שלעכטער פּונקט — זאָגן די מענטשן גלאַט אַזוי. און אדרבה, אַן אָרעמע ייִדענע האָט פּרנסה, איז טאַקע דאַנקען גאָט.

האָט זיך רבֿקה פֿיינט צו באַקלאָגן:

— דווקא נישט קיין שלעכטער פּונקט! — זאָגט זי און טראַכט דערביי: „אָרנטלעכע מענטשן, זעט זיך אָן, זאָל זיי טאַקע גאָט באַצאָלן פֿאַר די פּאָר גילדן, וואָס זיי גיבן איר צו לייזן“.

אָבער ווי די פֿאַרשוינען זיינען נאָר אַרויס און רבֿקה האָט דורך דער גלעזערנער טיר דערזען, ווי זיי האָבן זיך נאָך אַמאָל אומגעקערט און געוואָרפֿן אַ שאַרפֿן אויספֿאָרשנדיקן בליק אויפֿן „פּונקט“, האָט זיך רבֿקהן אין האַרצן עפּעס אַזוי ווי אָפּגעריסן.

און פֿאַר מאַן און קינדער האָט זי דערנאָך דאָס אָנגעווייטאָגטע האַרץ אירע אויסגערעדט:

— עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ פֿאַר, הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, אַז די מענטשן וועלן אונז אַ גרויסע רעה טון.

אַ גאַנצן טאָג איז רבֿקה געווען אומרויִק, און ביינאַכט, אַז זי האָט איינגעדרעמלט, האָט זיך איר געחלומט, אַז די סטעליע איז איר אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן קאָפּ — אַ סימן אויף שלעכטס — אַ גאַנצן טאָג דערנאָך האָט זי צו זיך ניט געקענט קומען!

---

און דער חלום האָט רבֿקהן ניט אָפּגענאַרט: עס איז קוים אַריבער אַ וואָך, ווי איבער דער גאַס, פּונקט קעגן רבֿקהס גאַרקיך,

האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן צו רודערן. דאָרט איז שוין לאַנג אַ ליידיקע דירה געשטאַנען, די פענסטער מיט לאָדן פאַרמאַכט, און רבקה, אַז זי פלעגט אַ קוק טון אויף די פאַרמאַכטע לאָדן, פלעגט איר שטענדיק מרה־שחורהדיק ווערן אויפן האַרצן:

— און מיטן שטאָט אַ פּיטסקע — פלעגט זי טראַכטן, און די קינדער פלעגן זיך נאָכפרעגן בײַ דער מאַמען: צי דאָרט האַרנען שדים? און זיי פלעגן לויפן אַ קוק טון, אויב דאָרט זײַנען דאָ מזוזות? אָבער די טיר איז געווען פון הויף, עפּעס אין אַ קאָרידאָר, האָבן זיי די טיר נישט געקענט געפינען...

האָט מען אין אַ שיינעם פרימאָרגן צעהאַקט די וואַנט פונקט אַנטקעגן רבקהס טיר — אַ טיר צו דער גאַס האָט מען הרבגע־פּירט. די אַרבעט איז געגאַנגען זייער שנעל און צײַט צוויי טעג איז פאַרטיק געוואָרן אַ פרנסה־שטיב. באַלד האָט מען פון עפּעס אויף אַ מאַטשקע געבראַכט צו פירן אַ „היזעסקע", אַ פריש געמאָלטע, מיט רויטע אותיות, וועלכע האָבן ממש די אויגן געשטאָכן, און אַפילו רבקה מיט אירע קורצזיכטיקע אויגן האָט הרבגעליינט:

פרישטאָק, מיטאָג און וועטשערע.
צו יעדער צײַט וואַרעם עסן.

און אונטן איז מיט קליינע אותיות געווען צוגעשריבן:

עס ווערן אויך אָנגענומען סטאָלאָווניקעס אויפן חודש.

אַ האַלבע „היזעסקע" האָט פאַרנומען אַ אויסגעמאָלטער מענטש מיט רויטע פּיס און שוואַרצע הענט. העלבער האָט געהאַלטן אַ שיסל מיט בײדע הענט.

בײַ דער נײַ־אויסגעהאַקטער טיר האָט רבקה דערזען יענע באַקאַנטע צוויי פאַרשוינען. זיי האָבן זיך מיט אַ שמייכל אַ נייג געטון צו רבקהן, ווי איינער זאָגט:

— וואָס האָט געשעפט צו בײַנטשאַפט? שכנים!

די צוויי פאַרשוינען האָבן זיך „ראַספּאַריאַזשאַיעט", ווי אַזוי צו הענגען די „היזעסקע": העכער, נידעריקער, אַ ביסל ווייטער, נאָך העכער!

רבֿקה האָט געקוקט און געטראַכט: איצט איז דער אמתער סוף געקומען. אײן גאָט זאָל זיך נאָר מרחם זײַן אויף איר מיט די קלײנע קינדער. זי װעט זיך דען קענען פֿאַרװעטן מיט די שטאָטישע מײַלער? עס האָבן איר שוין דערצײלט אַ פּאָר אַרבעטער: נײַע, װײַסע טישטעכער ליגן אויף די טישן; די טעלער — נײַע; גאָפּל, מעסער און לעפֿל בלאַנקען, װי זילבערנע. װעט זי זיך דען קענען פֿאַרװעטן? לעפֿל און גאָפּל זײַנען בײַ איר אַלטע, אָפּגעריבענע, טעלער שטשערבאַטע און מעסערס פֿעלט טאַקע עד־היום. אלא װאָס? זי גיט פֿריש עסן? פֿאַרשטײען זיך דען אויף דעם די שטאָטישע? זײ זוכן נאָר דעם פּוץ־מוץ —

און טאַקע אַזױ — ניט אַריבער קײן װאָך און די אַנטקעגנדיקע האָבן אַריבערגעצױגן צו זיך אַלע אירע קונדן. עטלעכע זײַנען איר אַפֿילו געלט געבליבן שולדיק. איז אַז זײ גײען עסן אין דער נײַער גאַרקיך אַרײַן, קערן זײ נאָך אָפּ דעם קאָפּ — זײ קענען זי גאָרנישט!

עס זײַנען אַפֿילו געבליבן אַ פּאָר „סאָװעסטנע" אַרבעטער, װאָס האָבן גובֿר געװען דעם יצר־הרע און האָבן זיך ניט געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון די װײַסע סערװעטן מיט די בלישטשענדיקע גאָפּלען, האָט שוין אָבער רבֿקה ניט געהאַט זײ װאָס צו געבן און האָט זײ אַלײן אָפּגעשיקט:

— גײט, קינדערלעך, אַהין. דאָרט איז פֿרײלעכער. יונגע מענטשן, װאָס האָרעװען, דאַרפֿן עסן.

„זײ זײַנען דען שולדיק, אַז זי האָט קײן מזל ניט?"

און אַז קײן פֿרעמדער עסער איז מער נישט געװען, האָט זיך דער גראָשן אױפֿגעהערט צו דרײען, איז די פּליטע געשטאַנען ניט קײן געהײצטע און די פּאָר טעפּלעך זײַנען געשטאַנען רײן אױסגעשײַערטע — נאָך אַ נס, װאָס דער בעקער האָט פֿון אַלטע באַקאַנטשאַפֿט װעגן אַ פּאָר פֿונטלעך ברױט צוגעבאָרגט. אָבער װיפֿיל, מישטײנס געזאָגט, װעט ער באָרגן?

רבֿקה איז אָבער קײנמאָל קײן גרױסע רײדערקע ניט געװען, פֿלעגט זי אַ פֿיר טאָן מיטן אַרבל איבער די אױגן:

— מען טאָר ניט זינדיקן, קינדערלעך, מען מוז אַלץ אָננעמען פֿאַר גוט.

און מיט טרערן אין די אויגן פֿלעגט זי דערציילן די קינדער אַ געשיכטע, וואָס זי האָט געהערט פֿון איר טאַטן, עליו־השלום, וועגן איינעם אַ צדיק, אַ גרויסן אָרעמאַן, וואָס האָט אַלץ אָנגענומען פֿאַר גוט, און אויף יעדער צרה, וואָס גאָט פֿלעגט אויף אים אָנשיקן, פֿלעגט ער זאָגן: „גם זו לטובֿה", — ביז ער האָט איינמאָל געכאַפּט אַ פֿיש אין טײַך און אינעווייניק האָט ער געפֿונען אַ טײַערן דימענט, אַזוי ווי אַן איי די גרייס —

די קינדער פֿלעגן הערן און פֿלעגן ווײַטער הונגער פֿאַרגעסן.

---

# די חורבה.

נאָכדעם, ווי מען האָט אַראָפּגענומען דאָס נײַע הויז פֿון חיים־יונהן, וואָס איז געבויט געווען 12×16 און מען האָט עס קלעצער־ווײַז איבערגעטראַנספּאָרטירט אויף פּליטן אין דער גרויסער שטאָט ווילנע אַרײַן, איז אויף דעם ליידיקן אָרט געבליבן אַ פֿלעק, 12×16 די גרייס, וועלכער איז אַרומגעצוימט געווען מיט אַ „פּאָדמורעק“, און אין מיטן איז שטיין געבליבן דער גרויסער אויוון, וואָס האָט זיך געצויגן אַרויף מיטן הויכן קוימען, כאָטש נעם און הייץ אויף טשאָלנט.... טרויעריקע גראַנקען האָט אַרויסגערופֿן דער שוואַרצער צעגראָבענער פֿלעק מיטן פּאָדמורעק און מיטן פֿאַריתומטן אויוון, וואָס האָט אַזוי געטריי געדינט רבקהן פֿון די סאַמע יונגע יאָרן אָן. אַפֿילו די גויים, וואָס פֿלעגן פֿאַרבײַפֿאָרן, פֿלעגן אויך ניט קענען בלײַבן אינגאַנצן גלײַכגילטיק צו דער זאַך און פֿלעגן אָפּטמאָל צעשאָקלען מיט די קעפּ:

— געווען און... ניטאָ.

און אַנדערע פֿלעגן צוגעבן (די ווירקונג פֿון נײַ־אָנגעקומענעם גלח אין פּאַראַפֿיע):

— מען דערציילט, אַז חיים־יונה האָט זיך אין ווילנע איבערגעבויט אַן אייגענע „קאַמעניצע“. וואָס איז? געלט האָט אים געפֿעלט?

און זיי פֿלעגן זיך אַראָפּכאַפּן פֿון דער פֿור און אַריבערשפּרינגען איבערן פּאָדמורעק אין שוואַרצן פֿלעק אַרײַן און מיט די בײַטש־שטעקלעך אַ גראָב טאָן אין זאַמד, צי איז ניט אַמאָל איבערגעבליבן דאָרט עפּעס אַזעלכע זאַכנישן, וואָס קענען צונויץ קומען אין אַ באַלעבאַטישקייט. און אַז זיי פֿלעגן געפֿינען אַ טשוואָק, אַ שטיקל אָפּגעבראָכענע צינענע לעפֿל אָדער נאָך אַזעלכע וויכטיקע זאַכן, פֿלעגן זיי עס צופֿרידענע באַהאַלטן אין די קעשענעס:

— אָדאָ, בײַ חיים־יונהן האָט זיך האָב און גוטס געװאָלגערט אין מיטן.

ניט װײַט פֿון ישוב האָט געװאױנט מיט זײַן אַלטער װײַב אײנער אַ בעטלער, װאָס האָט געטראָגן דעם קלינגענדיקן נאָמען ראַדױ־חיל און ער האָט טאַקע געשטאַמט פֿון די באַװאוסטע פֿירשטן, װאָס האָבן אַמאָל געגלאַנצט אין דער ליטע. דער יורש פֿון די גרױסע פֿירשטן האָט געלעבט דערפֿון, װאָס ער פֿלעגט יעדן זונטיק זיצן אונטערן קלױסטער און זינגען װײנע בעטל־„פּאַטשערעס". פֿלעגט ער די װאָכעדיקע טעג פֿאַרברענגען אױף די חורבות פֿון חיים־יונהס הױז און פֿלעגט דאָרט צונױפֿנעמען אַלץ, װאָס ער האָט נאָר געקענט: אַ שטיקל האָלץ צום הײצן, אַ גאַנצן ציגל, און אַלטן פֿאַרשריבענעם העפֿט, װאָס איז שױן געװען האַלב צעפֿױלט. און אַז ער האָט אײנמאָל געפֿונען דאָרט אַ אָפּגעריבענעם, פֿאַרשימלטן קופּערנעם צענער, האָט ער גענומען גראָבן און זוכן נאָך מיט מער חשק.

און אַז מען האָט זיך זונטאָג אין קלױסטער דערװאוסט פֿון דעם „אוצר", זײַנען זיך צו דער חורבה צונױפֿגעלאָפֿן שקצים פֿון אַלע אַרומיקע דערפֿער און מען האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער חורבה אױף אַסך אַ פֿעסטערן שטײגער, און מען האָט געזוכט און גענישטערט, גענישטערט און געזוכט, מען האָט אַ שטײן אױף אַ שטײן גאַנץ ניט איבערגעלאָזט, אָבער האָט מען קײן זאַך נישט געפֿונען:

— אַלץ צוגענומען, פּשיאַ־קרעװ — האָבן זײ זיך געזידלט.

אָבער אָט האָבן זיך אַלץ פֿעסטער גענומען צעטראָגן קלאַנגען איבער די אַרומיקע דערפֿער, אַז אױף דער חורבה האָבן זיך באַװיזט שדים, און ניט אַזױ די שדים, װי מען האָט זיך דאָרט מורא געהאַט צו טרעפֿן מיטן „ניעבאָשטשיק" אַלײן....

דער ערשטער, װאָס האָט דערצײלט װעגן זײַן באַגעגעניש מיטן „ניעבאָשטשיק" שמואל־יעקב — איז געװען מיכאַש דער פּאַסטאָקער:

— קומט מיר אױס די טעג צו פֿאָרן שפּעט בײַנאַכט פֿאַרבײַ דעם ישוב. עס איז געװען פֿינסטער, מײַן פֿערד האָט זיך אַראָפּגעשלאָגן פֿון װעג און איז גלײַך אַרײַנגעפֿאָרן אױף די שטײנער פֿון פֿאַרמױרעק. און דאָ האָט זיך מיר פּלוצלונג אין האַרצן אָפּגעריסן:

ליכטיק אין די אויגן, ווי פֿונקען וואָלטן זיך שיטן, און אין דער ליכטיקייט זע איך אַ פּנים מיט אַ באָרד — איך האָב גלייך דערקענט דעם ניעבאָשטשיק, פּונקט ווי אַ לעבעדיקער.... איך געדענק שוין ניט, ווי אַזוי איך האָב דעם פֿערד אַרויסגעקעראַוועט אויפֿן ריכטיקן וועג און האָב זיך אָפּגעטראָגן פֿון דאָרטן וואָס גיכער.

— אַוודאי — האָט דאָס געגעבן צו פֿאַרשטיין דער סאָלדער און רויקער כמעפּאָן דער פּישער: — דעם גאַנצן לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אין דער שטוב, די שטוב האָט מען אַראָפּגענומען, חרובֿ געמאַכט, קען ער ניט רוען אין זיין רו... פֿאַרשטייט זיך.

די געשיכטע איז באַלד צעטראָגן געוואָרן איבער די דערפֿער און קיינער האָט אין איר אַפֿילו ניט געפּרוווט כפֿקן: פֿאַר אַ ניעבאָשטשיק איז עס אַזוי נאַטירלעך געווען. מען האָט זיך גיכער געוואונדערט, ווי אַזוי קיינער האָט אים נאָך ביז איצט נישט געזען.

אָבער שווער איז נאָר געווען מיט דער ערשטער באַגעגעניש. די ווייטערדיקע האָבן זיך שוין געטראָפֿן אַ סך אָפֿטער, און דער עולם האָט זיך געסטאַרעט ניט צו פֿאָרן ביינאַכט פֿאַרביי דעם הילן פֿליך, און טאָמער פֿלעגט מען זיין אין וועג, פֿלעגט מען שוין גלייכער אָנלייגן עטלעכע איבעריקע ווערסטלעך און פֿאָרן אַרום — מיטן טראַקט.

אָבער אין גיכן האָט שוין דער אַרומפֿאָרן אויך אויפֿגעהערט צו העלפֿן. אָט איז איינער אַ מושליער קריסט דעם לעצטן זונטאָג ווידער געקומען מיט אַ נייס:

— אָט פֿאָר איך די לעצטע טעג פֿון שטעטל אַהיים. פֿאַרעסן זיך אַ ביסל מיטן שרייבער פֿון וואָלאָסט אין שינק, איז געוואָרן שפּעטלעך. פֿאָר איך אַזוי מיטן וועג, ערשט איך זע — עמעצער גייט. אַזוי מאָדנע אַלט און איינגעקאָרטשעט איז דער גאַנג. איך קען שווערן — אַ באַקאַנטער מענטש, אָבער ווער קען עס זיין? און דאָ האָט ער זיך פֿלוצלונג אַ קער געטאָן אין מיין זייט, ערשט — איך זע — ער, שמואל־יעקבֿ. דער זעלביקער. און עס האָט מיר אָנגעהויבן צו ציטערן אונטער די ליטקעס: שלעכט. ער קען שוין נישט רוען ביי זיין חורבה און ער לאָזט זיך שוין אויף די וועגן. אָבער אָט שטייט ער שוין און איך זע — ער וואַרט ביז איך וועל צוקומען נאָענט. וואָס

טאָ איך — איך פֿאַר, וואָרעם מען קען דען אַנטלויפֿן פֿון אַ ניעבאָש-טשיק?

עס גייט מיר אַריבער אַזוי ווי אַ פֿרעסטל איבערן פּלייצע, אָבער איך שאָף זיך מיט און איך מאַך זיך גאָר קאַלט:

— וואָס מאַכסטו, יאַנקל?

ער ענטפֿערט נישט.

—וואוהין גייסטו? פֿרעג איך ווידער.

קיין ענטפֿער איז ווידער ניטאָ און דערפֿון ווערט מיר נאָך שרעק-לעכער און איך טראַכט: ניט גוט, דאָ איז געקומען מיין סוף. זע איך, אַז איך בין אַ פֿאַרפֿאַלענער, ליג איך אים פֿאַר:

— זעץ דיך איפֿן וואָגן, איך וועל דיך אונטערפֿירן.

און וואָס מיינט איר? ער האָט זיך אַריפֿגעזעצט איפֿן וואָגן.

איך האָב שטאַרק גענומען יאָגן דעם פֿערד, אָבער עס העלפֿט ווייניק. דער פֿערד סאָפּעט שרעקלעך, אָבער גיין גיך קען ער ניט — ניעבאָשטשיקעס זיינען זייער שווער. און דאָ פֿיל איך, ווי פֿון דער זייט, וואו ער זיצט, ווערט מיר אַלץ וואַרעמער און וואַרעמער, און דאָ איז מיר שוין גאָר הייס, און די היץ הייבט מיר שוין אָן אַריבערגיין איפֿן צווייטן זייט. און זיין זייט קוק איך ניט, אָבער איך ווייס, אַז ער זיצט, און איך קוק נאָר אַלץ, צי עס איז נאָך ווייט צו דער חורבה. און וואָס מיינט איר? ווי נאָר איך האָב זיך איבגעגליכט מיט דער חורבה, האָב איך דערפֿילט, ווי עס איז מיט אַמאָל גרינגער געוואָרן איפֿן וואָגן און דער פֿערד איז ממש אַ לעבעדיקער געוואָרן. אַז איך בין געקומען צופֿליען קיים אַ לעבעדיקער אַהיים, איז דאָס פֿערדל באַדעקט געווען מיט אַ געדיכטן שוים, אַזוי ווי ער האָט דעם גרעסטן וואָגן משא געפֿירט.

און איך זאָג, אַז דאָס איז דערפֿאַר, וואָס מען האָט אַ סך זאַכן צעשלעפּט פֿון דער חורבה, גייט ער זיי איצטער זוכן. מען טאָר ניט אײַנברענגען קיין ניעבאָשטשיק — האָט דער מומחה און אַזוינע זאַכן, סטעפּאַן דער פֿישער, געזאָגט.

— טאַקע?

— טאַקע?

– אַוודאי אַזוי. פֿרעגט בײַ װעמען איר װילט. װער װייסט עס דען ניט?

און גאָר אין גיכן האָבן זיך אַלאָז געטאָן שקצים אין פּיִעדים צו דער חורבה און יעדערער האָט אָפּגעבראַכט צוריק אַלע קליינ־קייטן, װאָס מען האָט געהאַט צונױפֿגענומען, און דער אַלטער יורש פֿון די גראַפֿן ראַדזיװיל האָט איך דעם אַלטן אָפּגעריבענעם צענער אָפּגעבראַכט און האָט זיך געסטאַרעט אַװעקצולײגן אים אױפֿן זעלבן אָרט, װאו ער האָט אים געפֿונען.

און דאָס האָט געהאָלפֿן: מער האָט מען שוין דעם ניעבאָשטשיק איף די װײַטיקע װעגן ניט באַגעגנט.

און אַז אַ גױ האָט גענומען אין אַרענדע די אַרומיקע פֿעלדער און ער האָט זײ פֿאַראַקערט, האָט ער דעם אָרט פֿון דער חורבה! געלאָזט אַ פֿרײַען אַזױ װי ער איז געװען:

– דאָ װאױנט דער ניעבאָשטשיק, און מיט אַ ניעבאָשטשיק איז גלײַכער, אַז מען לאָזט אים צורו.

# דער שמיד פון באַבוזשע.

איך האָב געהערט פון דעם מין ישובניקעס עמי-הארצים, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן אין די קרעטשמעס ביי די וועגן, אין די וועלדער ביי די הייפן און אין די שטרוי-דאַכיקע קורנע דערפער און דערפלעך פון דער אין אַ זייט פאַרהוקטער, געדיכט-באַוועלדערטער ליטע, וואָס מען דערציילט פון זיי, אַז זיי חשבונען די טעג פון דער וואָך איף העלצער, וועלכע זיי לייגן אַוועק, יעדן טאָג אַ האָלץ, אינמערן אויוון, און אַז עס קלייבט זיך צונויף זעקס העלצער, פאַרהקן זיי משאָלנט און בענטשן ליכט, און דערביי טרעפט זיך, נאַטירלעך, ניט איינמאָל אַ קליינער טעות איף אַ טאָג-צוויי, — אָדער אַז זיי קומען אַמאָל צווישן יידן און מען הויבט זיי איף צו דער הגדה, מאַכן זיי אַ ברכה „מזונות“, ווייל זיי זיינען געוויינט צו קאַרטאָפל, און נאָך אַזעלכע משיקאַווע זאַכן. עס גייען ביסלעכווייז אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט די שטילע באַחנטע צייטן, און עס ווערן פאַרשוואונדן פון איין זייט די שיינע יידן-למדנים מיט די לאַנגע ווייסע בערד, געקרייזלטע פאות און די מילדע מלאכים-איגן, וואָס ענלעכע צו זיי זעט איר נאָך עד-היום איסגעהאַנגענע איף די ווענט אין די פרום-באַלעבאַטישע הייזער, דאָס רוב אין אַ טלית מיט אַ של-ראש איפן שטערן און אַ רצועה איף דער האַנט, אָדער מיט אַן אָפענער כשרער האַלז און מיט אַ שטריימל איפן קאָפּ. און פון דער צווייטער זייט ווערט פאַרשוואונדן דער אוממיטלבאַרער ישובניק עם-הארץ, וואָס עס ליגט איסגעגאָסן איף אים דער זיבעטער חן פון נאַטירלעכקייט און פּראָסטקייט. מערסטנטייל האָט מען זיי אַרויסגעיאָגט פון די איינגעזעסענע ערטער און פאַרטריבן אין די ענגע יאָמערלעכע שטעטלעך אַריין, און די, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין דאָרף, הענגען דאָרט, ווי איף משקולת, אין דער חוק פון לעבן

פארכאפט דערווייל אלץ א גרעסערן שטח, ציט אריין אין זיינע נעצן די ווייטסטע, פארווארפנסטע ווינקעלעך, און אויך אין די דערפער זעצט זיך אוועק אויבן־אן די פאתעלטע אויסגעמענטשלטע פלאכקייט.

חנה, דער שמיד פון באבוזשע, איז געווען מער ווייערער, איידער אונזערער. געגאנגען איז ער אין ווייסע לייוונטענע הויזן און אין א סערמיענגע, מיט א רויטן גארטל ארומגעבונדן, אזוי ווי אלע ווייסרוסן ארום. אויך זיין שטיבל איז געווען א נידעריקע, א קורנע, מיט א גריבערדיקן טאק אנשטאט א פאדלאגע. ארויסגעגעבן זיין יידישקייט האט נאר דער ערוב, וואס האט זיך געצויגן פון שטיבל צו דער קוזניע, פון דער קוזניע צו דער צעפאלענער לעדאווניע, וואס קיין אייז האט מען שוין אין איר יארן־לאנג ניט געהאלטן, און חנהס ווייב פלעגט דארט האלטן די שבתדיקע מאכלים. אויך האט מען גערעדט אין דארף, אז חנהס האלט דארט עטלעכע פארגראבן א קניפל, וועלכן יונגע שקצים, אויך עלטערע גויים, האבן שוין ניט איינמאל געזוכט אין די פינסטערע נעכט, האבן אבער קיין זאך נישט געפונען. און פון לעדאווניע פלעגט זיך דער ערוב צוריק אומקערן צום שטיבל. ארויסגעגעבן זיין יידישקייט פלעגט אויך זיין דאווענען, וואס ער פלעגט דאווענען דריי מאל א טאג אויפן קול פון סידור, און פלעגט זיך דערביי פלייסיק צוטייטלען מיטן שווארצן, צעבראכענעם און אנגעמאזאלעטן אצבע. עוזלהן גאט האט חנה פיינט געהאט. נישט זעלטן פלעגט חנה אין א מיטן מיטוואך פארקריכן אפילו אין א שבתדיקן מוסף, אין כפרות־שלאגן, אבער דאס האט אים גארנישט געשאדט אין זיינע באציונגען צום אויבערשטן. און פלעגט זיך מאכן אין מיטן אן עקסטרע שטיקל ארבעט — אונטערשמידן א פערד, צי פארריכטן אן אקס, פלעגט ער ארויסגיין אין קוזניע אין טלית ותפילין, און איבערלאזן דעם רעשט דאווענען אויף שפעטער. אנדערע, ווייסט ער, מאכן דעם דאווענען איינס און צוויי — ער קען דאס ניט.

און אז ער פלעגט ענדיקן דעם זאגן, פלעגט ער זיין פארשוויצט און פארסאפעט, ווי ער וואלט אונטערשמידן הונדערט פערד מיט איין אטעם, און מיט די לעצטע כוחות פלעגט ער ארויסריידן:

— קילע, גיב עסן!

אָבער קילען דאַרף מען ניט דערמאָנען. אויפן טיש שטייען שוין אָנגעגרייט צוויי „מיסעס“, איינע מיט כאָלאָדניק, די אַנדערע מיט קאַרטאָפל און פּעלצלעך, און דערביי אַ קריגל „פּענסאַק“ צו פאַרזיפן.

דערנאָך — צוויי מאָל אין יאָר — אויף פּסח און ימים-נוראים פלעגט חנה איינשפּאַנען די קאַלמאַשקע, פלעגט אָנטאָן די נייע כערמענגע און אַרומגאַרטלען זיך מיטן נייעם גאַרטל, פלעגט צונויפנעמען ווייב און קינדער מיט אַ זאַק קאַרטאָפל, אויך למען-השם נישט פאַרגעסן זיין גראָבן סידור און פלעגט זיך לאָזן אין שטעטל אַריין „פּראַוזען שוויאַטאָ“.

און אַז חנהס קאַלמאַשקע פלעגט זיך באַווייזן פון הינטער דער באַר, פלעגן זיך די שטעטלדיקע לאַנד-חכמים דורכשמועסן אויף זייער מליצה-לשון:

— דער באַבושער למד-וווניק ווערט נתגלה...

און טאָמער פלעגט זיך מאַכן, ער פלעגט אַריינפאָרן מיט די קאַרטאָפל און מיטן סידור אַ טאָג אין יום-טוב אַריין, פלעגן אים די יונגלעך באַגלייטן ביז דער אַכסניה מיט אַ „הורא“. אָבער דער באַבושער פלעגט נישט נתפּעל ווערן: אַ מענטש איז נישט קיין כלאַך, טרעפט זיך אַמאָל אַ טעות.

דערפאַר, אַז ער פלעגט זיך אומקערן צוריק אין דאָרף אַריין, פלעגט ער שוין האָבן צו דערציילן די באַבושער גויים אַ סך אַ סך מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין פאָלעש, בשעת קריאת-התורה, אויף דער אַכסניה ביים עסן און גלאַט אין מאַרק ביים איינקויפן „סאָיע-טאָיע“.

און טאַקע, דעם ערשטן יונטאָג פלעגן זיך צונויפקלייבן ביי הנהן אין כאַטע אַרום דעם גרויסן הייסן טיש, וואָס פאַרנעמט דריי-פערטל פון שטוב, אַ גאַנצע קאָמפּאַניע — שטענדיקע אַריינגייער: עס פלעגן קומען די פליטניקעס, וואַסער-מענטשן, וואָס פלעגן עטלעכע מאָל דורכן זומער פאָרן מיט פליטן קיין ווילנע און קאָוונע; קאָראָל דער בעל-הגוף, דער רייכסטער אין דאָרף, אַ גראַמאָטנער גוי, וואָס פלעגט אָפט פאָרן אין וואָלאָסט און האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס

דער שרייבער פון וואָלאָסט האָט זיך צו איר געשדכנט, און פלעגט דערזבער איבערציילן קאַראָלן אַ סך וויכטיקע מלוכה־סודות פון די סאָפירן, וואָס פלעגן אָנקומען אין וואָלאָסט. עס פלעגט קומען מיכאַש דער ווינקלדיקער, אַ געוועזענער שבת־גוי אין שטעטל, וואָס האָט יאָרן־לאַנג אַראָפּגענומען שבת די לייכטער ביי יידן, און געשפּייזט זיך מיט יידישע חלה, און וואָס די גוים פלעגן אים דערפאַר רופן אונטער די אויגן — דער טשאָלנט־טאָפּ. ער האָט געקאָנט יידיש, געוואוסט יידישע מנהגים, דינים, איבערהויפּט אַ סך בבא־מעשיות וועגן „ניעבאָשטשיקעס" און שדים. ער פלעגט אַריינקומען מיט אַ ברייטן שמייכל אויפן פאַרוואַקסענעם פּנים און מיט נאָך אַ ברייטערן:

— שאָלעם אַלעכעם, באָרעך האַבאָשעם.

— כאַ־כאַ־כאַ! — פלעגט אויסשיסן מאַציק דער קלעזמער, וואָס האָט געשפּילט אויף זיין האַרמאָניע אויף אַלע „כאַשלערעס". און ווי טאָר ער פלעגט זיך איינשיכורן, פלעגט ער זיך פלייסן נאָכזאָגן די יידישע ווערטער פון מיכאַשן, אָבער צו זיין גרעסטן פאַרדרוס, פלעגט ביי אים קיין מאָל קיין זאַך ניט אַרויסקומען.

מאַציק ועט, דער עולם איז שוין גענוג גרייס, נעמט ער אַרויס פון כאַלעווע די טאַש־אָפּגעריבענע קאָרטן און ציילט איבער, צי עס פעלט נישט — מסתמא וועט מען באַלד שפּילן אַ „וואָגן".

חנה דערלאַנגט די קאַראַבקע מיטן בראָנפן, הניכע ברענגט בכן לעדאַוניע די געבליבענע פון שבת קאַלטע קוגל, און עס הייבט זיך אָן דער כיבוד.

מיכאַש דער טשאָלנט־טאָפּ מאַכט, צו אַלעמענס פאַרגעניגן, אַ הייכע ברכה אויפן בראָנפן:

— שהכל נהיה בדברו.

און נאָך דער ערשטער, דער צווייטער כוסע, פאַרבינדט זיך אַן אַלגעמיינער שמועס:

— נו, דערציילזשע עפּעס ניס, חניש, — פלעגט אָנהייבן דער קלעזמער.

און קאַראָל דער בעל־גוף פלעגט אַרויספירן דעם שמועס אויף אַ הדך:

— איך האָב געהערט, אין וואָלאָסט רעדט מען שטאַרק, אַז ייִדן און פּריצים וועט מען אויסקוילן, און מען וועט אַלץ אונדז אַוועקגעבן. האָסטו עפּעס גאָרנישט געהערט מכּות?

ווי געזאָגט, איז חנה געווען מער זייערער, איידער אונזערער. געהנט געווען נאָך מער פון אַ גוי, און אַז ער האָט זיך אַמאָל געוועט, אַז ער וועט אויפעסן פאַר אַמאָל צוואַנציק פּאַספּעליטקענע בייגל מיט די גרויסע לעכער, וועלכע מען באַקט אין דאָלנער קרעטשמע, האָט ער דעם געוועט אויך נישט פאַרשפּילט.

אַ שבת פאַרנאַכט. ביי חנהן האָט מען שוין לאַנג אויסגעטרונקען די טיי פון הלאַק, שלש-סעודות אָפּגעגעסן. עס איז פינצטערלעך. חנה זיצט ביי איין עק טיש מיטן תהלים אין דער האַנט און בלענדט זיך די אויגן. ביים צווייטן עק טיש זיצן באַבושער גויים און בלענדן זיך די אויגן מיט די קאָרטן און דערציילן ווילדע מעשׂיות וועגן „ניעבאָשטשיקעס" און שדים. און מיטן מישט זיך אַריין חניש און דערציילט צווישן אַ פּסוק און אַ פּסוק אַ גאַנצע מעשׂה, וואָס האָט אים אַמאָל פּאַסירט ביי אַ מאָהילניק. די גויים הערן אים און פאַרשטייען ענדלעך נישט, ווי קומט חניש צו זיין אַ ייִד.

— שמר זיך, חניש... אַז לעבן לעבסטו צווישן גויים, ניעבאָשטשיקעס קומען דיר אַרויס אַנטקעגן גוייִשע... אַזאַ נאַבאָזשנער, ווי דו ביסט, וועסטו גאָר ווערן אַ גלח...

דערהערט אַזעלכע ווערטער, האַקט חנה איבער די מעשׂה אין מיטן און ענטפערט קורץ און ביין:

— דאָס — ניט.

און טוט זיך ווייטער אַריין אין די פּסוקים.

געענדיקט דעם תהלים, אָפּגעדאַוונט מעריב, מאַכט ער הבדלה. מיכאַש דער טשאָלנט-טאָפּ ענטפערט אָמן, יהא שמיה רבה. חנה גיט זיך אַ שמיר מיט די איינגעטונקטע פינגער איבער די ברעמען און גיט די קינדער פאַרזוכן פון דער הבדלה.

— אָבער די מיידלעך גיב נישט — וואָרנט מיכאַש — מען טאָר נישט.

אַלץ ווייסט ער, דער מיכאַש!

און עס איז געווען איינמאָל עפּעס אַ גוייִשער יומא דפּגרא. די

פֿייערים פֿון באַבושע האָבן זיך נישט לאַנג אומגעקערט נאָכן „נעכטער־פֿון־פֿאַראַפּיע אין האָבן זיך אין די יום־טובדיקע קליידער אײַנגע־זעצט לעבן חנהס לעדאַזוניע איבן נראָו. חנה האָט שוין געהאַט פֿאַרענדיקט די אַרבעט אין קיכע, האָט ער געשמועסט מיט די פֿייערים אין האָט געהאַלטן אין פֿאַרריכטן דעם עירובֿ, וועלכן די פּאַסטעכער פֿלעגן אַלע וואָך כּמעט בפֿיוון צערייסן מיט די לאַנגע בײַטשן. מען האָט געהערט וועגן „אורהאַושאַ".

— איזה מ'וועט מער קיין רעגנס נישט זײַן, וועט זײַן אַ גנ־רעטעניש.

די פּליטניקעס, וועלכע זײַנען מיט אַ פּאָר טעג צוריק געקומען פֿון קאַוונע, האָבן דערציילט, עס הערט זיך אין די לוחות, אַז עס וועט זײַן אַ טרוקענער אָסיען.

— און דער האָלנער קרעטשמער זאָגט, אַז עס וועט רעגענען — באַמערקט חנה, און וויל אויעקשטעלן דעם צורעכט־געמאַכטן עירובֿ.

— אָבער וואַרט, חאַניש, — גיט זיך אַ כאַפּ מיכאַש דער ווינקלדיקער: — בינדסט נישט גוט.

— איך בינד יאָ גוט — זאָגט חנה.

— בינדסט ניט גוט — ענטפֿערט דער טשאָלנט־טאָפּ מעשה בקי.

האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַמפֿערן יאָ־גוט ניט־גוט. אַזוי לאַנג, ביז חנה האָט געבראַכט מיכאַשן אַ ראיה, אַז זײַן טאַטע האָט אויך אַזוי געבונדן אַן עירובֿ.

נעמט מיכאַש דעם שטעקן און איין האַנט און האָט שטריקל אין דער צווייטער האַנט און באַווײַזט, אַז אַן עירובֿ דאַרף מען בינדן אָט אַזוי און אָט אַזוי — ער האָט אַליין געזען, ווי דער ראַבין האָט געבונדן אַן עירובֿ.

נעמט בײַ אים חניש צוריק דעם שטעקן מיטן שטריקל און באַווײַזט, אַז מיכאַש האָט דעם טעות, און אַן עירובֿ דאַרף מען בינדן אָט אַזוי און אָט אַזוי.

אַ האַרט פֿאַר אַ וואָרט, מיכאַש וויל ניט נאָכגעבן און חניש אַוודאי ניט.

— ווייסטו נאָר וואָס — זאָגט מיכאַש — וועטן מיר זיך.

— וועסטו מיר זיין — ענטפערט חנה.

— אין אַ פּעסעלע ביר.

— גיט עס.

— גיט עס.

— ביר איז אַן ענין — ענטפערן די גויים און קלאַפּן צו מיט די הענט: ווער עס זאָל נישט פאַרשפּילן, ביר וועט מען שוין טרינקען.

און עס איז אַוועק אַ גאַנג. חנה האָט ביי דער ערשטער געלעגנ-הייט אײַנגעשפּאַנט די קאַלמאַשקע, אַוועקגעפאָרן און שטעלט זיך צום רבּ און האָט אים דערציילט, ווי די מעשה איז געווען: אַזוי און אַזוי, רבּי, אַ שאלה פון באַבווישע. און האָב זיך געוועט מיט מיכאַש דעם מיטאָלנט-טאַטע און דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי פאַר אַן אייגע-נעם טאַטן.

דער פּסק, וואָס דער רבּי האָט געפּסקנט און האָט דערביי באַוויזן חנהן מיט דער בייטש איבן בייטש-שטעקל, איז פאַרן באַבווי-ישער שמיד געווען לכתחילה אפילו אַ ביסל אומגערימט, אָבער איינ-מאָל פאַרשפּילט איז פאַרשפּילט, און פאַרנדיק צוריק, האָט ער שוין אָנגעאײַנגעקויפט ביר פאַר באַבווישע.

און אַז מיכאַש דער וווינקלדיקער האָט דער ערשטער געמאַכט „שהכּל“ און האָט פאַרענדיקט:

— נו, חניש, זאָג „אָמן“ —

האָבן זיך די פּויערים צעלאַכט און האָבן געקלאַפּט דעם מיטאָלנט-טאַטע אין פּלייצע:

— אַן אמתער ראַבין.

אָבער איך חנהן האָבן זיי געמיינט — פאַרט ווינע ביר געטרונקען.

— נישקשה, חניש, הלוואַי וואָלטן אַלע ייִדן געווען אַזעלכע אָרנטלעכע ווי דו.

נאָך אַזוי געהייבן האָט זיך געפילט חנה דער באַבווישער. און דאַמאָלסט האָט ער ביי זיך אין האַרצן פעסט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלע מיט מיכאַשן וועגן אַזעלכע זאַכן מער קיינמאָל זיך נישט וועטן.

# יודישע ציגײנער.

ארעם איז דער ליטווישער פייער און קליין זיינען זיינע באדערפענישן: א פעקל מאכאריקע, א פונט שמירעכץ צו די רעדער פון זיין קאלמאשקע און א צענדליק שוועבעלעך, וואס ער צעשנײדט פארדינסטיק יעדע באזונדער אויף צוויי, און אז עס גיט זיך איין, אפילו אויף דריי שטיקלעך, און ער גיט זיי אוועק דער באלעבאסטע זיינער און דער באלעבאטישקייט אריין, און זי האלט זיי באהאלטענערהייט אין „פאקאלעק", און אליין צו דער ליולקע זיינער באגייט ער זיך מיט א פייער-אייזן, וועלכן ער האקט אן קרעמען-שטיין, און עס פליען פונקען... גרעסער איז ביי אים די הוצאה אויף די „קערמאשן", וואס פאלן אים פאר פעלד-ארבעט. דאן דארף ער אנשארפן די פארזשאווערטע קאסעס, פארריכטן די סאכעס, און נאך אמאל קויפן מאכאריקע, שוין אויף גאנצע חדשים, וועלכע ער פארברענגט פון פרי ביז נאכט אין פעלד. און גלייך מיטן אונט ליגט ער זיך שלאפן און גלייך מיטן טאג שטייט ער ווידער אויף און לאזט זיך אוועק אין פעלד אריין. און אין די לאנגע ווינטערדיקע אונטן, זיצט ער פאר א אנגעצונדן קינדעלע, וואס ער שטעקט אריין אין א שפארע פון וואנט און טוט זיין ארבעט: זיצט ביי די קראכנעס און וועבט פערמעננע-געוואנט, שניצט לעפל אויף צו פארקויפן און—ליגט איפן איוון. און די קאלטע, פינסטערע, ווינטערדיקע פרימארגנס הערשט ער ווידער ביי א אנגעצונדן קינדעלע דאס ביסל תבואה, וואס ער האט צונויפגעקליבן פון פעלד. ערשט סאמע פאר „פאסט" פארט ער ווידער אינטער אין שטעטל, פירט אוועק איפן מארק אן אכטל קארטאפל מיט א קרענצל ציבעלע, און פונם געלייזטן געלט קויפט ער א צענדליק הערינג מיט א האלבן צענדליק פיטערדיקע „באראנקעס" מיט די גרויסע לעכער, פאר זיינע קינדער

אַ גאַנצינקן, און ער ברענגט נאָך אַ רעשט אַהיים אַ פּאָר גילדן און באַהאַלט זיי אויפֿן סאַמע דעק פֿון דער הילצערנער בלוי־געפֿאַרבטער, מיט אײַזערנע רייפֿן אַרומגעשמידטער „סקרינקע“, וואָס ער קלײַבט דעם נדן פֿאַר זײַן דערוואַקסענער טאָכטער.

און אויף די ישובֿים און אין די שטעטלעך קוקן אַרויס הונדערטער ייִדישע קרעמער אויפֿן וועג, וואָס פֿירט פֿון דאָרף, צי עס פֿאָרט נישט אַ קונה נאָך פּאַקופּקעס אין שטעטל, און די שמידן קוקן אַרויס ווייערע אויגן אויף דער אַרבעטס־צײַט, און דער הערינג־הענדלער אויף דער צײַט פֿון פֿאַסט, און דער מעל־הענדלער אויף דער צײַט פֿון „קאַלייד“, ווען אַפֿילו דער אָרעמסטער פּויער פֿאַרגינט זיך אַ פּאָר בינטלעך פּאַפּעליטקע מעל אויף קיילעטשן לכּבֿוד יום־טובֿ.... און אָרעם איז דער ליטווישער „בּוחר“ — די מאָגערע ערד באַצאָלט קנאַפּ פֿאַרן שווייס, וואָס אירע טרייע, ווייניק־פֿאָדערנדיקע קינדער גיסן אויף איר בּרוסט, און נאָך אָרעמער איז דער „מוכר“ — דאָס ליטווישע קרעמערל, און נאָך אים גייען די באַלעבאַטים, די כּלי־קודש, — און אַלע ווינען זיי זיך מפרנס אַ ביסל פֿון פּויער און דאָס איבעריקע איינער פֿון אַנדערן: דער פֿירט אײַן אַ שידוך און באַקומט אַ פּאָר רובל, איינער הוצאות אויף מאַרקעס, יענער איז אַ מעקלער, דער איז אַ קלעזמער און שפּילט אויף חתונות, יענער האַנדלט מיט ווימען, — און דאָס איבעריקע הונגערט מען צו, ווי דער אָרעמער גאָט פֿון דער אָרעמער ליטע האָט געבאָטן. אָבער קיינער זיצט נישט ליידיק, און מען טוט, וואָס עס לאָזט זיך, און מען לעבט, ווי עס לאָזט זיך, און וואו מען קען, כאַפּט מען אַ גמילות־חסד, און מען פֿאַרלעבט עס באַלד, און עס איז אַלץ ווייניק.

און דעם וואַנדערער, וואָס זאָל אַדורכפֿאָרן עטלעכע ליטווישע שטעטלעך און זאָל זיך צוהערן צו די שטומע קרעכצן און צוקוקן צו די פֿאַריאושטע בליקן, וועט, דאַכט זיך, קלינגען אין די אויערן די שטומע תּפֿילה פֿון די ליטווישע ייִדן:

— טאַטע אין הימל, עפֿן די שערי־רחמים און קוק אַראָפּ צו דײַנע קינדער, וואָרעם זיי ווינען עלנט און עס פֿעלט זיי פּרנסה, און די נשמה ווערט אײַנגעשרומפּן, ווערט פֿאַרדאַרט, אַזוי ווי די ליט־

ווישע פעלדער, וואָס מען ציט אַרויס פון זיי דאָס לעצטע ביסל זאַפט,
דאָס לעצטע ביסל חיות, און קיין נייע מחיה קומט נישט צו....

אין אָרעמקייט איז אַ בעל=צדקה — עס שיינט צו שטאַמען
פון דער ליטע דאָס ווערטל. ווייניקסטנס קומט דאָס ווערטל אויפן געַ=
דאַנק, ווען מען זעט, ווי גרויס עס איז די צאָל פון די אָרעמע=
לייט און בעטלער, אָדער ווי מען הייסט זיי אָפטמאָל — יידישע
ציגיינער. וואָס קומען זיך מפרנס זיין אין דער ליטע פון „ראַסיי",
פון פוילן, פון גאַליציע און אַנדערע ערטער; היימישע פעלן אַוודאי
נים.

איינציקווייז גייען זיי, פּאָרווייז קומען זיי, און גאַנצע מחנות
פאָרן זיי אום פון ישוב צו ישוב, פון שטעטל צו שטעטל, און
מאַכן פול אַלע „הקדשים", און עפענען אַלע טירן, און אומעטום שטרעקן
זיי אויס אַ האַנט, און די „רחמנים בני רחמנים" זאָגן נישט אָפּ, און
וויפיל גאָט העלפט, אַזוי פיל שענקט מען, און אַ ערב=שבת, ערב=
ראש=חודש, אָדער גלאַט אַ יומא=דפגרא, איז אַ יום=טוב פאַר די
אָרעמע=לייט. דאָס שטעטל האָט זיך זיינע יאָרידן, די אָרעמע=לייט
האָבן זייערע. וויפיל גיט אַ קליינשטעטלדיקער באַלעבאָס? ער בייט
אויס ביים שמש פון בית=מדרש אַ צוואַנציקער אויף פערציק צעטלעך,
אַ שילינגער אַ צעטל, און ער טיילט יעדן אָרעמאַן, קיינעם נים געַ=
וואָלט. און אַז דער אָרעמאַן קלאַפּט אָפּ פערציק שוועלן און שטרעקט
אויס פערציק מאָל די האַנט און גיט צוואַנציק מאָל רעשטע, איך מיט
צעטלעך, — ווארעם די צעטלעך זיינען אַ מין קרעדיטנע בילעטן,
און עס איז דאָ קאָפּיקענע צעטלעך, גראָשנדיקע און האַלב=גראָשנ=
דיקע — דאַמאָלסט גייט ער אַוועק צום שמש און באַקומט דעם
צוואַנציקער, און ער פרייט זיך:

— צוויי=געקלאַפּט צוואַנציק גראָשן!

---

בעטער מאַכן די אָרעמע=לייט ביי די ישובניקעס: איין יידישע
שטוב אויפן פעלד אָדער אין אַ דערפל, גייט מען גלייך צו און מען
עפנט די טיר — דאָס דאַרפט איר נאָר אין די גרויסע שטעט קלאַפּן
אָדער קלינגען, צו לאַנג זיינען טיר און טויער אָפן פאַר יעדן
הורכנייער און הורכפאָרער — ציי מען זאָגט יאָ „גוט=מאָרגן" צי

מען האָט ניט, נעמט מען אַראָפּ די קלאָסקעס פון די פּלייצעס, מען צעזעצט זיך אַרום טיש און מען הויבט זיך אָן צו דער באַלע-באַטע גאַנץ געלאַסן:

— באַלעבאַטע לעבן, עפּעס עסן.

און די באַלעבאַטע לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן און זי לייגט דעם טישטעך, דערלאַנגט דעם גרויסן לאַבן ברויט מיט דער פּאָלניצע זאַלץ, מיטן שיסל באַטשווינע מיט אַ צאָל הילצערנע לעפל לויט דער צאָל פון די אָרעמע-לייט. און ברויט ניט זי זיי האָט בעסערע, און באַטשווינע גוט פאַרהייטע, ווייל זי ווייסט, אַז די דאָזיקע האָבן שוין ניט איינמאָל אי ביים פּאָטאָקער מילנער געגעסן, אי ביים קרעטשמער פון וואָראָנע, אי ביים שמיד פון באָבוזשנע, און וואו ניט, און וואו ניט? וואו נאָר ערגעץ אַ ייִדישע שטוב, האָבן זיי שוין דאָרט ברויט פאַרזוכט, און וואו נאָר אַ ייִדיש שיסל, האָבן זיי שוין פון אים באַטשווינע געגעסן, און זיי פאַרשטייען זיך אויף אַן עסן בעסער פון אַן אַנדער וואַלד-כוזר, — ווייל די באַלעבאַטע ניט, די אָרעמע-לייט זאָלן זי ערגעץ באַרעדן, אַז זי קאָכט שלעכט, אַז זי קען קיין ברויט נישט באַקן.

און אַז זיי עסן אָפּ און באַקומען אַ פּאָר קופּערנע מטבעות אַ נדבה, זיינען די אָרעמע-לייט נישט פיל צו בעטן:

— אפשר האָט איר אַן אַלטע העמד, אַלטע הויזן?

און זיי באַווייזן זייערע צעריסענע, צעלעכערטע בגדים, און אַז זיי באַקומען דאָס אויך, טוען זיי זיך באַלד איבער אין די געשאָנקענע, ווי איינער זאָגט:

— זעט, ווי אָנגעלייגט אייער מתנה איז!

אָבער אַז זיי קומען אונטער צום שטעטל מ., שטעלן זיי זיך אָפּ ביים ברעג פון וואַלד און טוען זיך צוריק איבער הינטער אַ בוימל, הינטער אַ קוסט, אין די צעריסענע, צעלעכערטע, און די גאַנצע, געשאָנקענע פאַרקויפן זיי פאַר קליינגעלט בעדקע דעם טיכערניק, און דאָס קליינגעלט פאַרוויקלען זיי אין אַ שמאַטע און באַהאַלטן עס אין בוזים.

---

און עס איז פאראן אריסטאקראטן ארעמע־לייט, וואס פארן אויף פערד און וואגן: אלטע, יונגע, ווייבער און קינדער — גאנצע משפחות. נישט האבנדיק קיין היים, ווינען זיי אומעטום אין דער היים, און שיקט זיי גאט צו אן אפגעקאסעטע לאנקע אויפן וועג, און עס פרעקנט זיך היי, נעמען זיי אראפ אויפן וואגן א „בערעמע־היי" — פארן פערדל, און טרעפן זיי א באראזיקטע מעושע, שטעלן זיי זיך ווידער אפ, אונטערצופיטערן דאס פערדל. און דאס פערדל פארהכט פון אלע לאנקעס, פון אלע מעושעס, און איז א גרויסער מבין אויף היען, אזוי ווי זיינע באלעבאטים אויף באטשינע. און דאס פערדל גייט טריט־ביי־טריט, עתגעין איילט עס זיך נישט, און אז מען זאגט אים „נא", גייט עס, און אז מען זאגט אים „טפרוד!" שטייט עס, און מיט זיין בינטל גראז איז עס זיכער. עתגער איז ווינטער. אבער אויך דאמאלסט איז דא א ברירה: מען שטעלט זיך אפ ביי א מיל, ביי א קרעטשמע, אדער גאר וואו אן ארט, האי עס שטייען פורן, און זעט דאס פערדל, פערד עסן היי, האבער, סעטשקע, מאכט עס מיט זיי חבר און רוקט אויך אריין א קאפ און מיטן און געניסט פון קהלשע, ווי להבדיל א מענטש.

און עס איז פאראן ארעמעלייט, וואס קיין אייגענעם פערד־און וואגן האבן זיי ניט, און דאך פארן זיי, ווארעם זיי זיינען אדער „חלשים", אדער אלט, אדער מיט קינדער באלעסטיקט, אדער סתם פוילער, וואס ווילן זיך די פיס ניט ברעכן אומזיסט — אזעלכע האלטן זיך מערער אויף די ישובים.. און איין ישובניק שיקט זיי איבער צום צווייטן, דער צווייטער צום דריטן און אזוי כסדר, ווארעם די וועלט איז גרויס, און ישובניקעס פעלן ניט.... און אזוי דרייען זיך ארום די „יידישע ציגיינער" פון איין ישוב צום צווייטן, ביז זיי מאכן דורך א געוויסע שטרעקע, און דאן קערן זיי זיך אום צוריק. זיי דרייען זיך ארום איבער א גרויסן געגנט אזוי אומגעפער, ווי די ערד דרייט זיך ארום איר אקס, און די עלטערע, וואס זיינען שוין עטלעכע מאל געווען אין איינע און די זעלבע ערטער, דערקענט מען שוין פון דערווייטן:

— א, וואס מאכט איר, ר' מאיר? וואס מאכט איר, ר' ברוך? וואס הערט זיך עפעס נייס אויף דער וועלט? און מען נעמט זיי

צו, ווי אָנגעלייגטע געסט. און ליב האָט מען זיי ניט, די אָרעמע־לייט — וואָרעם ווער האָט עס ליב אַן אָרעמאַן? — אָבער פֿײַנט האָט מען זיי אויך ניט, און מען נעמט זיי אָן פֿאַר גוט, אַזוי ווי עפּעס אַ שטראָף פֿון זײַן ליבן נאָמען. און ניט ווילנדיק און אַליין האָט ניט וויסנדיק, פֿילט איר און זיי דעם לעבעדיקן צייכן פֿון דער גרויסער, דער פּוסטער יידישער טאָרבע, און זייער אומגיין איבער דער וועלט דערמאָנט די אומוואַנדערונגען פֿון דעם אייביקע יידן, וואָס האָט ערגעץ קיין אָרט ניט, ערגעץ קיין היים ניט, און קיינס שטעמפּל איז איינגעקריצט אויף זײַן שטערן.

און אויב גאָט האָט אויסגעלייגט אויף דער דערשלאָגענער, פֿאַרוואָרלאָזטער לייטע אָזאַ מין צינו, די אויסצוהאַלטן זייערע אָרעמע־לייט, נעמט עס אָן די אָרעמע לייטע פֿאַר גוט און קלייבט זיך דער־פֿאַר — צדקה תציל ממות — מצוות אויף מצוות, וואָרעם — טראַכט זיך דער־ליטווישער באַלעבאָס — די וועלט איז סײַ־ווי־סײַ פֿאַרשפּילט, אפֿשר וועט יענע עפּעס ווייזן — —

און אויב עס מאַכט זיך, עמעץ אַ אומבאַוואוסטער שטאַרבט אין אַ „הקדש" און בײַ אים אין דעם אונטערשלאַק פֿון איבער־בעט געפֿינט מען אײַנגענייט אַ פּעקל אײַנגעזאַמלטע אַסיגנאַציעס, איז עס אַוודאי אַ „חוזר על הפתחים"....

---

# דער הויף און דער שול־הויף.

דריי אײַזערנע וועגן גייען זיך פֿון ווילנע, די ליטווישע הויפּט־שטאָט, אין פֿאַרשיידענע זייטן פֿונאַנדער, און איינער פֿירט אין דעם שטילן, פֿאַרחלומטן וואָלין, דער צווייטער אײַלט זיך צו אַנטלויפֿן פֿון דער „טשערטאַ“ און שפּאַרט אָן ביז סאַמע פּעטער־בורג. דער דריטער בלײַבט לענגער טרײַ דער שטרוי־דאַכיקער ליטע און לויפֿט דורך שיטערע כאָסנאָווע וועלדער און געל־זעמדיקע ניט קיין געראָטענע פֿעלדער, און בינדט צונויף די היימישע שטעט און שטעטלעך מיט אײַזערנע שטאַנגען און שטאָלענע דראָטן. העם וועג זאָלסטו זיך האַלטן, וועסטו קומען אין דעם געוועזענעם „מיעס־טעטשקאַ“ ס. אָבער היף עס ניט מער „מיעסטעטשקאַ“. ווען די הירגעפֿירטע באַן האָט אַרײַנגעצויגן ס. אינם טומל פֿון האַנדל און וואַנדל, און דער „בונד“ האָט מטריח געווען צו באַזוכן זיך אין אין שטעטל אַ פּאָר פּריצים מיט בלײַע היטלען און זיי אונטער דער האַנט עטלעכע צענדליק „אוראַלער“ אויף פֿערדלעך, האָבן זיך די שטעטלדיקע באַלעבאַטים און יחוס אײַנגעקויפֿט און האָבן זיך מעשה גרויס־שטאָטישע דערפֿילט; און עס האָבן זיך איינמאָל נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת אין אַ יומא־דפּגרא צונויפֿגעקליבן ביים פּריסטאַוו די אײַגנ־טימער פֿון הייזער און פּלעצער, אַגולניקעס, גבאים און פּראָצענט־ניקעס (אַמאָליקע גמילות־חסדימניקעס) און האָבן אַוועקגעשריבן אַ פּאַפּיר אַהין, וואו מען דאַרף: אַזוי ווי און אַזוי ווי, איז אַ יושר, מען זאָל דאָס שטעטל איבערמאַכן אויף אַ „גאָראָד“ און אײַנטיילן אים די נייטיקע כּיבודים: אַ איספּראַווניק, אַ פּריסטאַוו, אַ ליטי־שערע טורמע און דאָס גלײַכן. ווײַזט אויס, די טענה איז געווען אַ גערעכטע, און די איערן פֿון מלכות האָבן זי צוגעהערט. דעריבער — אַפּשיי פֿאַרן ניי־געבוירענעם „גאָראָד“.

אָבער נאָר אַנדערש איז אַמאָל געווען. אַמאָל פֿלעגט מען פֿון כ. ביז ווילנע פֿאָרן אַוואָך און נאָך לענגער, און אין דענע־בורג אַוואָך און נאָך לענגער, און ווער עס האָט זיך אונטערגענומען אין קאַטערינאָסלאַוו צו פֿאָרן, איז געפֿאָרן אין די חדשים לענגער אַרײַן. —

צוויי שכנים זײַנען זיי געווען, דאָס שטעטל און דעם פּריצס הויף, און בשלום האָבן זיי געלעבט צווישן זיך. אָבער ווי פֿאַרשיידן זײַנען די שכנים אויף אויסזען געווען. דאָס שטעטל אין די נאַסע וועטערן בלאָטיק, און די היצן שטויביק, איז געלעגן פֿון אַלע זײַטן אָפֿן — זומער פֿאַר די ווינטן, וואָס טראָגן אַ גאַנצע וואָלקנס שטויב פֿון די אַרומיקע זעמד, און ווינטער פֿאַר די זאַווערוכעס, וואָס פֿאַרשיטן די נידעריקע אײַנגעהויקערטע שטיבלעך ביז איבער די פֿאַרמיערטע פֿענצטערלעך. — גיי אַרויס איבערן שול־הויף, דאָס ענגסטע געסל אין שטעטל. די הײַזלעך שפּאַרן זיך אײנע אויף די אַנדערע, אַזוי ווי די צעשראָקענע שעפּסן, אַזוי ווי עס וואָלט מיט אַן אמת ווייניק פֿעלד געווען אַרום פֿונאַנדערצורוקן זיך אַ ביסל. אויף די „פּריזבעס" זיצן ייִדן און ייִדענעס, קינדער וואַלגערן זיך אין שטויב און אָטעמען פֿאַרשטיקטע לופֿט. — און קיינעם פֿאַלט גאָר ניט אײַן צו פֿאַרלאָזן דאָס געסל און אַרויסגיין אַ ביסל אַהין, אויסערן שטעטל, וואו עס ציט זיך אַן אַלעע פֿון הויכע טאָפּאָלן, געמישט מיט געדיכטע קאַשטאַנעס, וואָס פֿירט צום פּריצס הויף, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט אַ פּרעכט־גאָרטן, וואו עס ציטיקן זיך קאַרשן, עפּל, באַרנעס און פֿלוימען. סײַדן אין אַ יומא־דפּגרא לאָזן זיך אַהין אַוועק, שמילערהייט פֿון די טאַטעס, חברה חדר־ייִנגלעך, דראַפּען זיך אויף די פּאַרקאַנעס, רײַסן אייבס, מאַכן זיך גהאַלדריסן אין די בגדים־לעך און ברעכן אומברחמנותדיק די צווײַגן.

פֿאַרשיידענע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן אין שטעטל וועגן הויף, אָבער קיין געניעס האָט קיינער ניט געוואוסט. אַ מאָדנער איז ער געווען, דער פּריץ: מיט סוחרים האָט ער ניט געהאַנדלט, קיין פּאַקטאָרס ניט געהאַט; אַליין, האָט מען גערעדט, אַקערט ער, אַליין זייט ער און האַלט זיך מיט די פּאַראָבקעס מעשה גלײַכער. אַפּטמאָל פֿלעגט ער זיך אין שטעטל באַווײַזן: אײנפֿאַך געקליידט,

מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, מיט קלוגע פֿאַרטראַכטע אויגן פֿלעגט ער זיך פֿאַרקערעווען אויף מינסקער געסל און פֿלעגט פֿאַרשווינדן אין טיער פֿון דאָקטאָרס הויז. ניט לאַנג איז ער אַראָפּגעקומען אין הויף. פֿון וויַיט, זאָגט מען, איז ער געקומען, אַ סברא פֿון מאָמע סבֿיבֿ, וואָרן ער איז אָפּגעקומען זיַין שטראָף פֿאַר אַ מרידה-במלכות. אַ גוטער איז ער, האָט מען דערציילט, די הינט האָט ער אויף קייטן געהאַלטן, די האַנט האָט ער קיינמאָל ניט געלאָזט קושן און די שטעטלדיקע אָרעמע-לײַט האָבן געהאַט דעם פֿרייסטן אַריַינגאַנג אין הויף, און מיט ליידיקע פֿלעגן זיי קיינמאָל זיך ניט אומקערן.—

עס איז אַ וואָכעדיקער טאָג. איבערן ליידיקן מאַרק הייען זיך אום ייִדן אין קאַמזעלקעס מיט די שמוציקע אַרבל פֿון העמד אַרויסגעלאָזט און אַרויסגעלאָזט די כּפֿל-שמונהדיקע ציצית, וואָס שמיַיסן זיך, אַזוי ווי מלקות, איבער די כאַלעוועס. און יעדן מאָל דרייען זיך די ייִדן אין בית-המדרש אַריַין — אָפּדאַוונען. ניט אומזיסט איז דער וועג אויפֿן שול-הויף דער אויסגעטראָטנסטער אין שטעטל: ניט איין הער האָט זיך אין זיַין שטויב געשטויבט — דריַי מאָל אין טאָג מעסט דער ס.-ער ייִד דעם באַקאַנטן וועג פֿון דער קינדהייט ביז מען טראָגט ענדלעך אַוועק זיַינע ביינער אויפֿן בית-עלמין — טאַקע ווידער הינטער שול-הויף, וואָרעם דער בית-המדרש אין ס. איז האַרט צוגעשפּאַרט צום בית-עולם. און קוקסטו דורך אַ פֿענצטער פֿון בית-מדרש, זעסטו אַ גרויסן בית-עולם מיט מצבֿות, מיט שטיבלעך פֿון גרויסע רבנים, מיט ביימער, זומער גרינע, ווינטער מיט שניי פֿאַרשאָטענע, און ניט ווילנדיק טראָגסטו זיך איבער מיט די געדאַנקען אין דער אמתער וועלט אַריַין, און די תּפֿילה גיסט זיך האַרציקער פֿון די ליפּן, און די „אָמנס" מיט די „יהא שמיה רבא" ווערן אַרויסגעזאָגט — מיט מער כּוונה, און די מלאכים, וואָס ווערן געבאָרן פֿון יעדן וואָרט פֿון דער תּפֿילה, קומען אַרויס גאַנצע, הייסע און באַפֿליגלטע. און דו זעסט, הכּלט זיך, מיט די אייגענע אויגן, ווי זיי טראָגן זיך אַוועק שטילע, התניתדיקע איבער די מצבֿות און ביימער, און ווערן פֿאַרשוואונדן אין דער הייך, צום פֿוס-בענקעלע פֿון מלך-מלכי המלכים.

געשמאַק און באַטעמט דאַוונען די ס.-ער ייִדן אַ מנין נאָך

אָמן — עס ענדיקט זיך נאָך ניט די תּפֿילה־שחרית, וואַרטן שוין ייִדן, דער עמוד זאָל ווערן פֿרײַ, מנחה צו דאַוונען.

באַשײַנן און אײַנגעהאַלטן ברענען די יאָרצײַט־ליכט מיטן נר־תּמיד, און צוזאַמען מיטן בית־עולם האַלטן זיי דעם ייִדן, אַזוי ווי מיט כּשרע הײליקע פֿעדים צוגעבונדן צו יענער וועלט, צו גאָט ברוך־הוא, און יעדער כמאַרעט זיך עפּעס אָנצוגרייטן, עפּעס אָנ־צוגרייטן.

און אַז דער ייִד גייט אַרויס פֿון בית־מדרש און דרייט זיך אַוועק אין מאַרק אַרײַן, קען ער זיך אַזוי גיך ניט באַפֿרײַען פֿון דער השפּעה פֿון יענער זײַט. איבעריקנס, איז עס ניט נייטיק. דער מאַרק איז פּוסט, די פּרנסה איז קליין. די הוצאה איז אמת אויך ניט אַזוי גרויס — אַ הערינג מיט אַ טעפּל קאַרטאָפֿל קאָסט ניט מי־יודע וויפֿיל. פֿאַר־ריכטן אַ שיך, אַ בגד, איז דער שטעטער מיטן שנײַדער אויך ניט קיין גרויסע יקרנים, און טאָמער איז דער בגד ניט אַזוי גאַנץ, איז אויך ניט קיין גוואַלד: אין די גרויסע שטעט פֿאָרן נאָר געציילטע, שידוכים טוט מען צווישן זיך, און אַז מען כאַפּט זיך אַמאָל אַראָפּ קיין זאַסקעוויץ צעמאָלן אַ וועקל קאָרן אָדער אײַנקויפֿן פֿיש לכּבֿוד־שבת, איז מען אַזוי אויך אַ אָנגעלייגטער גאַסט. שווערער איז מיטן שכר־למוד. קוים האָבט אָבער אונטער דאָס קינד, איז דער וועג אַ באַקאַנטער: גענומען דעם קלומעק אויף די פּלייצעס, און מאַרש אין די ישיבֿות, אין די קלויזן — אויף דעם איז פֿאַראַן „טעג" אויף דער וועלט און בלעכענע פּושקעס אין די הײַזער. אין ס. ווינען אויך פֿאַראַן קלויזניקעס, איז אויך פֿאַראַן „טעג", אָבער אין כּ. לערנען ווידער פֿרעמדע: אַ פֿרעמדע שטאָט איז מער מסוגל צום לערנען —

און אַז עס מאַכט זיך, עס האָבן אונטער אַ ייִנגל מיט אַ מיידל, און מען דאַרף זיי חתונה מאַכן, נעמט מען אַרויס די פֿיר פֿלעקער מיט דער חופּה פֿון דער הייבערשטער שול און מען שטעלט אַ חופּה מיט קלעזמער — טאַקע אויבן שול־הויף.

און אַז עס מאַכט זיך, עמעץ ווערט קראַנק אין שטעטל, לויפֿט מען דעם דאָקטאָר, — דער זעלבער, צו וועמען דער פּריץ קומט אַרײַן אַזוי אָפֿט, אַ מענטש אָן אַ גאַל, וואָס גיט אָפּ די אָרעמע חולאים דאָס,

וואָס ער באַקומט פון די רייכע, און אַ גרויסער עניו, האָט חברט זיך מיט שמשער און שניידער־יונגען. און ווען דער דאָקטער העלפט — העלפט, און ווען ער העלפט ניט — שטאַרבט, קיין תרעומות צו גאָט האָט מען ניט: צייט די מגפה זיינען קיין יונגע ניט געשטאָרבן אין שטעטל.

און אַז עס שטאַרבט עמעץ פון די באַבעס און זיידעס, טראָגט מען דעם אָרון דורכן שול־הויף, און עס באַגלייטן אים קינדער מיט אייניקלעך, און ווען גאָט העלפט, אויך אוראייניקלעך, און מען באַוויינט דעם מת מיט שטילע טרערן — איבערגעלעבט די יאָרן, טאָר מען ניט זינדיקן.

און אַזוי איז דאָס גאַנצע שטעטל דורכגעצויגן, אַזוי ווי מיט אַ פעסטן פאָדעם, וואָס רינגלט אַרום אַלע ייִדן, און נעמט זיי יעדן מאָל צונויף אויפן שול־הויף, ווייזט זיי דורכן פענצטער אַ רמז אויף יענער וועלט, מאַכט פיל זייערע ליפן מיט איינע און די זעלבע תפילות, איינע און די זעלבע קאַפּיטלעך תהילים און זייערע הערצער מיט איינע און די זעלבע בקשות ותחנונים, און האַלט זיי אין איין עדה געבונדן.

קומט שבת אין בית־מדרש אַריין — לענגער און באַהאַרציקטער דאַוונט זיך שבת. די טאַטעס ברענגען זייערע קינדער מיט זיך. און לערנען זיי דאַוונען פון סידור. פרייטאָג פאָרן זיך נאָך צונויף די ייִדן, וואָס פאַרברענגען אַ גאַנצע וואָך אין די דערפער, און קומען אין בית־מדרש אין בגדי־שבת ויום־טוב, און מען איז מכבד איינע די אַנדערע מיט די שענסטע עליות, און דערנאָך גייט מען אויף כיבוד איינע צו די אַנדערע.

נאָך מנחה, נאָך שלש־סעודות, ווי נאָר דער בין־השמשות הייבט אָן געדיכטער ווערן, און די ייִדן, אַלע ווי איינער, קלייבן זיך ווידער צונויף אין בית־המדרש, גיט חנה דער מלמד אַ קלאַפּ אויף דער בימה מיט זיין ביינערדיקער האַנט און הייבט אָן מיט אַ הייזעריקער שטימע:

אשרי תמימי דרך
ההולכים בתורת ה׳

און דער גאַנצער עולם ענטפערט אים באַלד, אַזוי ווי אַ מחנה בינען פון אַ בינשטאָק מיט אַ סך קולות, ווי איין קול:

אשרי נוצרי עדותיו
בכל לב ידרשוהו.

און בל־זמן דער בית־המדרש זאָגט תהלים, ווערט דער בין־השמשות אַלץ געדיכטער, און נענטער קומט די צייט, ווען די רשעים וועלן צוריק אין גיהנום גיין. און וואָס פינסטערער עס ווערט אין בית־מדרש, אַלץ דייטלעכער און העלער טרעט אַרויס דער נר־תמיד, אַלץ בלאַסער טרעטן אַרויס די מצבות הינטערן פענסטער, און בלאַסער ווערן די רמזים....

העכער און באַטעמטער ווערט דאָס תהלים זאָגן. דאָס דאַוון ווערט וואַרעמער, באַהאַרציקטער ווערן די שטימען, און דאָס זאָגן ווערט טרייעריקער און צעציטערנער, אַזוי ווי עס וואָלט שווער זיין צו שיידן זיך מיט די הייליקע ווערטער, מיט יעדן וואָרט באַזונדער.

און חנה דער מלמד הייבט ווידער אָן מיט אַ קול בקשה והתחנונים:

למנצח בנגינות מזמור שיר
אלקים יחננו ויברכנו....

דער גאַנצער עולם גיט זיך אַ כאַפּ, ווי אַ מחנה מענטשן, וואָס איינער האָט זיי פּונקט צוגעטראָפן צום האַרצן, און האָט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס עס האָט אין די סאַמע טיפעניש געטליעט, און דער עולם כאַפּט אונטער מיט התלהבות: טאַקע! טאַקע!

יאר פניו אתנו סלה!

חנה דער מלמד זעט, ער האָט צוגעטראָפן צום פּינטל, ער האָט באַהערשט דעם גאַנצן עולם, ווערט ער ביי זיך פעסטער, מוטיקער, און מיט אַ נידעריקער, אָבער זיכערער שטימע פירט ער ווייטער דעם עולם איפן גוט־באַקאַנטן וועג:

ל—דעת ב—ארץ ד—כך
בכל ג—ים....

יאָ, דער עולם איז אויפֿן רעכטן וועג, דער עולם פֿאַרשטייט שוין אַליין, וואָס מען מיינט, און גיט אַ זאָג מיט איין קול, אַזוי ווי אַ קלאַנג פֿון אַ טרויער־גלאָק אַרויס: יאָ, יאָ

ישׁ—ע—תּי—ך!

באַלד פֿאַלט אָבער ווידער אַריין אַ מחשבה אין די הערצער, אַ ספֿק פֿאַלט אַריין, אַזוי ווי איינער, וואָס גייט אין אַ פֿינסטערער נאַכט דורך אַ גרויסן געדיכטן וואַלד און הייבט אָן פּלוצלונג צו צווייפֿלען, צי ער האָט פֿון די ריכטיקן וועג ניט פֿאַרבלאָנדזשעט, און די הערצער ווערן ווייטער צעבראָכן, און די קולות צעבראָכן.

חנה זעט, מען פֿאַרלאָזט זיך ניט אויף אים — מסתּמא האָט ער ניט זוכה געווען, ווערט זיין שטימע יעדן מאָל שטילער, און ער גייט שוין ניט פֿאָראויס פֿאַרן עולם, נאָר טריט ביי טריט מיט אַלע צוזאַמען, און ביסלעכוויז הייבט ער אָן אָפּשטיין, און באַלד ווערט זיין שטימע אינגאַנצן פֿאַרלאָרן, און דער עולם זאָגט שוין איינער אַליין, בלאָנדזשעט אַליין אין די ווילדעניישן: גאָט ווייסט אַרויספֿירן, גאָט וועט אַרויספֿירן....

געענדיקט דאָס תּהלים זאָגן. דער עולם וואַרט, אַזוי ווי עס וואַרט איינער, וואָס מען משפּט אים, אויף זיין פּסק־דין. פֿינסטער, קיין מענטשן זעט מען ניט, מען פֿילט נאָר, ווי עס טראָגט זיך אָן אָטעם פֿון אַ גאַנצער עדה, שטיל און פֿאַרזיכטיק אין דער פֿינסטער.

יינגלעך קוקן דורך די פֿענסטער, וואָס זיינען מיט אַ בלייַלעכן שלייער פֿאַרצויגן, אין הימל אַרויס, צי גאָט האָט נאָך זיינע שטערנדלעך ניט אָנגעצונדן און האָט נאָך דעם סיגנאַל ניט געגעבן מעריב צו דאַוונען. אָבער ניין, גאָט האָט נאָך קיין סיגנאַל ניט געגעבן, קיין שטערן זעט מען ניט, מען זעט נאָר, ווי עס קלייבן זיך נעפּלדיקע שאָטנס הינטער די פֿענסטער, און די חבֿרה יינגלעך רוקן זיך שטיל אַוועק און זיי באַהאַלטן זיך הינטער זייערע טאַטעס. זיי ווייסן, די יינגלעך, אַז דאָס קלייבן זיך די מתים אויפֿן בית־עולם און וואַרטן, דער בית־מדרש זאָל ווערן פֿריי, וועלן זיי קומען, זייערע תּפֿילות צו פֿאַראַוונען.

און אין דער צייט, וואָס דער עולם יידן זיצט אין בית־מדרש און וואַרט, דער הייליקער שבת־קודש זאָל אַוועק, ווען די דרעמלענדע פייגל אין די טאָפּאָלן און די בלומען ווען ביי די זייטן פון דעם הינטערשטעטלדיקן וועג, ווי עס ציען זיך שטיל יונגע פּאָרלעך אין די שאָטנס פון די ביימער און פאַרקערעווען זיך אין פּריצס הויף אַריין. אָבער שטרענג האַלטן די פייגל און די בלומען זייער סוד. און אַז די טאַטעס קומען צוריק פון בית־מדרש הבדלה צו מאַכן, זיינען שוין אַלע ווידער אויף די ערטער אין די שטיבער, און קיינער ווייסט פון קיין שום מעשה ניט.

---

און ביסטו יאָרן־לאַנג אין דער פרעמד געווען, און ביסטו געוואָרן אַלט, פאַרזאָרגט און צעבראָכן און וועסטו צוריק אין דיין שטעטל קומען, וועסטו זי שוין אינגאַנצן ניט דערקענען.

וואו זיינען די טאַטעס? שוין ווייטעס געוואָרן. גרויע האָר האָבן זיך אין קאָפּ און באָרד באַוויזן. דער זקן אויסגעבויגן און אין האַנט אַ שטעקן. און דער בית־מדרש? עלטער און שוואַרצער געוואָרן, אַזוי ווי אַ פאַרזאָרגטער קוקט ער אַרום זיך. דער דאַך איז מיט גרינעס מאָך באַוואַקסן, די טרעפּ אין עזרת־נשים האָבן אונטערגע־פוילט און זיי בויגן זיך אונטער די טריט. דאָס שטעטל איז באַדייטנד פאַרגרעסערט געוואָרן: פון אַ סך ישובים האָט מען אַהער די יידן צונויפגעטריבן. אין מאַרק איז געוואָרן טומלדיקער — דער יונגערער דור איז מער אין דאגות־פרנסה פאַרזונקען. די בעלי־עגלות, וואָס פלעגן אַמאָל אויף טעג און וואָכן אין די ווייטע שטעט אַוועק־פאָרן, האָבן זייערע אומגעלומפּערטע וועגענער אויף עלעגאַנטע ברעטש־קעס איבערגעביטן, און די קליאַטשעס האָבן זיי אויפן מאַרק ביי די ציגיינער אויף בעסערע אויסגעהאַנדלט, און זיי פאָרן אום אַהין און אַהער אויף דער פינף־ווערסטיקער שטרעקע צו דער באַן און פון דער באַן, און פירן אום מענטשן אַהין, מענטשן אַהער; און ביי־נאַכט, אַז עס ווערט שטיל, הערט זיך, ווי עס פייפט ערגעץ פון דער ווייטן, און איר פילט, ווי די ערד ציטערט אונטער די פיס.

און די מענטשן, וואָס די בעלי־עגלות ברענגען פון דער באַן,

פֿאַרן אַוועק אַ סך צוריק, אָבער אַ געוויסער טייל בלײַבט — איר וועט זיי גלײַך, נאָכן הילוך און נאָכן אויסזען דערקענען.

עס איז אַראָפּגעקומען אַ לערער, וואָס רעדט גוייש און האָט געעפֿנט אין מיטן מאַרק אַ „שקאָלע", וווּ מען לערנט אָן היטלען.

עס איז אַראָפּגעקומען איינער מיט אַ בלישטשענדיקן דאַשעק און בלישטשענדיקע קאַמאַשן — אַ קאָמיסיאָנער, האָט מען געזאָגט — האָט ער געבראַכט אַ גאַנצן וואָגן מיט מאַשינעס, האָט זיי צוגע־קלאַפּט אין די פֿענסטער פֿון אַ סך הייזער, ווי, להבדיל, די פּושקעס בײַ די טירן, און די טעכטער פֿון שטעטל האָבן גענומען שטריקן זאָקן פֿאַרן קאָמיסיאָנער און קלײַבן נדן און איינשטייער — מענטשן פֿאַר זיך געוואָרן.

און עס איז אַראָפּגעקומען נאָך איינער, האָט לאַנג געזוכט אַ גרייסע „פּאָמעשטשעניע", האָט עס ענדלעך געפֿונען אַראָפּ־צו, בײַם סאַמע טײַכל, האָט צונויפֿגעקלײַבן לײדיקע בחורים פֿון שטעטל, קינ־דער פֿון געפֿאַלענע בעלעבאַטים, כּתּם פּוסט־און־פּאַסניקעס, אַ פּאָר אַלט־געזעסענע לערנער, וואָס האָבן לאַנג פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג אַז אויף סמיכה אַז אויף אַ שידוך, האָט צוגענומען אויך דעם איינציקן משוגענעם פֿון שטעטל — נאַטע די שווערבעלע, האָט אײַנגעשריבן פֿון יעדן אַ פּאַרטיע פֿעל, און האָט געעפֿנט די ערשטע „פֿאַבּרי־קאַציע" אין שטעטל.

און שוסטער־יונגען און שנײַדער־יונגען זײַנען געקומען, שענער אָנגעטאָן פֿון די רײַכסטע בעלעבאַטים אין שטעטל, מיט שוואַרצע זײגערס, מיט גראָבע ניי־גאָלדענע קייטן פֿון קעשענע צו קעשענע און האָבן גענומען באַקלײַדן דאָס שטעטל פֿון „ווּשודנאַל".

און „לערערלעך", העברעישע און רוסישע, מיט קנעפּלעך און אָן קנעפּלעך, האָבן אָפּגעהונגען די „סאַלקעס" אין די רײַכערע הײַזער, און בײַטאָג פֿלעגט מען „גאַטאָזשען" קינדער נאָך די נײַסטע מעטאָדעס, און בײַנאַכט פֿלעגט מען אַרומגיין אין די גאַסן מיט גראָבע ביכער אונטער די אָרעמס און מען פֿלעגט זיך קלײַבן איינע צו די אַנדערע אויף טיי, און לידער פֿלעגט מען זינגען, און מען פֿלעגט לאַנג און ערנסט וועגן עפּעס אין די ווינקעלעך זיך שושקען.

די ייִדן פֿון מאַרק פֿלעגן זיך נאָך, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, אַרײַנכאַפּן יעדן מאָל אין בית־המדרש, אָבער „טאַנדעט“ פֿלעגט אַרײַנקומען האַס דאַווענען. די צייט איז געוואָרן קירצער: דאָ גייט אָפּ אַ צוג, דאָ קומט אָן אַ צוג — פֿלעגט מען זיך צו די אורחים מיזן אײַלן און די „אמנס“ מיט די „יהא שמיה רבאס“ פֿלעגן אַרויס־פֿליִען, ווי אויף אַ שרפֿה פֿון די מײַלער, און די מלאכים, וואָס ווערן געבאָרן פֿון די ווערטער, פֿלעגן זיך צעפֿליִען איבערן בית־עולם נעבעכדיקע, צעקאַלעטשעטע, ווי פֿייגל מיט צעבראָכענע פֿליגל. און די מתים אויפֿן בית־עולם פֿלעגן שוין ווייניקער דאַרפֿן וואַרטן, ביז דער בית־מדרש זאָל ווערן באַפֿרייט —

אין דער פּאָדעם, וואָס האָט זיך פֿריער געצויגן פֿון שול אין האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע שטעטל ייִדן אין איין עדה, האָט זיך גענומען רייסן־רייסן, און דער עולם האָט זיך גענומען פֿינאַנ־דערקלעפּן אויף באַזונדערע טיילן, און יעדערער איז געוואָרן אַליין אַליין מער פֿאַר זיך, אַליין מער פֿאַר זיך.

פֿריער האָבן זיך די קינדער, אָרעם און רייך — אַלע צוזאַמען געוואַלגערט אין שמוץ און אין בלאָטע, און האָבן צוזאַמען גע־שפּילט אין זעמדלעך, אין פֿערדלעך, און אין מיטן שול־הויף איז שטענדיק אַ בלאָטקע געשטאַנען. האָט דער נײַער פּריסטאַוו באַפֿוילן ריין צו מאַכן און אויסצוברוקירן, האָט מען געמוזט פֿאָלגן, האָט דער פּריסטאַוו געהייסן די גאַסן מיט בוימער אויסזעצן, האָט מען געמוזט פֿאָלגן — אַ ברירה האָט מען געהאַט? און די קינדער שפּילן זיך איצטער אויף די טרוקענע, אָנגעבריקטע שטיינער, און כיתותווײַז, אָרעמע צו אָרעמע, רײַכע צו רײַכע, וואָרעם די יונגע טאַטעס האָבן שוין זייערע קינדער ש ט אַ ט גענומען לערנען, מיט וועמען עס פּאַסט יאָ און מיט וועמען עס פּאַסט נישט.

און די מאַשינקעס קלאַפּן פֿון אין דער פֿרי ביז בײַנאַכט אין די אָפֿענע פֿענסטער. און פֿאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, קלײַבן זיך די מיידלעך איינע צו דער אַנדערער אונטער די פֿענסטער, און ביכלעך גייען אום פֿון איין האַנט צו דער אַנדערער, און עס ווערט געפֿירט אַ שטילער שמועס, און יעדן מאָל ווערט אַ בליק געוואָרפֿן, צי עס גייט נישט אַ ווײַטיקער פֿאַרבײַ.

און שפּעטער צו, אַז די אַרבעטער גייען אַראָפּ פֿון די ווערקשטאַטן, קומען זיי זיך צונויף אויפֿן שול־הויף. מען זעצט זיך אַרײַן אויף די בענק אונטער די פֿענסטער, און מען לאַכט, און מען וואָרטלט זיך, אָבער באַלד כאַפּט מען זיך ווידער צוריק, אַזוי ווי מען וואָלט דאָ עפּעס אַ גרויסע עוולה אָפּגעטון, און מען טוט זיך ווידער אַרײַן אין די טיפֿסטע שמועסן.

און אַז עס ווערט פֿינסטערער, הייבן זיך אָן ציען פּאַרלעך פֿון שול־הויף מיט זײַטיקע געסלעך פֿון שטעטל אַרויס און פֿאַרשווינדן אויפֿן וועג צום פּריצס הויף.

אַ קעלער — זאָגט מען — האָט דער פּריץ, אַהין קומען זיך צונויף אַרבעטער מיט אַרבעטערקעס, חברים און חברטעס, און דאָרטן, זאָגט מען, זעצן זיך אַרום בחורים מיט מיידלעך צוזאַמען, און מען לייענט זיי פֿון די ביכער, און מען האַלט פֿאַר זיי דרשות, און מען לערנט זיי מחלל־שבת צו זײַן, לייקענען אין גאָט, ניט פֿאָלגן טאַטע־מאַמען און, רחמנא־לצלן, מורד זײַן במלכות.

און אַז די „אַרבעטער" מיט די „אַרבעטערקעס" קומען שפּעט ביינאַכט צוריק אַהיים און קלאַפּן אָן אין די פֿאַרשלאָסענע טירן, עפֿענען די טאַטעס די טירן און זיי פֿרעגן:

— אַזוי פֿיסט געווען, זון, טאָכטער?

ענטפֿערן די קינדער:

— שפּאַצירן געגאַנגען.

אָבער די טאַטעס גלייבן ניט און זיי וואָרענען די קינדער:

— גייט ניט, קינדער, צום פּריץ, היט אײַך פֿון „קרימינאַל".

אָבער די אויגן פֿון די קינדער הייבן אַרויס רויקייט און באַוואוסטזיניקייט און עס ברענט אין זיי אַ פֿײַערל — איין פֿײַערל אין אַלע אויגן, און עס ציטיקט זיך איין געדאַנק אין אַלע הערצער און איין ליד בליט אויף אַלע ליפּן פֿונאַנדער, און די, וואָס זײַנען אין פּריצס הויף געווען, שווײַגן וועגן דעם, און די, וואָס זײַנען ניט געווען, דערציילן זיך אָן נסים ונפֿלאות.

און וואָס ווײַטער ווערט דער וועג צום פּריץ אַלץ איבערגעטראַמענער, די מעשׂיות ווערן קלערער; די פֿויגל האָבן עס שוין לאַנג אַרום און אַרום, איבערן גאַנצן געגנט אין די הערלעכסטע לידער

צעהונגען, דער ווינט האָט דעם ריח פֿון די בלומען העט־ווייט ביז
זאַסקעוויץ און נאָך ווייטער פֿאַרטראָגן. קינד און קייט רופן עס
שוין ביים נאָמען אָן — און דאָרט, אין געהיימענישפֿולן קעלער פֿון
פריצים הויף, ווערט צווישן די קינדער צוריק פֿאַרצווייגן דער פֿאָדעם,
וואָס האָט זיך צווישן די טאַטעס צעריסן.

און אַז דער קאָמיסאָנער קומט איינמאָל נייע אַרבעט פֿאַרגעבן,
שטעלן זי מיידלעך אַרויס „פֿאָרעהונגען". קומען אַראָפּ פריצים און
בלויע היטלען פֿון דער גובערניע און זיי גיבן זיך אַ נעם אויף
ווייער שפּיגער צו דעם יונגהאַרץ און שטעטל און צום פריץ אין
הויף, און דאַמאָלסט שווימט עס אַרויס, אַזוי ווי ביימל אויפֿן וואַסער.

# אינהאַלט.

זייט

אַנשטאָט א פאָררעדע . . . . . . . . . . . . . . 3

## דורך די טויערן פון יאָר:

טויער I . . . . . . . . . . . . . . . . . 7
טויער II . . . . . . . . . . . . . . . . . 13
טויער III . . . . . . . . . . . . . . . . . 30
טויער IV . . . . . . . . . . . . . . . . . 37
ליטע . . . . . . . . . . . . . . . . . 52
פון די פעטערבורגער לידער . . . . . . . . . . . . 59
יאפּאַניש . . . . . . . . . . . . . . . . . 63
בעסאַראַביע . . . . . . . . . . . . . . . . . 65

## פּאָעמען:

דער זיג פון די באזיגטע . . . . . . . . . . . . . 69
הרי את מקודשת . . . . . . . . . . . . . . . 86
דער גראף און די יידן (לעגענדע) . . . . . . . . . . . 104
די וואונדערלעכע נסיעה (א יידישע מעשהלע) . . . . . . . . . 114

## נאָוועלן און דערציילונגען:

דער אייז קאַלטער . . . . . . . . . . . . . . . 135
די שניי־רויז . . . . . . . . . . . . . . . . 141
איבער די הויכע ווייסע דעכער . . . . . . . . . . . . 151
דער פארשטויסענער . . . . . . . . . . . . . . . 156
ביים שיידוועג . . . . . . . . . . . . . . . . 162
צו דער זון . . . . . . . . . . . . . . . . . 169
פרוי אָדער מענטש . . . . . . . . . . . . . . . 177
דער שפּיאָן . . . . . . . . . . . . . . . . . 182

אויפן בערגל . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 192
רענגס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 204

## אַ חורבן פון אַ ישוב (קאַפּיטלען):

אויף דער וויליע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 211
דער אַלטער רענדאַר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 216
אויף אַ קאַלמאַשקע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 220
„פּאָליציע" . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 229
די פּערד־הענדלער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 236
זומער אויפן ישוב . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 244
אין שטאָט אויפן ברוק . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 251
אויסגעקאַנקורירט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 259
די חורבה . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 265
דער שמיד פון באַבוזשע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 270
יידישע ציגיינער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 277
דער הויף און דער שול־הויף . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 283